STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11198

DRAY DYALOGN TSVISHN HAYLAS UN FILONUS

George Berkeley

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דזשאָרדזש בערקלי

דריי דיאַלאָגן
צווישן
הײלאַס און פילאָנוס

פון ענגליש:

ד"ר מאָריס פינקל

און

יעקב באָבינסקי

ש. ניגער

5/5132

„פילאָזאָפישע ביבליאָטעק"

1938 שיקאַגאָ

Printed in Poland

GEORGE BERKELEY

THREE DIALOGUES
BETWEEN
HYLAS and PHILONOUS
(Draj dialogn cwiszen
Hajlas un Filonus)

Ferlag „Philosophische Bibliotek"
1868 So. Central Park Ave.
Chicago, Ill. U. S. A.

זעצעריי ה. גלאנץ, מוראנאָווסקע 28 י׳ 25

Druk. „G r a f i a" Warszawa

פאָרוואָרט

אין דער אַנטוויקלונג פון דעם מענטשלעכן דענקען איז בערקלי איינער פון די גייסטיקע ריזן, וואָס האָט געלייגט זיין חותם אויף אַלע דורות ביז היינטיקן טאָג. חוץ זיינע גרויסע פאַרדינסטן אויף די געביטן פון אָפּטיק, מאַטעמאַטיק און פּסיכאָלאָגיע, איז זיין הויפּט־פאַרדינסט אין דער עפּיסטעמאָלאָגיע; דאָס איז דער טייל פון דער פילאָזאָפיע, וואָס גיט זיך אָפּ מיט דער דערקענטעניש־טעאָריע, ד״ה דעם אופן ווי אַזוי מיר דערקענען די וועלט. און אַלס פועל־יוצא פון דעם קומט אַרויס זיין אייגנאַרטיקע אויפפאַסונג וועגן דעם מהות פון דער אָביעקטיווער וועלט,– זיין טעאָריע וועגן רעאַליטעט.

בערקלי איז אין הסכם מיט די ענגלישע פילאָזאָפן פון זיין עפּאָכע, ער איז אַן עמפּיריקער, ער שטימט איין מיט זיין פאָרגייער, דעם ענגלישן פילאָזאָף דזשאָן לאָק, אַז אונדזערע פילאָזאָפישע אויספירן דאַרפן זיין באַזירט אויף דער אויספאָרשונג פון אונדזער דערפאַרונג. דער מעטאָד דאַרף באַשטיין אין באַאָבאַכטונג און אינטראָספּעקציע, ד״ה דאָס אַריינטראַכטן און פאַרטיפן זיך אין אונדזערע אינערלעכע איבערלעבענישן. ביז אַ געוויסן פונקט גייט בערקלי צוזאַמען מיט לאָקן אין זיין סענסואַליסטישער דערקענטעניש־טעאָריע, אָבער כדי מיר זאָלן בעסער פאַרשטיין בערק־

ליס גרויסן אויפטו, וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף די שוועריקייטן אין דער דערקענטעניש־טעאָריע בכלל און וועגן לאָקס דערקענטעניש־טעאָריע בפּרט.

די דערקענטעניש־פּראָבלעם באַשטייט אין קלאָר מאַכן דעם מקור און ווערט פון דער מענטשלעכער דערקענטעניש. פון איין זײַט האָבן מיר אַ דרויסנדיקע וועלט, וואָס באַשטייט פון זאַכן; פון דער צווייטער זײַט האָבן מיר די אינערלעכע וועלט פון דעם מענטשנס געדאַנק. איז ערשטנס די שאלה, ווי אַזוי פאַרבינדן זיי זיך אײנע מיט דער אַנדערער, ד"ה, ווי אַזוי דערקענען מיר די דרויסנדיקע וועלט; צווייטנס, וואָס איז דער ווערט פון דער דאָזיקער פאַרבינדונג, ד"ה, צי קאָנען מיר אָננעמען, אַז מיר דערקענען טאַקע די דרויסנדיקע וועלט ווי זי איז באמת אין זיך גופא.

לויט די מאַטעריאַליסטן, וואָס האַלטן, אַז אין דער וועלט איז פאַראַן בלויז מאַטעריע, און אַלץ וואָס קומט פאָר אין דער וועלט, זענען בלויז פאַרשיידענע פאַרמען פון דער זעלביקער מאַטעריע, מוז מען אָננעמען, אַז די אינערלעכע דענקנדיקע וועלט פון דעם מענטש איז בלויז אַ פּראָצעס, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין דעם מענטשנס מאַרך. איז ערשטנס שווער צו פאַרשטיין, ווי אַזוי מאַטעריע, — פאַרשטאַנען אַלס עפּעס, וואָס האָט פיגור און איז אויסגעשפּרייט אין רוים, — ווערט פאַרוואַנדלט אין אַזאַ עפּעס, וואָס קאָן נישט באַצייכנט ווערן מיט קיין איינעם פון די אַטריבוטן, מיט וועלכע מיר באַצייכענען מאַטעריע, און איז אין גאַנצן אַנדערש פון דעם, וואָס מיר באַגרייפן אונטער דעם וואָרט מאַטעריע; צווייטנס, פון מאַטעריאַליסטישן

שטאַנדפּונקט זענען די חושים דער איינציקער מקור פֿאַר דער דערקענטעניש, וואָס איז בלויז אַ מאַטעריעלער פּראָצעס אין מענטשנס מאַרך, אָבער עס איז דאָך קלאָר, אַז די מענטשלעכע דערקענטעניש שטײַגט ווײַט אַריבער די גרענעצן פֿון דעם, וואָס די חושים גיבן אונדז, און עס בלײַבט במילא די שאלה, ווי אַזוי קומט עס פֿאַר, פֿון וואַנען נעמט זיך דאָס.

דעקאַרט האָט פּרובירט געבן אַן ענטפֿער אויף דער דאָזיקער פּראָבלעם פֿון דואַליסטישן שטאַנדפּונקט. ער נעמט אָן, אַז עס איז פֿאַראַן מאַטעריע, וואָס איר הויפּט־סימן איז אויסגעשפּרייטקייט אין רוים, פֿון דעם באַשטייט די דרויסנדיקע וועלט פֿון זאַכן; עס איז אָבער אויך פֿאַראַן גײַסט אָדער געדאַנק, וואָס איז אין גאַנצן אַנדערש פֿון מאַטעריע, און רוים אָדער אויסגעשפּרייטקייט האָט מיט גײַסט קיין שום שייכות נישט. די אינערלעכע געדאַנקען־וועלט פֿון דעם מענטשן איז אַ חלק פֿון דאָזיקן גײַסט. אונדזער דערקענטעניש איז דער פּועל־יוצא פֿון דער קעגנזײַטיקער ווירקונג, וואָס ביידע סובסטאַנצן האָבן איינע אויף דער אַנדערער.

אַנטקעגן דעקאַרטס שיטה לאָזט זיך פֿרעגן פֿאָלגנדע האַרבע שאלה: אויב עס איז נישט פֿאַראַן קיין שום ענלעכקייט צווישן גײַסט און מאַטעריע, ווי אַזוי קאָנען מיר זיך פֿאָרשטעלן, זיי זאָלן זיך קעגנזײַטיק באַווירקן? אויף דעם האָט דעקאַרט נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה, ווי צו ענטפֿערן, אַז דאָס געשעט דורך אַ וווּנדער פֿון גאָט; גאָט דער אַלמעכטיקער האָט אַזוי איבערגעאַנדערשט די

צוויי סובסטאַנצן, פון גייסט און מאַטעריע, אין מענטשלעכן אָרגאַניזם, אַז זיי זאָלן ווירקן איינער אויפן אַנדערן. דעקאַרט האָט אָנגעצייכנט אַ געוויסן פּונקט אין מאַרך, ווו דער געדאַנק געפינט זיך, און האָט אויסגעאַרבעט אַ גאַנצע סיס־טעם, ווי אַזוי דער פּראָצעס פון דערקענטעניש קומט פאָר.

אַז אַזאַ תירוץ איז שווערלעך, איז זעלבסטפאַרשטענד־לעך. דער מענטשלעכער געדאַנק זוכט כסדר איין פּרינ־ציפּ, וואָס דורך אים זאָל מען קאָנען דערקלערן אַלע דער־שיינונגען, כדי מען זאָל נישט דאַרפן אָנקומען צו אַ דריטן כח, וואָס געפינט זיך מחוץ די גרענעצן פון דער פּראָבּ־לעם, וואָס מיר פאַרשן אויס, ווי דאָס איז דער פאַל מיט דעקאַרטס לערע. אַ סך פילאָזאָפן נאָך דעקאַרטן האָבן פּראָ־בירט לייזן די פּראָבּלעם אויף פאַרשיידענע אופנים, מיר וועלן זיך אָבער אָפּשטעלן בלויז אויף דזשאָן לאָק, מחמת בערקלי איז פון אים אַמשטאַרקסטן באַאיינפלוסט געוואָרן.

לאָק לערנט, אַז נאָך דעם, ווי מיר אונטערזוכן און אַנאַליזירן אונדזער דערפאַרונג, געפינען מיר, אַז אונדזער גאַנצע דערקענטעניש איז בלויז וועגן אידעען. אונטער אי־דעען פאַרשטייט לאָק אַלע אָביעקטן פון דעם געדאַנק, ווען דער מענטש דענקט. די אידעען ווערן צעטיילט אין צוויי מינים, וואָס שטאַמען פון באַזונדערע מקורים: א) די אי־דעען, וואָס מיר באַקומען דורך אַ דרויסנדיקן חוש, ווערן אָנגערופן אידעען פון פּערצעפּציע; דאָס זענען די אידעען, וואָס מיר באַקומען דורך די חושים, ווי קאָלירן, ריחות, טעמים אאַ״וו; ב) די אידעען, וואָס מיר באַקומען דורך דעם אינערלעכן חוש, ד״ה, דורך די אָפּעראַציעס פון דעם געדאַנק

גופא, ווי די אידעען וועגן פּילן, צווייפֿלען, וועלן און בדומה, ווערן אָנגערופֿן אידעען פֿון רעפֿלעקסיע. לאָק איז מסכּים מיט דעקאַרטן, אַז דער מענטש האָט אַ נשמה אָדער געדאַנק, ער האַלט אָבער, אַז די נשמה קומט אויף דער וועלט בעתן געבוירן ווערן ווי אַ ליידיק בלאַט פּאַפּיר, און וועלכן עס איז אינהאַלט. די דרויסנדיקע חושים און דער אינערלעכער חוש זענען די צוויי פֿענצטער, דורך וועלכע עס שטראַלן אַרײַן אין דער נשמה די דערקענטעניש פֿון דער וועלט. דורך די דרויסנדיקע חושים באַקומט די נשמה אידעען פֿון דער דרויסנדיקער וועלט, מיט וועלכע דער אינערלעכער חוש אָפּערירט.

ווען מיר טראַכטן זיך אַרײַן אין לאָקס געדאַנק וועגן די אידעען פֿון פּערצעפּציע, געפֿינען מיר, אַז אין פּראָצעס פֿון דעם אַרט דערקענטעניש גייען אַרײַן דרײַ עלעמענטן: א) די דרויסנדיקע מאַטעריעלע זאַך; ב) דער געדאַנק; ג) די אידעע, וואָס פֿאַרנעמט אַ פֿאַרמיטלערישע פּאָזיציע צווישן דער דרויסנדיקער זאַך און דעם געדאַנק. לויט לאָקס שיטה קאָן דער געדאַנק נישט אויפֿנעמען זאַכן דירעקט אָדער אוממיטלבאַר, נאָר ער מוז אָנקומען צו דער פֿאַרמיטלונג פֿון אידעען, וועלכע זענען קאָפּיעס אָדער בילדער פֿון די דרויסנדיקע מאַטעריעלע זאַכן. לאָקס דערקענטעניש-טעאָריע ווערט דעריבער אָנגערופֿן „די קאָפּיע-טעאָריע פֿון דער־קענטעניש", ד"ה, די דערקענטעניש-טעאָריע, וואָס האַלט, אַז דער געדאַנק נעמט אויף בלויז אידעען, וואָס זענען קאָ־פּיעס פֿון דרויסנדיקע מאַטעריעלע זאַכן. אַ דאַנק דעם, וואָס לאָק האָט געמאַכט די אידעען אַלס פֿאַרמיטלער אין

דעם אַקט פון דערקענטעניש, האָט ער אין אַ געוויסן זין אויסגעמיטן די שוועריקייט, וואָס מיר האָבן געפונען ביי דעקאַרטן, נעמלעך: ווי אַזוי פאַרבינדן זיך צוויי עלעמענטן, וואָס זענען אין גאַנצן אַנדערש איינער פון דעם צווייטן.

בערקלי ווייזט אָן, אַז לאָקס דערקענטעניש-טעאָריע, וואָס האַלט, אַז דער געדאַנק נעמט אויף בלויז קאָפּיעס פון דרויסנדיקע זאַכן, איז נישט אויסגעהאַלטן צוליב פאָלגנדע טעמים: א) כדי מיר זאָלן זיין זיכער, אַז אונדזערע אידעען זענען קאָפּיעס פון דרויסנדיקע זאַכן, דאַרפן מיר קאָנען פאַרגלייכן די קאָפּיעס, דאָס הייסט די אידעען, מיט דעם אָריגינאַל, ד״ה די דרויסנדיקע זאַך, און דאָס איז אוממעגלעך לויט לאָקס שיטה, מחמת דער געדאַנק באַנעמט די דרויסנדיקע זאַך בלויז דורך דער פאַרמיטלונג פון דער אידעע, במילא בלייבט די דרויסנדיקע זאַך (ד״ה דער אָריגינאַל) פאַר זיך גופא אויסגעשלאָסן פון אונדזער דערקענטעניש; ב) אויב דער געדאַנק נעמט נישט אויף די דרויסנדיקע מאַטעריעלע זאַך אוממיטלבאַר, דאַן מוז די דאָזיקע דרויסנדיקע זאַך דערפילן אַ נוצלעכע פּראַקטישע פונקציע, כדי מיר זאָלן זיין באַרעכטיקט אָנצונעמען די סברה, אַז אַזאַ זאַך עקזיסטירט; דאָס קאָן מען אָבער נישט אָנווייזן, ווייל לאָק איז מודה, אַז דער כאַראַקטער פון מאַטעריע איז אין גאַנצן פּאַסיוו, דעריבער קאָן די דרויסנדיקע מאַטעריעלע זאַך נישט דערפילן די פונקציע, וואָס לאָק האָט פאַר איר באַשטימט, נעמלעך: צו פּראָדוצירן די אידעען פון פּערצעפּציע. דאָס קאָן זיין בלויז די פונקציע פון אַן אַקטיוון כוח. דעריבער קומט בערקלי צום שלוס, אַז אויב די דאָ־

זיקע דרויסנדיקע מאַטעריעלע זאַך איז דירעקט נישט עמ־פּינדבאַר און פּראַקטיש נוצלאָז, בלײַבט נישט קיין שום גרונט אָנצונעמען די סברה, אַז אַזאַ זאַך עקזיסטירט בכלל.

לערנט טאַקע בערקלי, אַז אין דער דערקענטעניש דאַרפן מיר נישט אָנקומען צו אַ וועלכן עס איז דרויסנדיקן, מאַטעריעלן עפּעס, וואָס עקזיסטירט אומאָפּהענגיק פון געדאַנק. נישט נאָר האָבן מיר נישט קיין שום גרונט אָנצונעמען, אַז דרויסן פון אונדז עקזיסטירט אַ וועלכע עס איז מאַטעריעלע וועלט, נאָר עס איז אַ פּשוטער אומזין אַזוי צו דענקען. די עקזיסטענץ פון אַ זאַך איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי איר פאַראַנען זײַן אין אַ באַוווסטזײַן. און בערקלי באַמיט זיך צו באַווײַזן, אַז פון קיין אַנדער מין עקזיסטענץ האָבן מיר בכלל קיין באַגריף נישט. אַזוי אַרום ווערט בערקלי פּטור פון די אַלע שוועריקייטן, וואָס מיר האָבן געפונען בײַ דעקאַרטן און בײַ לאָקן, ווײַל אויב קיין מאַטעריע איז בכלל נישט פאַראַן, פאַלן במילא אָפּ אַלע שאלות, וואָס זענען אַ פועל־יוצא פון דעם דואַליזם צווישן מאַטעריע און געדאַנק.

בערקליס גרויסער אויפטו באַשטייט נישט בלויז אין זײַן קריטיציזם לגבי לאָקן (ווי אַ סך, וואָס האָבן בערקלין נישט גוט פאַרשטאַנען, מיינען), נאָר אין זײַן פּאָזיטיווער לערע וועגן גײַסט אָדער געדאַנק. בערקלי איז דער ערשטער פון די מאָדערנע פילאָזאָפן, וואָס האָט אָנערקענט די וויכטיקייט פון דעם דערקענענדיקן סוביעקט אין דער דערקענטעניש פון דער וועלט. היות ווי די פילאָזאָפיע ביז אים האָט בדרך כלל געהאַט אָנגענומען, אַז דער געדאַנק איז

אָפּהענגיק פון דער דרויסנדיקער וועלט אין זײַן אַקט פון דערקענטעניש, האָט בערקלי געמאַכט דעם קאָפּערניקאַנישן איבערקער און האַלט, אַז די מעשה איז גראָד פאַרקערט: די דרויסנדיקע וועלט איז אָפּהענגיק אין איר עקזיסטענץ פון געדאַנק.

דערפון ווערט במילא קלאָר בערקלי'ס טעאָריע וועגן רעאַליטעט. די רעאַליטעט פון דער וועלט איז גײַסט אָדער געדאַנק, דער גאַנצער אוניווערסום באַשטייט פון גייסטיקע וועזנס פון פאַרשיידענע מדריגות און אידעען אָדער זאַכן, אַלע גײַסטיקע וועזנס חוץ גאָט זענען באַגרענעצט, אָדער ענדלעך אין זייערע כּוחות. גאָט איז דער איינציקער גײַס־טיקער וועזן, וואָס איז אומענדלעך (אין־סוף), און ער איז דאָס דער מקור פון גאַנצן אוניווערסום.

בערקלי האָט פאַרויסגעזען און האָט פאַרענטפערט אין פאָרויס דעם סקעפּטיציזם פון שפּעטערדיקן פילאָזאָף דוד יום. יום האָט געלערנט, אַז די זעלבע אַרגומענטן, מיט וועלכע בערקלי האָט פאַרניכטעט די מאַטעריעלע סובּ־סטאַנץ, קאָן מען אָנווענדן מיט דעם זעלביקן רעזולטאַט אַנטקעגן גײַסט. דעריבער איז יום געקומען צום שלוס, אַז וועגן דער רעאַליטעט פון דער וועלט ווייסן מיר גאָרנישט. דערויף ענטפערט בערקלי, אַז דער פאַל מאַטעריע איז אין גאַנצן אַנדערש פון גײַסט, מחמת וועגן גײַסט האָבן מיר יאָ דירעקטע דערקענטעניש דורך אינטראָספּעקציע. אמת, מיר עמפּינדן נישט קיין גײַסט דורך אונדזערע חושים, אַזוי ווי מיר טוען עס מיט אידעען, מיר ווייסן אָבער וואָס אַזוינס גײַסט איז, דורך אַרײַנטראַכטן זיך אין אונדזערע אייגענע

גײַסטיקע כּוחות. אמת, אונדזערע גײַסטיקע כּוחות זענען באַגרענעצט, מיר קאָנען זיך אָבער פאָרשטעלן אַן אומבאַגרענעצט גײַסטיק וועזן, גאָט, דורך פאַרגרעסערן די מעלות און אויסמײַדן די חסרונות פון באַגרענעצטע גײַסטיקע וועזנס. וועגן מאַטעריע קאָן דאָס בכלל נישט געזאָגט ווערן. וועגן אַזאַ עפּעס האָבן מיר בכלל קיין שום באַגריף נישט.

אין זײַן מאָנומענטאַלן ווערק וועגן בערקלי הייבט אָן דער בערקלי־פאָרשער פּראָפ. אַלעקסאַנדער פרייזער זײַן הקדמה צו די „דרײַ דיאַלאָגן" מיט פאָלגנדע ווערטער: „אָט די אַרבעט איז דער פּערל אין דער ענגלישער מעטאַ־פיזיק". בערקלי איז איינער פון די פילאָזאָפן, וואָס האָט אויסגעאַרבעט די גרונט־געדאַנקען פון זײַן פילאָזאָפישער שיטה נאָך גאָר אין די יונגע יאָרן. בעת ער איז נאָך געווען אַ סטודענט פלעגט ער מיט אַ קליינער גרופּע פרײַנט זיך אָפּט טרעפן, כּדי צו דיסקוטירן פילאָזאָפישע פּראָבלעמען. עס זענען פאַרבליבן די נאָטיצן, וואָס בערקלי האָט גע־מאַכט פאַר זיך וועגן די דאָזיקע דיסקוסיעס. שפּעטער זע־נען זיי געדרוקט געוואָרן אונטער דעם נאָמען Common-place Book. פון די נאָטיצן קאָן מען שוין אַרויסלייענען די גרונטשטריכן פון זײַן שפּעטערדיקער פילאָזאָפישער שיטה. ווען ער איז אַלט געווען בלויז 25 יאָר, איז דערשי־נען זײַן ערשט אויסגעפאָרמירט ווערק „די פּרינציפּן פון מענטשלעכער דערקענטעניש", און מיט דרײַ יאָר שפּעטער, אין 1713, זענען דערשינען די „דרײַ דיאַלאָגן". בערקלי־פאָר־שער ווײַזן אָן, אַז אין די דרײַ יאָר, וואָס זענען פאַרבײַגע־גאַנגען צווישן די „פּרינציפּן" און די „דיאַלאָגן", האָט בערק־

לי דורכגעמאַכט אַ באַדייטנדע אַנטוויקלונג אין זיין פילאָ־זאָפישן דענקען. אונטער דער ווירקונג פון דער שטאַרק־נעגאַטיווער קריטיק, וואָס די דערשיינונג פון די „פּרינציפּן" האָבן אַרויסגערופן, איז ער געווען געצוווּנגען איבערצוטראַכטן און איבערצואַרבעטן זיינע טעזיסן. עס איז קאַנטיק, אַז די „דיאַלאָגן" זענען געשריבן געוואָרן מיט דער כּוונה אויסצומיידן די מיספאַרשטענדענישן פון זיינע קריטיקער. אין דריטן דיאַלאָג שטעלט ער זיך אָפּ בפירוש אויף כּמעט אַלע מעגלעכע פראַגן, וואָס קאָנען אַרויסגעשטעלט ווערן קעגן זיין שיטה אין דער פילאָזאָפיע. חוץ דעם איז די דיאַלאָג־פאָרם זייער מסוגל אַרויסצוברענגען אויף אַ קלאָרן אופן אין אַ וויכּוח די אַרגומענטן פון ביידע צדדים. אַזוי אַרום קומט אין די דיאַלאָגן אַרויס זיין געדאַנקענגאַנג קלאָרער און רייפער, ווי אין זיינע פריערדיקע אַרבעטן.

בערקלי געהערט צו די יעניקע, וואָס זייער שאַפונג איז נישט געהעריק אָפּגעשאַצט געוואָרן ביי זייער לעבן. ערשט שפּעטער, נאָך זיין טויט, האָט די דענקענדיקע וועלט אָנערקענט דעם גרויסן אויפטו פון זיין שאַפונג. פּראָפ. פרייזער ווייזט אָן אויף אַ גאַנצער ריי נעגאַטיווע אָפּהאַנדלונגען אין פאַרשיידענע שפּראַכן וועגן זיין שאַפן, וואָס נעמען זיך פשוט פון מיספאַרשטיין, פון נישט וועלן אָדער נישט קאָנען זיך אַריינטראַכטן אין זיין געדאַנקענגאַנג. און דאָס איז גאָר קיין חידוש נישט. פאַר מענטשן, וועלכע האָבן זיך איינגעלעבט אין געוויסע פאָרמען פון דענקען, איז שווער אויפצונעמען נייע געדאַנקען. דאָס איז דער כּוח

פון קאָנסערוואַטיזם אָדער אינערציע, וואָס איז פאַראַן אין יעדן פון אונדז. לאָרד אַרטור באַלפור אין זײַן ווערק „בערקלי'ס לעבן און שריפטן" מיינט, אַז איינע פון די סיבות, פאַר וואָס בערקלי האָט אין די לעצטע דרײַסיק יאָר פון זײַן לעבן ווייניק געשאַפן אויף דעם פילאָזאָפישן געביט, איז דער מאַנגל אין געהעריקע קריטיקער, וואָס זאָלן אים פאַרשטיין און אָנרעגן זיך צו פאַרטיפן אין זײַן ווײַטערדיקן שאַפן. עס איז מעגלעך, אַז דאָס איז אויך דער טעם, פאַר וואָס בערקלי האָט נישט אַנטוויקלט זײַנע פילאָזאָפישע געדאַנקען אין אַ פולשטענדיקער סיסטעם. אין זײַן זייער וויכטיקן בוך „די אַנטוויקלונג פון בערקלי'ס פילאָזאָפיע", באַווײַזט ג. אַ. דזשאָנסטאָן, אַז אין בערקלי'ס פילאָזאָפישער שיטה געפינען מיר די גרונט־יסודות פון קאַנטס פילאָזאָפישער סיסטעם.

דער מאָטיוו פון פילאָזאָפישן דענקען איז די פּראָבלעם, וואָס מאַטערט דעם פילאָזאָף. עס איז אַ טעות, ווען מאַנכע מיינען, אַז פילאָזאָפיע באַשטייט בלויז אין דער הנאה פון געדאַנקלעכער גימנאַסטיק, פילאָזאָפיע לשם פילאָזאָפיע; ניין, דער אמתער פילאָזאָף האָט קודם־כל פּראָבלעמען, וואָס מאַטערן אים, און ער זוכט אַ לייזונג פאַר זיי, כּדי צו געפינען גײַסטיקע רו. עס איז אויך אַ טעות צו מיינען, אַז צוערשט ספּעקולירט דער פילאָזאָף וועגן וועלכן עס איז פּראָבלעם, און ווען ער קומט צו אַ געוויסן שלוס, דאַן ערשט פּראָקלאַמירט ער עס פאַר זײַן שיטה. ־יער פּסיכאָלאָגישער פּראָצעס איז גראָד דער היפּוך פון ־יעם. דער מענטש אַנטוויקלט זײַן גײַסטיקן מהות אַ סך

פרגער, ווי זײַן ספעקולאַטיוון דענקען, מיט אַנדערע ווער־טער, אין די גאַר יונגע יאָרן אַנטוויקלט זיך בײַ דעם מענטשן זײַן געמיט־צושטאַנד, די גרונט־שטריכן פון זײַן נשמה און דערנאָך אַנטוויקלען זיך די פאָרמען פון דענקען, ד״ה די לאָגיק און די פעיקייט מיט דעם צו אָפּערירן. גאַנץ אָפט פאַסירט, אַז די אינערלעכע נייגונגען פון דער נשמה שטימען נישט מיט דער פאָדערונג פון דעם שכל, און דער פועל־יוצא פון אַזאַ פּראָבלעם איז בײַ דעם גרויסן דענקער אַ נײַער אויפטו אין דער פילאָזאָפישער געדאַנקען־וועלט, ווו דער פילאָזאָף גלײַבט אויס די שכלדיקע שווערקייט מיט זײַן אינערלעכן גײַסטיקן מהות.

אַזוי ווײַזט אָן עדוואַרד קאַירד (Edward Caird) אין זײַן וויכטיקן ווערק „די קריטישע פילאָזאָפיע פון עמאַנועל קאַנט״ (זײַט 240–43, ערשטער באַנד), אַז דערפאַר, וואָס קאַנט האָט נישט געפונען קיין לייזונג אין די פילאָזאָפישע שיטות ביז אים אויף די פּראָבלעמען פון מאָראַל, השארת הנפש און פרײַהייט, וועלכע ער באַהאַנדלט אין זײַן קריטיק פון דעם „פּראַקטישן פאַרנונפט״, האָט ער באַקומען אַ שטויס צו שאַפן זײַן „קריטיק פון דער ריינער פאַרנונפט“. קאַנט איז געווען אַ טיף עטישע נאַטור. זײַנע אינערלעכע געפילן האָבן אים געזאָגט, אַז דער מענטש איז פרײַ, דע־ריבער איז ער פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זײַנע מעשים. קומט דער שכל און פרעגט, ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך אין אַ וועלט, ווו אַלץ ווערט באַטראַכט פון שטאַנדפּונקט פון קאַוזאַליטעט? און כדי צו ענטפערן דערויף איז גע־שאַפן געוואָרן זײַן קריטישע פילאָזאָפיע פון דער ריינער

פאַרנונפט. אַ דאַנק דעם, וואָס קאַנט האָט אָנגעוויזן די גרע־נעצן פון דעם טעאָרעטישן שכל, אַז זײַן ממשלה איז בלויז אין דער פענאָמענאַלער וועלט, די וועלט, וואָס מיר דער־גרייכן צוערשט דורך די חושים, — האָט ער אין דער זעל־ביקער צײַט איבערגעלאָזן דעם מענטשן דעם פּראַקטישן שכל, מיט וועלכן ער קען אַרײַנבליקן אין דער וועלט, וואָס איז למעלה פון דעם טעאָרעטישן שכל; אַ דאַנק דעם וואָס ער האָט געמאַכט דעם מענטשן פאַר אַ בירגער פון די דאָזיקע צוויי וועלטן, האָט ער שלום געמאַכט צווישן די פאָדערונגען פון זײַן אינערלעכן גײַסטיקן מהות, מיט די פאָדערונגען פון זײַן ספּעקולאַטיוון דענקען.

דאָס זעלבע געפינען מיר בײַ בערקלין. ער איז נישט נאָר געווען דער מענטש מיטן שאַרפן שכל, ער איז אויך געווען אַ טיף רעליגיעזע נאַטור. זײַן הויפּט־פּראָבלעם איז געווען הכרת הבורא, ער האָט געגלויבט באמונה שלימה, אַז דורך דעם, וואָס ער וועט דערנענטערן דעם מענטשן צו גאָט, וועט דער מענטש ווערן שענער און בע־סער. דאָס איז דער גרונט־מאָטיוו, וואָס באַלעבט בערקלים גאַנצן שאַפן. ער האָט געלעבט אין דעם אָנהויב פון דער עפּאָכע, ווען די וויסנשאַפטן האָבן גענומען אומגעהויער פּראָגרעסירן. אַדאַנק דעם האָט זיך גענומען שטאַרק אַנט־וויקלען דער סקעפּטיציזם אין פילאָזאָפישן דענקען, דער אַטעיזם און דעיזם אין דער קריסטלעך־רעליגיעזער וועלט. בערקלי האָט איבערגעזען, אַז דער מקור פון די דאָזיקע גע־דאַנקען איז דער פאַרפירערישער גלויבן אין אַ מאַטעריעלן עפּעס, וואָס עקזיסטירט אומאָפּהענגיק פון געדאַנק, האָט ער

אָנגעווענדעט זײַן גאַנצן שאַרפֿזין צו באַווײַזן, אַז אַזאַ זאַך ווי מאַטעריעלע סובסטאַנץ איז בכלל נישט פֿאַראַן.

דער רעליגיעז־געשטימטער מענטש וועט געפֿינען אין בערקליס שאַפֿן אַ קוואַל פֿון לעבעדיקע געדאַנקען פֿון וואַנען ער וועט קאָנען שעפּן נײַע כּוחות אין זײַן רעליגיעז־פֿילאָזאָפֿישן דענקען.

יעקב באַבינסקי

באַמערקונגען וועגן בערקליס טערמינאָלאָגיע

בערקלי צעטיילט די וועלט, וואָס מיר קאָנען דערקענען, אָדער פון וועלכער מיר זענען ביכולת צו האָבן וועל־כע עס איז ידיעה, אין צוויי הויפּט־טיילן, אָדער צוויי מיי־נים אָביעקטן: 1) **Spirits** — גײַסטיקע וועזנס, 2) **Ideas** — אידעען.

דער טערמין א י ד ע ע (Idea).

אידעען באַשטייען: א. פון איינצלנע חושימדיקע קוואַ־ליטעטן, ווי קלאַנגען, קאָלירן אד״גל; ב. פון צוזאַמענגע־שטעלטע חושימדיקע קוואַליטעטן, וועלכע מיר געפינען שטענדיק אין אַ געוויסן סדר, און דאָס זענען זאַכן. דורך אונדזערע חושים באַקומען מיר די ידיעות פון חושימדיקע קוואַליטעטן, ווי היץ, קעלט, קאָלירן, טעמים אא״וו. הגם בערקלי רופט אָפטמאָל אָן איינצלנע קוואַליטעטן מיט דעם טערמין אידעע, באַנוצט ער אָבער בדרך כלל דעם טערמין אידעע פאַר זאַכן.

דער טעם, פאַרוואָס בערקלי רופט אָן זאַכן מיט דעם טערמין אידעע, נעמט זיך פון זיין גרונטגעדאַנק, אַז זאַכן זענען נישט עפּעס אַנדערש ווי אַ סכום צוזאַמענגעשטעלטע חושימדיקע קוואַליטעטן, וועלכע מיר עמפינדן לויט אַ געוויסן סדר און וואָס מיר באַצייכענען אַלס געזעצן פון

דער נאַטור. לויט בערקלין איז גאָט די סיבה פון דער נאַ־טור און אירע געזעצן, און איר עקזיסטענץ איז אָפּהענגיק פון גאָטס געדאַנק.

אַ סך פילאָזאָפן פאַר בערקלין האָבן געהאַלטן, אַז דיווירקלעכע עקזיסטענץ פון זאַכן איז אָפּהענגיק פון אַ מאַטעריעלן סובסטראַטום, ד״ה, אַז מיר מוזן זיך פאָרשטעלן די עקזיסטענץ פון אַ מאַטעריעלן עפּעס, אָן וועלכן די חושימדיקע קוואַליטעטן זאָלן זיך קאָנען אָנהאַלטן. בערקלי איז זיכער, אַז ער האָט פולקאָם באַוויזן די פאַלשקייט פון דער דאָזיקער סברה, אין אַלע אירע פאָרמולירונגען. דאָס האָט זיך בערקלי באַמיט צו באַווײַזן אין זײַן ערשטן דיאַלאָג.

מען מוז אָבער שטענדיק האָבן אין זינען, אַז הגם בערקלי לייקנט די עקזיסטענץ פון מאַטעריע, אין וועלכער עס איז מעגלעכער פאָרם, איז ער אָבער זיכער אין דער רעאַליטעט אָדער ווירקלעכקייט פון זאַכן. די וועלט פון קאָלירן, קלאַנגען, טעמים אאַ״וו, וועלכע מיר עמפּינדן דורך אונדזערע חושים און באַגרייפן מיט אונדזערע גײַס־טיקע כּוחות, האָבן אַ ווירקלעכע עקזיסטענץ. דער מקור פון זייער רעאַליטעט איז גײַסט, דעריבער ווערט זײַן פּי־לאָזאָפיע אָנגערופן — דער ספּיריטועלער רעאַליזם. אָט דעם טייל פון זײַן פילאָזאָפישער שיטה באַמיט זיך בערקלי צו באַגרינדן אין צווייטן דיאַלאָג. אין דריטן דיאַלאָג שטעלט זיך בערקלי אָפּ אויף פראַגן, וועלכע קענען געשטעלט ווערן קעגן זײַן פילאָזאָפישער שיטה, און גיט זײַנע ענטפערס און דערקלערונגען.

גײַסטיקע וועזנס (spirits)

דער סימן מובהק פון גײַסט, אין קעגנזאַץ צו אידעע, איז אַקטיוויטעט. אידעען זענען פּאַסיוו; ווען אונדזערע חוש־אָרגאַנען זענען אין נאָרמאַלן צושטאַנד, עמפּינדן מיר חושימדיקע קוואַליטעטן, אָן וועלכער עס איז אָנשטרענגונג מצד אונדזער ווילן. נאָך מער, מיר קאָנען נישט ענדערן אָדער באַצווינגען אונדזער וועלט פון אידעען אָדער זאַכן. למשל, ווען מיר שטייען בײַם ברעג ים און האַלטן אונ־דזערע אויגן אָפן, זעען מיר די וואַסער־כוואַליעס או״וו און מיר קאָנען נישט איבערמאַכן דעם ים אין אַ וואַלד אָדער אין עפּעס וואָס אַנדערש, ווען דאָס זאָל זיך אונדז אפילו פאַרוועלן. דאָס זעלבע איז דער פאַל מיט אַלע אַנ־דערע חושימדיקע קוואַליטעטן. מיר קאָנען אָבער אָנווענדן אונדזער ווילן און פאַרמאַכן אונדזערע אויגן, דאַן וועלן מיר דעם ים נישט זען, אָדער מיר קאָנען ווענדן אונדזער בליק אין אַן אַנדער ריכטונג, דאַן וועלן מיר עמפּינדן אַנדערע אידעען אָדער זאַכן.

בערקלי טיילט אײַן גײַסטיקע וועזנס אין צוויי מינים: א. אומענדלעכע (Infinite) און ב. ענדלעכע (Finite). עס איז פאַראַן איין איינציק אומענדלעך גײַסטיק וועזן — דאָס איז גאָט, דער אין־סוף. גאָט איז ריינע אַקטיוויטעט, די העכסטע רעאַליטעט, דער מקור פון אַלע נידעריקערע וועזנס - נעמלעך, די וועלט פון באַגרענעצטע אָדער ענד־לעכע גײַסטיקע וועזנס און אידעען אָדער זאַכן. דער מענטש איז אַ באַגרענעצט גײַסטיק וועזן, די גײַסטיקע כּוחות פון

מענטשן צעטיילט בערקלי אין פיר הויפט־טיילן: 1. ווילן, 2. שכל, 3. עמפינדונג און 4. כוח־הדמיון.

עמפינדונג — (Perception).

כוח־הדמיון — (Imagination).

אין בערקליס דערקענטעניש־טעאָריע, ד״ה, אין דעם אופן, ווי אַזוי מיר דערקענען די וועלט פון זאַכן אָדער אי־דעען, איז דער ערשטער עטאַפּ די עמפינדונג, דערנאָך קו־מען די אָפּעראַציעס פון שכל. דורך אונדזערע חושים נעמען מיר אויף די וועלט פון קלאַנגען, קאָלירן, ריחות, טעמים, האַרטקייט, ווייכקייט אאַ״וו. דאָס רופט בערקלי אָן חושימדיקע קוואַליטעטן, ד״ה, קוואַליטעטן עמפונדן דורך די חושים. מען דאַרף אָבער בסדר האַבן אין זינען, אַז חושימדיקע קוואַליטעטן און חוש־אָרגאַנען זענען נישט איי־נע און די זעלבע זאַך; למשל, דאָס אויג איז דער אָרגאַן פון זען, ד״ה, דאָס אויג מוז זײַן אין נאָרמאַלן צושטאַנד, כדי מיר זאָלן קאָנען זען, דער חוש פון זען איז אָבער נישט דאָס אויג, דאָס איז איינע פון אונדזערע גײַסטיקע אייגנ־שאַפטן.

דער טערמין עמפינדונג ווערט תּמיד באַנוצט אויף צו באַצייכענען די ידיעות, וואָס מיר באַקומען דורך די חושים און דורכן כוח־הדמיון. אין אונדזער כוח־הדמיון שטעלן מיר זיך פאָר בילדער פון זאַכן אָדער אידעען, אַזוי ווי זיי ווערן אונדז איבערגעגעבן דורך אונדזער זכרון. איןביידע פאַלן, סײַ אין דער עמפינדונג, סײַ אין דעם כוח־הדמיון, איז אונדזער דערקענטעניש אוממיטלבאַר אָדער דירעקט, ד״ה, אָן וועלכער עס איז פאַרמיטלונג מצד אַ דריטן פאַק־

טאָר. אין פּראָצעס פון עמפּינדן, מיינט בערקלי, גייען אַרײַן בלויז צוויי פאַקטאָרן: דער באַוווּסטזיניקער סוביעקט פון איין זײַט און די אידעע־זאַך אָדער אידעע־בילד פון דער צווייטער.

לויט בערקלין זענען עמפּינדונגען דער נידעריקער טייל פון אונדזערע גײַסטיקע אייגנשאַפטן, ווײַל דעם כּוח אויפצונעמען חושימדיקע קוואַליטעטן פאַרמאָגן אויך חיות אין אַ געוויסער מאָס, מחמת זיי האָבן חוש־אָרגאַנען; זיי זענען אָבער נישט בכּוח צו פאַרבינדן די חושימדיקע קוואַליטעטן און צו אָפּערירן מיט זיי אויפן זעלביקן אופן, ווי דער מענטש, מחמת זיי פעלט אויס דער כּוח המחשבה: די שׂכלדיקע אייגנשאַפטן, וואָס דער מענטש פאַרמאָגט.

באַגריפן — (Concepts).

דער טערמין באַגריפן ווערט באַנוצט צו באַצייכענען בלויז געדאַנקלעכע אַקטיוויטעטן, ווי אונדזער לאָגיק, אורטייל־קראַפט און ע מ אָ צ י ע ס. באַגריפן — דאָס זענען די העכערע גײַסטיקע אייגנשאַפטן פון מענטשן, דורך וועלכע מיר באַקומען, ערשטנס, אונדזער וויסן וועגן גײַסטיקע וועזנס, צווייטנס, וועגן די געדאַנקלעכע פּראָצעסן גופא, דריטנס, מאַכן מיר דורך אונדזערע שׂכלדיקע אָפּעראַציעס, אַלע אויספירן וועגן די שייכותן צווישן אידעען אָדער זאַכן. די חושים גיבן אונדז בלויז אינפאָרמאַציע - די אָדער יענע חושימדיקע קוואַליטעט, אָדער גרופּע פון חושימדיקע קוואַליטעטן; מיטן שׂכל אָבער מאַכן מיר אַלע לאָגישע אויספירן בנוגע די שייכותן צווישן די אינפאָרמאַציעס, וואָס די חושים גיבן אונדז. אין אַנדערע ווערטער קאָן מען זאָגן, אַז

די עמפּינדונג גיט אונדז דעם רויען מאַטעריאַל, מיט וועלכן אונדזערע באַגריפן אָפּערירן. דעריבער אונטערשיידן זיך אונדזערע באַגריפן וועגן זאַכן אָדער אידעען פון עמפּינדונ־גען דערמיט, וואָס זיי זענען אומדירעקט אָדער מיטלבאַר, ד״ה, נישט דירעקט פון דער זאַך גופא, נאָר וועגן זאַכן. דאָס איז בלויז אמת לגבי אידעען אָדער זאַכן, — לגבי אונדזער אייגענער עקזיסטענץ זענען אונדזערע באַגריפן די־רעקט אָדער אוממיטלבאַר; אַז איך טראַכט און עמפּינד אי־דעען, ווייס איך דאָס דירעקט, אָן שום פאַרמיטלונג, און דעריין קאָן איך נישט צווייפלען.

דורכן ווילן דערגרייכט דער מענטש זיין העכסטע מדרגה, ווייל דורכן ווילן קאָן ער דערגרייכן דעם גרעסטן סכום פון אַקטיוויטעט. דורך דער אָנשטרענגונג פון זיין ווילן קאָן דער מענטש ווערן פּראָדוקטיוו, ד״ה, אין די ראַ־מען פון זיין באַגרענעצטקייט איז ער די סיבה פון זיינע אייגענע געדאַנקלעכע פאָרשטעלונגען און פאַראורזאַכט זיי־נע אייגענע קערפּערלעכע באַוועגונגען, דעריבער איז ער אין אַ באַגרענעצטער מאָס בכוח צו פּראָדוצירן (נישט שאַפן) זאַכן און ווירקן אויף אַנדערע גייסטיקע וועזנס.

ביי בערקלין, אַזוי ווי ביי אַ סך אַנדערע פילאָזאָפן, איז די טערמינאָלאָגיע נישט אָפּגעהיט אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס די געדאַנקען אַנט־וויקלען זיך ביים פילאָזאָף אין משך פון אַ סך יאָרן, דע־ריבער בייטן זיי זיך אין געוויסע פּרטים, און נישט אַלע מאָל האָט דער פילאָזאָף די מעגלעכקייט צו בייטן די טערמינאָלאָגיע אין די פריערדיקע שריפטן. בערקלי־פאַר־

שער ווײַזן אָן, אַז דאָס איז געווען דער פאַל מיט בערקליס באַגריפן וועגן אַבסטראַקטע אידעען, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט אַ גאַנצע רײ ענדערונגען, און אַ דאַנק דעם האָט זיך זײַן טערמינאָלאָגיע געביטן אין געוויסע פּרטים און איז נישט אַלע מאָל אויסגעבעסערט געוואָרן אין זײַנע ערשטע שריפטן (די „דיאַלאָגן“ זענען איינע פון זײַנע ערשטע שריפטן). בדרך כּלל אָבער איז זײַן טערמינאָלאָגיע אין הסכּם מיט זײַן פילאָזאָפישער שיטה.

ערשטער דיאלאָג

דריי דיאַלאָגן צווישן הײַלאַס און פילאָנוס צו באַקעמפן סקעפּטיקער און אַטעיסטן

ערשטער דיאַלאָג

פילאָנוס — גוט מאָרגן, הײַלאַס. איך האָב נישט דערוואַרט דיך צו באַגעגענען דרויסן אַזוי פרי.

הײַלאַס — עס איז טאַקע אַ זעלטנהייט. מײַנע געדאַנקען זענען אַזוי פאַרטאָן געווען מיט אַן ענין, וועגן וועלכן איך האָב די לעצטע נאַכט דיסקוטירט, אַז איך האָב נישט געקאָנט אײַנשלאָפן און באַשלאָסן אויפצושטיין און גיין שפּאַצירן אין גאָרטן.

פילאָנוס — גוט וואָס עס איז אַזוי געשען, וועסטו טאַקע קענען זען, סאַראַ אומשולדיק און אָנגענעם פאַרגעניגן דו פאַרלירסט יעדן פרימאָרגן. קאָן דען זײַן אַ מער אָנגענעמע שעה אין טאָג, אָדער אַ שענערע צײַט אין יאָר? דער פּורפּורנער הימל, די ווילדע אָבער זיסע טענער פון די פייגל, די שמעקנדיקע ריחות פון די צעבליטע ביימער און בלומען, די מילדע ווירקונג פון דער אויפגייענדיקער זון, — אָט די אַלע און טויזנט אַנדערע שיינקייטן פון דער נאַטור וועקן אין דער נשמה סודותדיקן עקסטאַז. אין אַזאַ פרימאָרגן זענען אונדזערע גײַסטיקע כּוחות פריש און באַלעבט: די אײַנזאַמקייט פון גאָרטן און די רויקייט פון פרימאָרגן מאַכן אונדז מסוגל צו אַזוינע טראַכטענישן. איך האָב אָבער מורא, אַז איך

שלאָג איבער דיינע געדאַנקען, מחמת דו זעסט אויס צו זיין איבער עפּעס שטאַרק פאַרטראַכט.

הילאַס — עס איז אמת. און איך וועל דיר דאַנקבאַר זיין, אויב דו וועסט מיר דערלויבן פאַרצוזעצן מיינע געדאַנקען איבער דעם זעלבן ענין. נישט חלילה, ווייל איך וויל זיך באַרויבן פון דיין געזעלשאַפט. אדרבה, מיינע געדאַנקען פליסן אַלעמאָל לייכטער אין אַ געשפּרעך מיט אַ פריינט, איידער ווען איך בין אַליין. איך וואָלט אָבער געוואָלט, דו זאָלסט מיר דערלויבן זיך צו טיילן מיט דיר מיט מיינע באַטראַכטונגען.

פילאָנוס — מיט פאַרגעניגן. איך אַליין וואָלט עס דיר געבעטן, ווען דו זאָלסט עס אָפּרוער נישט פאַרשלאָגן.

הילאַס — איך האָב באַטראַכט דעם משונהדיקן גורל פון יענע מענטשן פון אַלע דורות, וואָס צוליבן פאַרלאַנג מען זאָל זיי שטעלן העכער פון פשוטן פאָלק, אָדער צוליב ווערלבן עס איז אַנדערן קאַפּריז פון געדאַנק — האָבן זיי פּרעטענדירט ענטוועדער בכלל אין גאָרנישט צו גלויבן אָדער צו גלויבן אין זאַכן, וואָס זענען זייער אויסטערליש. דאָס וואָלט נאָך געווען צו דערליידן, ווען זייערע פּאַראַדאָקסן און סקעפּטיציזם וואָלטן נישט געבראַכט מיט זיך קאָנסעקווענצן, וואָס זענען פון אַלגעמיינעם שאָדן פאַר דער מענטשהייט. די שעדלעכקייט באַשטייט אין דעם, וואָס ווען מענטשן מיט ווייניק פרייע צייט וועלן זען, אַז די יעניקע, וועלכע וואָלטן באַדאַרפט אָפּגעבן זייער גאַנצע צייט אויף זוכן וויסן, דערקלערן, אַז זיי ווייסן בכלל גאָרנישט וועגן זאַכן אָדער זיי זאָגן אַרויס מיינונגען, וואָס זענען אין ווידער־

שפּרוך צו די פּשוטע און אַלגעמיין־אָנגענומענע פּרינציפּן, וועלן זיי ווערן געצייגט צו באַציִען זיך מיט חשד צו די וויכטיקסטע אמתן, וועלכע זיי האָבן ביז איצט געהאַלטן פאַר הייליק און נישט אָפּפרעגבאַר.

פ י ל אָ נ ו ס — איך בין אין גאַנצן מסכּים מיט דעם, וואָס דו זאָגסט וועגן די שלעכטע טענדענצן פון אייניקע פילאָזאָפן מיט זייערע אָנשטעלערישע ספקות און וועגן דער פאַנטאַסטישער זעלבסטנאַרעריַי פון די אַנדערע. איך בין לעצטנס געגאַנגען אַזוי ווייַט אין דער דאָזיקער ריכטונג פון דענקען, אַז איך האָב אפילו אויפגעגעבן עטלעכע געהויבענע באַגריפן, וואָס איך האָב געלערנט אין זייערע שולן, און זיי פאַרביטן אויף פּשוטע פאָלקס־מיינונגען. און איך גיב דיר מייַן וואָרט, אַז זינט דעם דאָזיקן אָפּקער פון מעטאַפיזישע באַגריפן לטובת די איינפאַכע אָנווייַזונגען פון דער נאַטור און פּשוטן שׂכל, געפין איך, אַז מייַן פאַרשטאַנד איז געוואָרן אויסערגעוויינלעך קלאָר, אַזוי, אַז איך קאָן איצט לייַכט באַגרייפן אַ סך זאַכן, וועלכע זענען פריִער געווען פאַר מיר אַ מיסטעריע און אַ רעטעניש.

ה י י ל אַ ס — איך בין צופרידן אויסצוגעפינען, אַז עס איז נישט אמת, וואָס איך האָב וועגן דיר געהערט.

פ י ל אָ נ ו ס — וואָס אַ שטייגער?

ה י י ל אַ ס — מען האָט וועגן דיר געזאָגט, אַז אין דער דיסקוסיע נעכטן אָוונט, האָסטו זיך איַינגעשטעלט פאַר דער אויסטערליש׳סטער מיינונג, וואָס איז ווען עס איז אויפגעקומען אין אַ מענטשנס געדאַנק, נעמלעך, אַז עס איז נישט פאַראַן

אין דער וועלט אַזאַ זאַך ווי מאַטעריעלע סובּ־סטאַנץ.

פילאָנוס — אַז עס איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי דאָס, וואָס די פילאָזאָפן רופן אַן מאַטעריעלע סובּ־סטאַנץ, בין איך ערנסט איבּערצייגט; נאָר אויבּ מען וואָלט מיר באַוויזן, אַז אין דעם שטעקט אַן אַבּסורד אָדער עטוואָס סקעפּטישעס, וואָלט איך דאַן געהאַט דעם זעלבּן גרונט זיך אָפּצוזאָגן פון אַט דער מיינונג, פונקט ווי איך נעם אָן, אַז איך דאַרף זיך איצט אָפּזאָגן פון דער פאַרקער־טער מיינונג.

הילאַס — וואָס? קאָן דען זיין עפּעס מער פאַנטאַס־טיש, מער אָפּשטויסנדיקס פאַרן פשוטן שכל, אָדער מער סקעפּטישס, ווי צו גלויבּן, אַז עס איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי מאַטעריע?

פילאָנוס — רויק, גוטער הילאַס. ווי וועט זיין, אַז עס וועט זיך אַרויסווייזן, דאָס דו, וואָס גלויבּסט, אַז עס איז יאָ פאַראַן מאַטעריע, ביזט אַ דאַנק דער דאָזיקער מיי־נונג אַ גרעסערער סקעפּטיקער און דו פאַרטיידיקסט מער פּאַראַדאָקסן און דאָס, וואָס גייט להיפוך צום פשוטן שכל, איידער איך, וואָס גלויבּ נישט אין אַזאַ זאַך?

הילאַס — פונקט ווי דו קאָנסט מיך איבּערצייגן, אַז דער טייל איז גרעסער פון גאַנצן, קאָנסטו מיך אויך איבּערצייגן, איך זאָל ווען עס איז זיין געצוווּנגען אויפצו־געבּן מיין מיינונג וועגן דער עקזיסטענץ פון מאַטעריע, כּדי אויסצומיידן אַבּסורדיטעט און סקעפּטיציזם.

פילאָנוס — גוט, צי ביזטו מסכּים אָנצונעמען פאַר־

אמת די מיינונג, וועלכע וועט זיך אַרויסווײַזן נאָך אַ גע־נויער אונטערזוכונג מער אין הסכם מיטן שכל הישר און אַמווייטסטן פון סקעפּטיציזם?

הײַלאַס — פון גאַנצן האַרצן. היות דו בײַזט גע־נויגט אויפצוהייבן אַ וויכּוח וועגן די איינפאַכסטע זאַכן אין דער נאַטור, בין איך צופרידן, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אויסצוהערן, וואָס דו האָסט צו זאָגן.

פילאָנוס — כ׳בעט דיר, הײַלאַס, זאָג מיר, וואָס פאַרשטייסטו, ווען דו זאָגסט וועגן איינעם, אַז ער איז אַ סקעפּטיקער?

הײַלאַס — איך פאַרשטיי וואָס אַלע פאַרשטייען — איינער וואָס צווייפלט אין אַלץ.

פילאָנוס — הייסט עס, אַז דער, וואָס האָט נישט קיין ספקות בנוגע וועלכן עס איז פּאַרטיקולאַרן פּונקט, קאָן נישט באַצייכנט ווערן אַלס סקעפּטיקער לגבי דעם דאָזיקן פּונקט?

הײַלאַס — איך שטים אײַן מיט דיר.

פילאָנוס — אין וואָס באַשטייט דאָס צווייפלען? אין אָננעמען די פּאָזיטיווע אָדער די נעגאַטיווע זײַט פון אַ פראַגע?

הײַלאַס — נישט דאָס ערשטע און נישט דאָס צווייטע, מחמת ווער עס פאַרשטייט די שפּראַך, ווייסט גאַנץ גוט, אַז צווייפלען מיינט נישט זײַן זיכער אין ביידעס.

פילאָנוס — הייסט עס, אַז ווען איינער לייקנט וועלכן עס איז פּונקט, קאָן נישט געזאָגט ווערן וועגן אים,

אַז ער צווייפֿלט אין דעם מער איידער יענער, וואָס באַ־שטעטיקט עס מיטן זעלביקן גראַד פֿון זיכערקייט.

היילאַס – אמת.

פֿילאָנוס — און שליסלעך פֿאַר אַזאַ אָפּלייקענען קאָן ער נישט מער פֿאַררעכנט ווערן פֿאַר אַ סקעפּטיקער איידער דער אַנדערער?

היילאַס — דאָס גיב איך צו.

פֿילאָנוס — טאָ פֿון וואַנען נעמט זיך עס, היילאַס, וואָס דו רופֿסט מיך — סקעפּטיקער? איז עס צוליב דעם, וואָס איך לייקן אָפּ דאָס, וואָס דו באַשטע־טיקסט, נעמלעך – די עקזיסטענץ פֿון מאַטעריע? עס איז דאָך מעגלעך, אַז איך בין אַזוי זיכער אין מײַן אָפּלייקענען ווי דו אין דײַן באַשטעטיקן.

היילאַס – איך בין געווען אַ ביסל איבערגעאײַלט מיט מײַן דעפֿיניציע, און מען דאַרף זיך נישט האַלטן שטרענג אין יעדן טעות, וואָס איינער מאַכט אין אַ דיס־קוסיע. איך האָב ווירקלעך געזאָגט, אַז אַ סקעפּטיקער איז איינער, וואָס צווייפֿלט אין אַלץ, איך האָב אָבער גע־דאַרפֿט צוגעבן: אָדער איינער, וואָס לייקנט די רעאַליטעט און דעם אמת פֿון זאַכן.

פֿילאָנוס – וואָסערע זאַכן? צי פֿאַרשטייסטו אונ־טער דעם די גרונט־הנחות און טעאָרעמעס פֿון די וויסנ־שאַפֿטן? דו ווייסט דאָך אָבער, אַז זיי זענען אוניווערסאַלע, אינטעלעקטועלע באַגריפֿן, און דעריבער אומאָפּהענגיק פֿון מאַטעריע. דאָס אָפּלייקענען מאַטעריע איז נישט מחייב דאָס אָפּלייקענען די וויסנשאַפֿטלעכע טעאָרעמעס.

הײלאַס – איך גיב עס צו, אָבער, צי זענען נישט פאַראַן אַנדערע זאַכן? וואָס דענקסטו מכח נישט געטרויען די חושים, דעם אַפּלײקענען די רעאַלע עקזיסטענץ פון זאַכן, וואָס ווערן עמפּפונדן פון די חושים, אָדער דאָס פרע־טענדירן גאָרנישט צו וויסן וועגן זײ? איז דאָס דען נישט גענוג, אַז אײנער זאָל דערפאַר אָנגערופן ווערן – סקעפּ־טיקער?

פילאָנוס — לאָמיר דעריבער באַטראַכטן, ווער פון אונז עס איז דער יעניקער, וואָס לײקנט די רעאַליטעט פון חושימדיקע זאַכן, אָדער וואָס באַהויפּטעט, אַז ער ווייסט גאָרנישט וועגן זײ, מחמת אויב איך פאַרשטײ דיך ריכ־טיק, דאַרף אַזאַ אײנער פאַררעכנט ווערן פאַרן גרעסטן סקעפּטיקער.

הײלאַס – דאָס מײן איך טאַקע.

פילאָנוס – וואָס פאַרשטײסטו אונטער חושימדי־קע זאַכן?

הײלאַס – יענע זאַכן, וואָס ווערן עמפּפונדן דורך די חושים. קאָנסטו זיך דען פאַרשטעלן, אַז איך מײן עפּעס אַנדערש?

פילאָנוס — אַנטשולדיק מיר, הײלאַס, וואָס איך וויל קלאָר באַנעמען דײנע באַגריפן, מחמת דאָס וועט פאַר־קירצן אונדזער פאַרשונג. דערלויב מיר, דעריבער, דיר צו שטעלן אַ ווײטערדיקע פראַגע. צי ווערן עמפּפונדן דורך די חושים בלויז יענע זאַכן, וואָס ווערן עמפּפונדן אוממיטלבאַר, אָדער, צי קאָן מען מיט רעכט אָנרופן חושימדיקע אויך די

זאַכן, וואָס ווערן עמפּונדן מיטלבּאַר, ד. ה. נישט אָן דער פאַרמיטלונג פון אַנדערע פאַקטאָרן?

הײַלאַס — איך פאַרשטיי דיך נישט גענוי.

פילאָנוס — ווען איך לייען אַ בּוך, עמפּינד איך די אותיות אוממיטלבּאַר, אָבער דורך זיי ווערן מיטלבּאַר סוגעסטירט אין מײַן געדאַנק די בּאַגריפן וועגן גאָט, טוגנט, אמת א. אַ. וו. אַז די אותיות זענעןווירקלעך חושימדיקע זאַכן, אָדער ווערן עמפּונדן דורך די חושים, אין דעם איז קיין ספק נישטאָ; איך וואָלט אָבער וועלן וויסן, צי די זאַכן, וואָס ווערן סוגעסטירט דורך זיי, בּאַטראַכטסטו אויך פאַר חושימדיקע זאַכן.

הײַלאַס — געוויס נישט. עס וואָלט געווען אַבּסורד צו בּאַטראַכטן גאָט אָדער טוגנט ווי חושימדיקע זאַכן, הגם זיי קאָנען אָנגעצייכנט און סוגעסטירט ווערן דעם געדאַנק דורך חושימדיקע צייכנס, מיט וועלכע זיי האָבן אַ ווילקירלעכע פאַרבּינדונג.

פילאָנוס — עס שיינט, דעריבּער, אַז אונטער חושימדיקע זאַכן פאַרשטייסטו בּלויז יענע זאַכן, וואָס קאָנען עמפּונדן ווערן דורך די חושים אוממיטלבּאַר?

הײַלאַס — ריכטיק.

פילאָנוס — דרינגט דען נישט אַרויס דערפון, אַז ווען איך זע איין טייל פון הימל רויט און דעם אַנדערן טייל בּלוי, און מײַן שכל איז דענסטמאָל מחייב, אַז עס מוז זײַן אַ סיבּה פאַר דער פאַרשידנקייט פון די קאָלירן, דאָך קאָן מען נישט זאָגן, אַז די דאָזיקע סיבּה איז אַ

חושימדיקע זאַך אָדער, אַז זי קאָן עמפּונדן ווערן פון דעם חוש הראיה?

היילאַס — אַזוי איז עס.

פילאָנוס – אויך ווען איך הער פאַרשידענע קלאַנ־גען, קאָן איך נישט זאָגן, אַז איך הער די סיבה פון די קלאַנגען?

היילאַס – געוויס נישט.

פילאָנוס – און ווען איך עמפינד דורך באַרירן א זאַך, אַז זי איז הייס און שווער, קאָן איך דאָך באמת נישט זאָגן, אַז איך פיל די סיבה פון איר היץ אָדער שווערקייט?

היילאַס – כדי צו פאַרמיידן וויטערדיקע פראַגן פון דאָזיקן מין – זאָג איך דיר איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַז אונטער חושימדיקע זאַכן פאַרשטיי איך בלויז די זאַכן, וועלכע ווערן עמפּונדן דורך די חושים און אַז אין דער אמתן עמפינדן די חושים בלויז דאָס, וואָס זיי עמ־פינדן אוממיטלבאַר: מחמת די חושים ציען נישט קיין שום לאָגישע שלוסן. דעריבער איז דאָס אַרויסדרינגען פון אורזאַכן אָדער געלעגנהייטן (occasions)*), וואָס זענען באַ־זירט אויף ווירקונגען און דערשיינונגען, וועלכע קענען בלויז עמפונדן ווערן פון די חושים, אין גאַנצן די עובדה פון שכל.

---

*) די נפקה מינא צווישן סיבה Cause און געלעגנהייט Occasion באַשטייט אין זייער שייכות צו דעם פועל יוצא. די סיבה ווירקט דירעקט, און איז דער אַקטועלער כוח, וואָס פּראָדוצירט דעם פועל יוצא, בעת די געלעגנהייט דינט בלויז אַלס אַ מיטל פאַר דער סיבה צו ווירקן.

פילאָנוס – שטימען מיר הייסט עס איין אין דאָזיקן פּונקט, אַז חושימדיקע זאַכן זענען בלויז יענע, וואָס ווערן עמפּונדן דורך די חושים אוממיטלבאַר. זאָג־זשע מיר אויך צי עמפּינדן מיר דורך אונדזער חוש הראיה עפּעס מער ווי ליכט, קאָלירן און פיגורן; דורך הערן, עפּעס אַנדערש ווי קלאַנגען; מיט דעם גומען, עפּעס אַנדערש ווי טעם; דורכן שמעקן, עפּעס אַנדערש ווי ריחות; דורך דעם טאַפּן, עפּעס אַנדערש פון באַרירבאַרע קוואַליטעטן.

הילאַס – ניין, נישט מער.

פילאָנוס – עס שיינט, דעריבער, אַז ווען דו נעמסט אַוועק אַלע חושימדיקע קוואַליטעטן, בלייבט גאָרנישט קיין חושימדיקס?

הילאַס – איך גיב עס צו.

פילאָנוס – חושימדיקע זאַכן זענען, אַזוי אַרום, נישט עפּעס אַנדערש, ווי בלויז אַ געוויסער סכום חושימדיקע קוואַליטעטן, אָדער קאָמבינאַציעס פון חושימדיקע קוואַליטעטן?

הילאַס – נישט עפּעס אַנדערש.

פילאָנוס – איז היץ, הייסט עס, אַ חושימדיקע זאַך?

הילאַס — געוויס.

פילאָנוס–צי באַשטייט די רעאַליטעט פון חושימדיקע זאַכן אין דעם עמפּונדן ווערן? אָדער צי איז עס עפּעס אַנדערש פון זייער עמפּונדן ווערן, און צום געדאַנק האָט עס קיין שייכות נישט?

הײלאַס – דאָס עקזיסטירן איז אײן זאַך, און דאָס עמפּונדן װערן איז אַן אַנדער זאַך.

פילאָנוס – איך רעד בלויז װעגן חושימדיקע זאַכן; און װעגן זײ פרעג איך, צי אונטער זײער רעאַלער עקזיס־טענץ פאַרשטײסטו אַ װעזן, װאָס געפינט זיך דרויסן פון געדאַנק און איז עפּעס אַנדערשס פון זײער עמפּונדן װערן?

הײלאַס – איך פאַרשטײ אונטער דעם אַ װירקלעך אַבסאָלוט װעזן, װאָס איז אַנדערש און האָט גאָרנישט קײן שײכות מיט זײער עמפּונדן װערן.

פילאָנוס – הײסט עס, אַז אויב מען נעמט אָן, דאָס היץ איז אַ רעאַל װעזן, מוז זי עקזיסטירן אומאָפּהענגיק פון געדאַנק?

הײלאַס – געװיס.

פילאָנוס – זאָג מיר, הײלאַס, איז די דאָזיקע רע־אַלע עקזיסטענץ גלײַך אָנװענדבאַר אויף אַלע גראַדן היץ, װאָס מיר עמפּינדן, אָדער איז אפשר פאַראַן אַ טעם צוליב װעלכן מיר זאָלן עס צושרײַבן בלויז צו אַ טײל און נישט צו די איבעריקע, און אויב עס איז אַזוי, דאַן זאָג מיר, זײַ אַזוי גוט, װאָס איז דער דאָזיקער טעם?

הײלאַס – װאָס פאַר אַ גראַד היץ מיר זאָלן נישט עמפּינדן דורך די חושים, מעגן מיר זײַן זיכער, אַז דער זעלביקער גראַד היץ עקזיסטירט אין דעם אָביעקט װאָס פאַראורזאַכט זי.

פילאָנוס – װאָס! דער גרעסטער אַזוי גוט װי דער קלענסטער?

הײלאַס — איך זאָג דיר, אַז עס איז קלאָר, דאָס דער טעם איז דער זעלביקער בנוגע ביידע: ביידע ווערן זיי עמפּונדן דורך די חושים. נאָך מער, דער גרעסערער גראַד היץ ווערט דורך די חושים אינטענסיווער עמפּונדן. און אויב עס איז פאַראַן אַ וואָסערע ס׳איז נפקא־מינה, באַשטייט זי אין דעם, וואָס מיר זענען מער זיכער אין דער רעאַלער עקזיסטענץ פון דעם גרעסערן גראַד היץ, ווי מיר קאָנען זײַן זיכער בנוגע דער עקזיסטענץ פון דעם קלענערן גראַד.

פילאָנוס — צי איז דען אָבער נישט אַ שטאַרקער און אינטענסיווער גראַד היץ זייער פּײַנלעך?

הײלאַס — קיינער קאָן דאָס נישט לייקענען.

פילאָנוס — און צי קאָן אַ זאַך, וואָס איז נישט בכח צו עמפּינדן, פילן פּײַן אָדער פאַרגעניגן?

הײלאַס — געוויס נישט.

פילאָנוס — איז דײַן מאַטעריעלע סובסטאַנץ אַ חושימלאָז וועזן, אָדער דאָס איז אַ וועזן, וואָס באַזיצט חושים און עמפּינדונגען?

הײלאַס — עס איז בלי־ספק חושימלאָז.

פילאָנוס — עס קאָן דעריבער נישט זײַן דער טרעגער פון פּײַן?

הײלאַס — פאַר קיין פאַל.

פילאָנוס — שליסלעך, אויך נישט די גרעסטע היץ, וואָס ווערט עמפּונדן דורך די חושים, מחמת דו גיסט דאָך אײַן צו, אַז דאָס איז נישט קיין קלענער ווייטאָג?

הײלאַס — איך גיב עס צו.

פילאָנוס – טאָ וואָס זאָלן מיר דאַן זאָגן וועגן דיין דרויסנדיקן אָביעקט? איז ער אַ מאַטעריעלע סובסטאַנץ אָדער נישט?

הילאַס – ער איז אַ מאַטעריעלע סובסטאַנץ, וואָס אַנטהאַלט אין איר עצם חושימדיקע קוואַליטעטן.

פילאָנוס – ווי אַזוי זשע קאָן אין דעם עקזיסטירן אַ גרויסע היץ, ווען דו אַליין גיסט צו, אַז דאָס איז אומ־מעגלעך אין אַ מאַטעריעלער סובסטאַנץ? איך וואָלט גע־וואָלט, דו זאָלסט מיר קלאָר מאַכן דעם דאָזיקן פונקט.

הילאַס – וואַרט, פילאָנוס, כ'האָב מורא, אַז איך האָב געמאַכט אַ טעות צוגעבנדיק, אַז אינטענסיווע היץ איז פּיין. עס וואָלט זיין בעסער אָנצונעמען די סברה, אַז פּיין איז עפּעס אַנדערש פון היץ און אַז עס איז אַ קאָנסעק־ווענץ אָדער אַ פּועל יוצא פון דעם.

פילאָנוס – ווען דו לייגסט צו דיין האַנט נאָענט צום פייער, צי דערפילסטו אַן איינפאַכע און איינהייטלעכע עמפּינדונג, אָדער צוויי פאַרשידענע עמפּינדונגען?

הילאַס — בלויז איין איינפאַכע עמפּינדונג.

פילאָנוס — צי ווערט נישט די היץ עמפּפונדן אוממיטלבאַר?

הילאַס – יאָ, אַזוי איז עס טאַקע.

פילאָנוס – און דער שמערץ?

הילאַס – אויך ער.

פילאָנוס – אַזוי ווי ביידע ווערן אוממיטלבאַר עמפּפונדן אין דער זעלביקער צייט און דער פייער אַפעק־טירט דיך בלויז מיט איין איינפאַכער, אָדער נישט צוזאַ־

מענגזעצטער אידעע, דרינגט דערפֿון אַרויס, אַז סײַ די אינטענסיווע היץ, וואָס ווערט אוממיטלבאַר עמפּונדן, און סײַ דער שמערץ, איז די זעלביקע איינפאַכע אידעע. און דערפֿון איז געדרונגען, אַז די אינטענסיווע היץ, וואָס ווערט אוממיטלבאַר עמפּונדן, איז נישט עפּעס אַנדערש ווי אַ פּאַרטיקולאַרער מין שמערץ.

הײַלאַס – עס ווײַזט אַזוי אויס.

פֿילאָנוס – נאָך אַמאָל, הײַלאַס, פּרובֿיר עס אין דײַן געדאַנק, און זע, צי קאָנסטו זיך פֿאָרשטעלן אַ שטאַרקע עמפּינדונג, וואָס איז אָן פּײַן אָדער אָן פֿאַרגעניגן.

הײַלאַס — איך קאָן דאָס נישט.

פֿילאָנוס — אָדער צי קאָנסטו דיר אויסמאָלן אַן אידעע פֿון חושימדיקן פּײַן אָדער פֿאַרגעניגן, אין אַלגעמיין, אַבסטראַהירט פֿון יעדער פּאַרטיקולאַרער אידעע פֿון היץ, קעלט, טעם, ריח א.אַ.וו.?

הײַלאַס — איך קאָן דאָס נישט.

פֿילאָנוס — צי איז דערפֿון נישט געדרונגען, אַז חושימדיקער שמערץ איז נישט עפּעס אַנדערשס פֿון יענע עמפּינדונגען אָדער אידעען — נאָר אין אַן אינטענסיווערן גראַד?

הײַלאַס — עס קאָן נישט געלייקנט ווערן; און דעם אמת זאָגנדיק, הויב איך אָן חושד צו זײַן, אַז אַ זייער שטאַרקע היץ קאָן אַנדערש נישט עקזיסטירן, ווי בלויז אין אַ געדאַנק, וואָס עמפּינדט זי.

פֿילאָנוס — וואָס! געפֿינסטו זיך, הייסט עס, אין

אַזאַ סקעפּטישן צושטאַנד פון שוועבן צווישן באַיאָען און באַניינען?

הילאַס — איך דענק, אַז איך מעג זײַן זיכער אין דעם פּונקט, דאָס אַ זייער שטאַרקע און שמערצהאַפטע היץ קאָן נישט עקזיסטירן אומאָפּהענגיק פון געדאַנק.

פילאָנוס — דעריבער האָט עס נישט, לויט דײַן מיינונג, קיין רעאַלע עקזיסטענץ?

הילאַס — איך גיב עס צו.

פילאָנוס — עס איז דעריבער זיכער, אַז אין דער נאַטור איז נישט פאַראַן קיין קערפּער, וואָס איזווירקלעך הייס?

הילאַס — איך האָב נישט געלייקנט, אַז עס איז פאַראַן ווירקלעכע היץ אין קערפּערס, איך האָב בלויז געזאָגט, אַז עס איז נישטאָ אַזאַ זאַך, ווי אינטענסיווע ווירקלעכע היץ.

פילאָנוס — האָסטו דען פריער נישט געזאָגט, אַז אַלע גראַדן היץ זענען גלײַך רעאַל, און אויב עס איז פאַראַן וועלכער עס איז אונטערשייד, באַשטייט ער אין דעם, וואָס דער גרעסערער גראַד היץ איז, בלי ספק, מער רעאַל ווי דער קלענערער?

הילאַס — אמת. כ'האָב עס אָבער געזאָגט דערפאַר, ווײַל איך האָב נאָך דאָן נישט געהאַט איינגעזען, פאַר וואָס מען אונטערשיידט זיי איינס פון דאָס אַנדערע, און איצט זע איך עס קלאָר אײַן. און אָט אין וואָס עס באַשטייט: אינטענסיווע היץ איז נישט עפּעס אַנדערש ווי אַ געוויסער מין שמערצלעך געפיל, און שמערץ קאָן בלויז

עקזיסטירן אין אַן עמפּינדנדיק וועזן. דערפון מוז מען דרינגען, אַז אינטענסיווע היץ קאָן נישט האָבן קיין רעאַלע עקזיסטענץ אין אַ נישט עמפינדנדיקער קערפּערלעכער סובסטאַנץ, אָבער דאָס איז נישט קיין גענוגנדע סיבה, מיר זאָלן אָפּלייקענען די עקזיסטענץ פון אַ נידעריקערן גראַד היץ אין אַזאַ סובסטאַנץ.

פילאָנוס - ווי אַזוי אָבער וועלן מיר קאָנען אונטערשיידן דעם גראַד היץ, וואָס עקזיסטירט בלויז אין געדאַנק, פון יענע, וואָס עקזיסטירן אומאָפּהענגיק פון געדאַנק?

הילאַס - דאָס איז נישט אַזוי שווער. ווי דו ווייסט, קאָן דער קלענסטער ווייטאָג נישט עקזיסטירן נישט עמפונדענערהייט. דעריבער קאָן יעדער גראַד היץ, וואָס פאַרשאַפט ווייטאָג, עקזיסטירן בלויז אין געדאַנק. אָבער וואָס שייך אַלע אַנדערע גראַדן היץ, זענען מיר נישט מחויב אָנצונעמען די זעלבע השערה וועגן זיי.

פילאָנוס — איך גלויב, אַז דו האָסט פריער צוגעגעבן, דאָס אַ נישט־עמפינדנדיק וועזן איז פונקט אַזוי ווייניק בכח צו פילן פאַרגעניגן, ווי צו פילן פּײַן.

הילאַס — איך האָב עס צוגעגעבן.

פילאָנוס - און צי איז דען וואַרימקייט אָדער אַ מילדערער גראַד היץ, וואָס פאַראורזאַכט נישט קיין אומבאַקוועמלעכקייטן, אַ פאַרגעניגן?

הילאַס — טאָ איז וואָס?

פילאָנוס — שליסלעך קאָן עס נישט עקזיסטירן

אומאָפּהענגיק פון געדאַנק אין אַ נישט עמפּינדנדיקער סובּ־סטאַנץ אָדער קערפּער.

הילאַס — אַזוי ווײַזט עס אויס.

פילאָנוס — גראָדן היץ, וואָס זענען נישט פּײַנלעך, פּונקט ווי די, וואָס זענען יאָ פּײַנלעך, קאָנען עקזיסטירן בלויז אין אַ דענקנדער סובּסטאַנץ; איז דען דערפון נישט געדרונגען, אַז דרויסנדיקע קערפּערס זענען אַבּסאָלוט אומ־פעיק צו באַזיצן וועלכן עס איז גראַד היץ?

הילאַס — באַקלערנדיק עס נאָך אַ מאָל, בין איך שוין נישט אַזוי זיכער, אַז וואַרימקייט איז פּונקט אַזאַ מין פאַרגעניגן, ווי אַ הויכער גראַד היץ — אַ שמערץ.

פילאָנוס — איך פּרעטענדיר נישט, אַז וואַרימקייט איז אַזאַ גרויסער פאַרגעניגן, ווי היץ — אַ ווייטאָג, אָבער אויב דו ביסט מסכּים, אַז עס איז בלויז אַ קלײנער פאַר־געניגן, איז דאָס אויך גענוג צו באַרעכטיקן מײַנע אויס־פירן.

הילאַס — איך וואָלט עס גיכער געקאָנט באַצייכענען אַלס צושטאַנד פון גלײַכגילטיקייט, דאָס הייסט — אַן אָפּוועזנהייט פון ביידע: פון שמערץ און פאַרגעניגן. איך האָף, אַז דו וועסט נישט לייקענען, דאָס אַזאַ קוואַליטעט אָדער צושטאַנד קאָן האַרמאָנירן מיט אַ נישט דענקנדער סובּסטאַנץ.

פילאָנוס — אויב דו האָסט בײַ זיך באַשלאָסן, אַז וואַרימקייט אָדער אַ מילדער גראַד היץ איז נישט קיין פאַרגעניגן, ווייס איך נישט פון קיין אַנדערן וועג ווי אַזוי

דיך צו איבערצייגן, סיידן צו אַפּעלירן צו דיינע אייגענע חושים. וואָס איז דיין מיינונג וועגן קעלט?

הייל אַס – די זעלביקע ווי וועגן היץ. אַן אינטענסיווער גראַד קעלט איז פּיין, ווייל דאָס פילן אַ זייער שטאַרקע קעלט הייסט עמפּינדן אַ גרויסן שמערץ; עס קאָן דעריבער נישט עקזיסטירן אומאָפּהענגיק פון געדאַנק. אָבער אַ קלענערער גראַד קעלט, אַזוי גוט ווי אַ קלענערער גראַד היץ, קאָן יאָ עקזיסטירן אומאָפּהענגיק פון געדאַנק.

פילאָנוס – מוז מען, הייסט עס, אָננעמען, אַז די קערפּערס, וואָס רופן ביי אונדז אַרויס אַ מעסיקן גראַד היץ ביים קומען אין באַרירונג מיט אונדזער אייגענעם גוף, אַנטהאַלטן דעם זעלבן גראַד היץ אין זיך גופא, און בנוגע די קערפּערס, וואָס רופן ביי אונדז אַרויס אַן ענלעכן גראַד קעלט, מוז אָנגענומען ווערן, אַז זיי אַנטהאַלטן אין זיך אַן ענלעכן גראַד קעלט.

הייל אַס – געוויס.

פילאָנוס – צי קאָן וועלכע עס איז לערע זיין אמת, ווען זי פירט נויטווענדיקערהייט צו אַן אַבסורד?

הייל אַס – נאַטירלעך קאָן זי עס נישט.

פילאָנוס – איז דען אָבער נישט קיין אַבסורד צו דענקען, אַז די זעלבע זאַך זאָל גלייכצייטיק זיין אי קאַלט אי וואַרים?

הייל אַס – עס איז אַן אַבסורד.

פילאָנוס – שטעל זיך פאָר, אַז איין האַנט איז ביי דיר הייס און די אַנדערע קאַלט, און דו לייגסט אַריין גלייכצייטיק ביידע הענט אין דער זעלבער כלי, וואָס אַנטהאַלט

לעבלעך וואַסער, צי וועט דאַן דאָס וואַסער זיך נישט אויסווײַזן קאַלט פאַר איין האַנט און וואַרים פאַר דער צווייטער?

הײלאַס — אַזוי וועט עס זײַן.

פילאָנוס — דאַרפן מיר דען נישט, אויפן סמך פון דײַנע גרונט־הנחות, מאַכן דעם אויספיר, אַז דאָס וואַסער איז גלײַכצײַטיק קאַלט און וואַרים, און דאָס אָנצונעמען איז, ווי דו גיסט אַליין צו, אַן אַבסורד.

הײלאַס — איך בין זיך מודה, אַז עס ווײַזט אַזוי אויס.

פילאָנוס — אויב אַזוי, זענען די גרונט־הנחות גופא פאַלש, מחמת דו אַליין האָסט צוגעגעבן, אַז קיין אמתע גרונט־הנחות פירן נישט צו קיין אַבסורדן.

הײלאַס — אָבער, נאָך אַלעמען, קאָן דען זײַן אַ גרעסערער אַבסורד ווי צו זאָגן, אַז עס איז נישטאָ קיין היץ אין פײַער?

פילאָנוס — כּדי צו מאַכן די זאַך נאָך קלאָרער, זאָג מיר, צי דאַרפן מיר דען נישט מאַכן דעם זעלבן אויספיר ווען צוויי פאַלן זענען אַקוראַט גלייך?

הײלאַס — געוויס.

פילאָנוס — ווען אַ שפּילקע צעשטעכט דײַן פינגער, צערײַסט און צעטיילט עס דען נישט די פעדים פון דײַן פלייש?

הײלאַס — אַוודאי אַזוי.

פילאָנוס — און ווען אַ קויל צעברענט דײַן פינגער, טוט עס דען נישט דאָס זעלבע?

הײלאַס – געװיס.

פילאָנוס – דעריבער, אַזוי װי דו קאָנסט נישט אָנ־נעמען, אַז די עמפּינדונג, אָדער עפּעס ענלעכעס צו דעם, װאָס װערט פאַראורזאַכט דורך דער שפּילקע, זאָל עקזיס־טירן אין דער שפּילקע גופא, אַזוי טאָרסטו נישט אָננעמען, אין הסכם מיט דעם, װאָס דו האָסט איצט צוגעגעבן (אַז אין גלײַכע פאַלן דאַרפן מיר מאַכן גלײַכע אויספירן — איבערזעצער), אַז די עמפּינדונג אָדער עפּעס ענלעכעס צו דעם, װאָס װערט פאַראורזאַכט פון פײַער, זאָל עקזיסטירן אין פײַער גופא.

הײלאַס – װי עס װײַזט אויס, איז עס אַזוי. איך בין דעריבער צופרידן נאָכצוגעבן אויך אין דאָזיקן פונקט: איך אָנערקען, אַז היץ און קעלט זענען בלויז עמפּינדונגען, װאָס עקזיסטירן אין אונדזער געדאַנק. עס בלײַבן אָבער גענוג אַנדערע קװאַליטעטן צו פאַרזיכערן די רעאַליטעט פון דרויסנדיקע זאַכן.

פילאָנוס – אָבער װאָס װעסטו זאָגן צו דעם, הײ־לאַס, אויב עס זאָל זיך אַרויסװײַזן, אַז דער פאַל איז דער זעלביקער מיט אַלע אַנדערע חושימדיקע קװאַליטעטן און מען קאָן פונקט אַזוי װײניק זאָגן װעגן זיי, אַז זיי עקזיסטירן אומאָפּהענגיק פון געדאַנק, װי מען קאָן עס זאָגן װעגן היץ און קעלט?

הײלאַס – דענסמאָל װעסטו װירקלעך האָבן עט־װאָס אויפגעטאָן פאַר אונדזער צװעק; איך צװײפל אָבער, צי דאָס קאָן באַװיזן װערן.

פילאָנוס — לאָמיר זיי באַטראַכטן מיט אַ סדר.

וואָס דענקסטו וועגן טעמים (געשמאַקן) — צי עקזיסטירן זיי אומאָפּהענגיק פון געדאַנק אָדער נישט?

הייל אַס — צי קאָן וועלכער עס איז בר־דעת צווייפּלען, אַז צוקער איז זיס און ווערמוט איז ביטער?

פילאָנוס — זאָג מיר, הייל אַס, צי איז אַ זיסער טעם אַ געוויסער מין פאַרגעניגן אָדער אַן אַנגענעמע עמפּינדונג, צי נישט?

הייל אַס — אַוודאי יאָ.

פילאָנוס — און צי איז נישט אַ ביטערער טעם אַ מין אומבאַקוועמלעכקייט אָדער שמערץ?

הייל אַס — איך גיב צו.

פילאָנוס — דעריבער, אויב צוקער און ווערמוט זענען נישט קיין דענקנדע קערפּערלעכע סובסטאַנצן, וואָס עקזיסטירן אומאָפּהענגיק פון געדאַנק, טאָ ווי אַזוי קאָנען זיסקייט און ביטערקייט, ד״ה פאַרגעניגן און שמערץ האַרמאָנירן מיט זיי?

הייל אַס — וואַרט, פילאָנוס. איצט זע איך איין אין וואָס מיין טעות איז באַשטאַנען די גאַנצע צייט. דו האָסט געפרעגט צי היץ אָדער קעלט, זיסקייט אָדער ביטערקייט זענען נישט קיין געוויסע מינים פאַרגעניגן און שמערץ, אויף וואָס איך האָב פּשוט געענטפערט, אַז יאָ, בעת איך האָב געדאַרפט מאַכן פאָלגנדן אונטערשייד: די קוואַליטעטן, לויט ווי זיי ווערן פון אונדז עמפּונדן, זענען פאַרגעניגנס און שמערצן, אָבער נישט ווי זיי עקזיסטירן אין דרויסנדיקע אָביעקטן. מיר טאָרן דעריבער נישט מאַכן קיין אַבסאָלוטע אויספירן: אַז עס איז נישטאָ קיין היץ אין פייער

אָדער זיסקייט אין צוקער, נאָר בלויז, אַז היץ און זיסקייט, לויט ווי מיר עמפינדן זיי, זענען נישטאָ אין פייער אָדער צוקער. וואָס זאָגסטו צו דעם:

פילאָנוס – איך זאָג, אַז מיט אונדזער ענין האָט עס גאָרנישט צו טון. אונדזער שמועס באַציט זיך אין גאַנצן אויף חושימדיקע זאַכן, וועלכע דו האָסט דעפינירט: די זאַכן, וועלכע מיר עמפינדן אוממיטלבאַר דורך אונדזערע חושים. דעריבער, פון וואָס פאַרא קוואַלי־טעטן – וועלכע זענען אַנדערש פון די, וועלכע מיר דיס־קוטירן – דו זאָלסט נישט ריידן, ווייס איך וועגן זיי גאָר־נישט און זיי האָבן לחלוטין קיין שייכות נישט צום פונקט פון אונדזער דיסקוסיע. דו קענסט טענהן, אַז דו האָסט אַנטדעקט געוויסע קוואַליטעטן, וועלכע דו עמפינדסט נישט, און באַהויפּטן, אַז די דאָזיקע נישט־חושימדיקע קוואַ־ליטעטן עקזיסטירן אין פייער און צוקער, אָבער פון וואָס פאַראַ נוצן דאָס קאָן זיין פאַר אונדזער איצטיקער אויפגאַבע הייב איך נישט אָן צו פאַרשטיין. זאָג מיר נאָך אַ מאָל, צי גיסטו צו, אַז היץ און קעלט, זיסקייט און ביטערקייט (האָ־בענדיק אין זינען די קוואַליטעטן, וואָס ווערן עמפונדן פון די חושים) עקזיסטירן נישט אומאָפּהענגיק פון געדאַנק?

הילאַס – איך זע, אַז עס האָט מער קיין צוועק נישט דאָס ווייטער צו פאַרטיידיקן. איך בין דעריבער מסכים בנוגע די דערמאָנטע קוואַליטעטן, הגם איך בין זיך מודה, אַז עס קלינגט משונהדיק צו זאָגן, אַז צוקער איז נישט זיס.

פילאָנוס – כּדי צו פאַרשטאַרקן דיין איבערצייגונג, האָב אויך דאָס אין זינען: דאָס, וואָס איז אַ מאָל זיס, קאָן

פּאַר אַ קראַנקן גומען זײַן ביטער. עס איז דאָך באַוווּסט, אַז פאַרשיידענע מענטשן עמפּינדן אין דער זעלבער שפּײַז פאַרשיידענע טעמים; דאָס, פון וואָס איינער קאָן שטאַרק הנאה האָבן, קאָן בײַ אַן אַנדערן אַרויסרופן אַן עקל. און ווי אַזוי וואָלט עס געקאָנט געמאָלט זײַן, ווען טעם וואָלט געווען עפּעס אַזוינס, וואָס עקזיסטירט אין דער שפּײַז גופא?

הײלאַס — איך גיב צו, אַז איך ווייס נישט ווי אַזוי דאָס צו דערקלערן.

פילאָנוס — ווײַטער, לאָמיר באַטראַכטן ריחות. וואָס שייך זיי, וואָלט איך וועלן וויסן צי פונקט דאָס זעלבע, וואָס איז געזאָגט געוואָרן וועגן טעמים, קאָן אויך נישט אָנגעווענדט ווערן וועגן ריחות? צי זענען זיי דען נישט אַ סבום אָנגענעמע אָדער אומאָנגענעמע עמפּינדונגען?

הײלאַס — געוויס.

פילאָנוס — קענסטו דען באַגרײַפן די מעגלעכקייט, זיי זאָלן עקזיסטירן אין אַ זאַך, וואָס עמפּינדעט נישט?

הײלאַס — ניין.

פילאָנוס — אָדער, צי קאָנסטו זיך פאָרשטעלן, אַז די חיות, וועלכע שפּײַזן זיך פרײַוויליק מיט קויט און מיסט, שפּירן די זעלביקע ריחות, וועלכע מיר עמפּינדן אין דעם?

הײלאַס — פאַר קיין פאַל נישט.

פילאָנוס — צי דאַרפן מיר נישט, דעריבער, מאַכן דעם זעלבן אויספיר וועגן ריחות, ווי וועגן די פריער דערמאָנטע קוואַליטעטן, אַז זיי קאָנען אין ערגעץ נישט עקזיס־

טירן, אַ חוץ אין אַ עמפינדנדיקער סובסטאַנץ אָדער גע־
דאַנק?

הײלאַס – איך מײן אַזוי.

פילאָנוס – און וואָס שײך קלאַנגען, וואָס דאַרפן
מיר טראַכטן וועגן זײ: זענען זײ אײַנגעבוירענע אײגנשאַפטן,
וואָס עקזיסטירן אין די דרויסנדיקע קערפּערס גופא, צי
נישט?

הײלאַס – אַז זײ עקזיסטירן נישט אין די קלינגענ־
דיקע קערפּערס איז קלאָר פון פאָלגנדעם: ווען מען קלאַפּט
אין אַ גלאָק, פון וועלכן די לופט איז אַרויסגעצויגן דורך
אַ לופט־פּאָמפּע, גיט ער פון זיך נישט אַרויס קײן שום
קלאַנגען. דעריבער מוז די לופט באַטראַכט ווערן אַלס דער
טרעגער פון קלאַנג.

פילאָנוס – וועלכן באַווײַז האָסטו דערפאַר, הײלאַס?

הײלאַס – ווען אין דער לופט קומט פאָר אַ באַווע־
גונג, עמפינדן מיר אַ גרעסערן אָדער קלענערן קלאַנג, לויט
דער לופט־באַוועגונג. אָבער אָן וועלכער עס איז באַוועגונג
אין דער לופט הערן מיר אין גאַנצן נישט קײן קלאַנגען.

פילאָנוס – צוגעגעבן, אַז מיר הערן קײנמאָל נישט
קײן קלאַנג, סײַדן עס קומט פאָר אַ באַוועגונג אין דער
לופט, זע איך דאָך נישט אײַן, ווי אַזוי דו קאָנסט דערפון
דרינגען, אַז קלאַנג גופא איז אין דער לופט.

הײלאַס – עס איז די באַוועגונג גופא אין דער
דרויסנדיקער לופט, וואָס פּראָדוצירט אין געדאַנק די עמ־
פינדונג פון קלאַנג. מחמת, ווען די באַוועגטע לופט קלאַפּט
אויף דעם אויער־פּויק, פאַראורזאַכט זי וויבראַציע, און זײַ־

ענדיק פארבונדן מיטן מארך דורך דעם הערץ־נערוו, ווערט די נשמה אפעקטירט מיט דער עמפינדונג, וואס מען רופט קלאנג!

פילאנוס — וואס? איז דען קלאנג אן עמפינדונג?

הײלאס — איך זאג, אז לויט ווי מיר עמפינדן עס, איז עס א פארטיקולארע עמפינדונג אין געדאנק.

פילאנוס — און צי קאן וועלכע עס איז עמפינדונג עקזיסטירן אומאפהענגיק פון געדאנק?

הײלאס — געוויס נישט.

פילאנוס — ווי אזוי קאן קלאנג, זייענדיק אן עמ־פינדונג, עקזיסטירן אין דער לופט, אויב מיטן ווארט לופט מיינסטו א חושימלאזע סובסטאנץ, וואס עקזיסטירט אומ־אפהענגיק פון געדאנק?

הײלאס — דו מוזט אונטערשיידן, פילאנוס, צווישן קלאנג, ווי ער ווערט פון אונדז עמפונדן, און ווי ער איז אין זיך גופא. אדער (וואס דאס איז די זעלבע זאך) צווישן קלאנג, וואס מיר עמפינדן אוממיטלבאר, און דאס, וואס עקזיסטירט אומאפהענגיק פון אונדז. דאס ערשטע איז באמת א פארטיקולארע מין עמפינדונג, אבער דאס צווייטע איז בלויז א וויברירנדע אדער א כוואליעדיקע באוועגונג אין דער לופט.

פילאנוס — מיר דוכט, אז איך האב שוין די נפקא־מינה באזייטיקט אין דעם ענטפער, וואס איך האב פריער געגעבן, ווען דו האסט אנגעווענדט די זעלביקע ארגומענ־טאציע אין אן ענלעכן פאל. אבער — כדי מער נישט צו

רעדן וועגן דעם, - זאָג מיר, ביזטו זיכער, אַז קלאַנג איז זוירקלעך נישט קיין אַנדער זאַך, ווי בלויז באַוועגונג?

היילאַס - איך בין זיכער.

פילאָנוס - קומט אויס, אַז אַלץ, וואָס קאָן געזאָגט ווערן וועגןווירקלעכן קלאַנג, קאָן באמת צוגעשריבן ווערן דער באַוועגונג?

היילאַס — געוויס.

פילאָנוס — עס איז, דעריבער, גאַנץ שכלדיק צו ריידן וועגן באַוועגונג ווי וועגן אַ זאַך, וואָס איז הויך, זיס, שאַרף אָדער טיף?

היילאַס - איך זע, אַז דו האָסט באַשלאָסן מיך נישט צו פאַרשטיין. איז דען נישט קלאָר, אַז די דאָזיקע אַקצידענטן*) אָדער צופעליקע אייגנשאַפטן האָבן בלויז אַ שייכות צו חושימדיקע קלאַנגען, אָדער קלאַנג אין אַלגעמיין־אָנגענומענעם זין פון וואָרט, אָבער נישט צו קלאַנג אין רעאַלן און פילאָזאָפישן זין, ווי איך האָב דיר נאָר וואָס געזאָגט, וואָס איז נישט עפעס אַנדערש, ווי אַ געוויסע באַוועגונג פון דער לופט.

פילאָנוס - פון דעם קומט אויס, אַז עס זענען פאַראַנען צוויי מינים קלאַנגען: איינער, דער פּראָסטער

---

*) אַן אַקצידענט איז די אייגנשאַפט פון אַ זאַך, וואָס געהערט נישט צום תמצית פון דער זאַך גופא, מיט אַנדערע ווערטער: מען קאָן באַגרייפן די זאַך אָן דער דאָזיקער אייגנשאַפט. למשל, דער כוח־המחשבה געהערט זיכער צום תמצית פון מענטש, זיין פּאַרטיקולאַרער קאָליר אָבער איז בלויז אַן אַקצידענט. ער מעג זיין שוואַרץ אָדער ווייס, איז ער אַלץ אַ מענטש.

אָדער דער, וואָס מען הערט אים, און דער אַנדערער — דער פילאָזאָפישער און רעאַלער.

הײלאַס — זאָל זײַן אַזוי.

פילאָנוס — און דער צווייטער מין קלאַנג געפינט זיך אין באַוועגונג?

הײלאַס — איך האָב עס דיר פריער געזאָגט.

פילאָנוס — זאָג מיר, הײלאַס, צו װעלכן פון די חושים, לויט דײַן מיינונג, באַלאַנגט די אידעע פון באַוועגונג? אפשר צום חוש השמיעה?

הײלאַס — זיכער נישט; זי באַלאַנגט צום חוש פון זען און טאַפּן.

פילאָנוס — לויט דײַן שיטה נאָך, וועט מען מוזן מאַכן אַן אויספיר, אַז רעאַלע קלאַנגען קאָנען אפשר געזען אוז באַרירט ווערן, אָבער קיינמאָל נישט געהערט ווערן.

הײלאַס — הער זיך צו, פילאָנוס: דו מעגסט, אויב עס געפעלט דיר, זיך לוסטיק מאַכן איבער מײַנע מיינונגען, דאָס וועט אָבער נישט ענדערן דעם אמת וועגן זאַכן. איך גיב צו, אַז די שלוסן, צו וועלכע דו פירסט מיך, קוקן אויס אַ ביסל מאָדנע, אָבער דו ווייסט דאָך, אַז די אַלגעמיינע שפּראַך איז געשאַפן געוואָרן פון פּשוטע מענטשן פאַר זייער אייגענעם געברויך. דערפאַר דאַרפן מיר זיך נישט וווּנדערן אויב אויסדרוקן, וואָס זענען צוגעפּאַסט פאַר עקזאַקטע פילאָזאָפישע באַגריפן, זעען אויס צו זײַן אומגעלומפּערט און אויסטערליש.

פילאָנוס — האַלט עס שוין אַזוי ווײַט? איך פאַרזיכער דיר, אַז מיט דעם, וואָס דו זאָגסט זיך אָפּ אַזוי ליַיכט

פון אַלגעמיינע מיינונגען און אויסדרוקן, האָב איך געוואונען גאָר אַ וויכטיקן פונקט: מחמת עס איז דאָך אַ וויכטיקער טייל פון אונדזער פאַרשונג אויסצוגעפינען, וועמענס מיינונגען עס זענען אַמווייטסטן פון דעם אָנגענומענעם דרך און אַממערסטן דערווידער פאַרן אַלגעמיינעם באַנעם פון דער וועלט. אָבער צי זעסטו טאַקע אין דעם נישט מער ווי אַ פילאָזאָפישן פּאַראַדאָקס, ווען מען זאָגט, אַז ווירקלעכע קלאַנגען קאָן מען קיינמאָל נישט הערן און אַז די אידעען וועגן זיי קריגן מיר דורך אַן אַנדער חוש? און צי איז אין דעם נישט פאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס שטייט אין סתירה צו דער נאַטור און דעם אמת פון זאַכן?

הײלאַס — אָפנהאַרציק גערעדט, געפעלט עס מיר נישט, און צו די הנחות, וואָס איך האָב שוין געמאַכט, וועל איך שוין ממילא צוגעבן, אַז אויך קלאַנגען האָבן נישט קיין ווירקלעכע עקזיסטענץ אומאָפּהענגיק פון געדאַנק.

פילאָנוס — איך האָף, אַז דו וועסט נישט מאַכן קיין שוועריקייט אָנצונעמען די זעלבע הנחה וועגן קאָלירן.

הײלאַס — אַנטשולדיק: דער פאַל מיט קאָלירן איז גאַנץ אַנדערש. קאָן דען זײַן עפּעס קלאָרער ווי דאָס, אַז מיר זעען קאָלירן אויף זאַכן?

פילאָנוס — די זאַכן, וועגן וועלכע דו רעדסט, זענען, מסתּמא, קערפּערלעכע סובסטאַנצן, וואָס עקזיסטירן אומאָפּהענגיק פון געדאַנק?

הײלאַס — יאָ.

פילאָנוס — און אין תוך פון די זאַכן גופא עק־זיסטירן אמתדיקע און ווירקלעכע קאָלירן?

הײלאַס — יעדע זאַך, וואָס מיר קאָנען זען, האָט דעם קאָליר, וואָס מיר זעען אין איר.

פילאָנוס — ווי מיינסטו: איז דען פאַראַן עפעס, וואָס קאָן געזען ווערן, הגם מיר, עמפינדן דאָס נישט דורך דעם חוש־הראיה?

הײלאַס — אַזוינס איז נישט פאַראַן.

פילאָנוס — צי קאָנען מיר עמפינדן וואָס עס איז מיט די חושים, הגם מיר עמפינדן דאָס נישט אוממיטלבאַר?

הײלאַס — וויפיל מאָל וועל איך דאַרפן איבער־חזרן די זעלבע זאַך? איך זאָג דיר, אַז מיר קאָנען עס נישט.

פילאָנוס — האָב געדולד, גוטער הײלאַס, און זאָג מיר נאָך אַ מאָל, צי איז פאַראַן עפעס, וואָס מיר עמ־פינדן דורך די חושים אוממיטלבאַר, אויסער חושימדיקע קוואַליטעטן? איך ווייס, אַז דו האָסט דאָס פריער געלייקנט, אָבער איך וואָלט איצט וועלן וויסן, צי דו האַלטסט זיך נאָך בײַ דער זעלבער מיינונג.

הײלאַס — איך האַלט זיך נאָך בײַ דער זעלבער מיינונג.

פילאָנוס — זאָג מיר, צי איז די דאָזיקע קערפּער־לעכע סובסטאַנץ אַ חושימדיקע קוואַליטעט אָדער אַ צונויפ־מענגשטעל פון חושימדיקע קוואַליטעטן?

הײלאַס — וואָס פאַראַ שאלה? ווער האָט דען ווען עס איז געהאַט אַזאַ מיינונג?

פילאָנוס — איך פרעג עס דעריבער, מחמת ווען

מען זאָגט, אַז יעדער זעבאַרער אָביעקט אַנט־האַלט דעם קאָליר, וואָס מיר זעען אין אים, מאַכן מיר דערמיט זעבאַרע זאַכן פאַר קערפּערלעכע סובּ־סטאַנצן, און דאָס איז כּולל אין זיך דעם געדאַנק, אַז איינס פון די ביידע: ענטוועדער קערפּערלעכע סובּסטאַנצן זענען חושימדיקע קוואַליטעטן אָדער דער חוש הראיה עמפּינדט עפּעס אויסער די חושימדיקע קוואַליטעטן. נאָר אַזוי ווי בּנוגע דעם דאָזיקן פּונקט זענען מיר פריער געקומען צו אַ הסכּם, אָן וועלכן דו האַלטסט זיך נאָך איצט, קאָן פון דעם קלאָר געדרונגען ווערן, אַז דיין קערפּערלעכע סובּסטאַנץ איז לחלוטין נישט אַנדערש פון די חושימדיקע קוואַליטעטן.

הײלאַס — דו מעגסט מאַכן אַזוי פיל אַבּסורדע אויספירן, וויפיל עס גלוסט זיך דיר נאָר, מעגסט פּרוּוון פאַרפּלאָנטערן די קלאָרסטע זאַכן, — וועסט מיך סײַ־ווי קיין מאָל נישט אַראָפּפירן פון שכל הישר, איך פאַרשטיי קלאָר מײַן אייגענע מיינונג.

פילאָנוס — איך וואָלט געוועזן זייער צופרידן, ווען דו זאָלסט עס אויך מיר געבן צו פאַרשטיין. אָבער אַזוי ווי איך זע, אַז דו ווילסט נישט מיר זאָלן אונטערזוכן דײַן באַגריף וועגן קערפּערלעכער סובּסטאַנץ, וועלן מיר דעם פּונקט לאָזן צו רו. זײַ אָבער אַזוי גוט און דערקלער מיר: צי די זעלביקע קאָלירן, וואָס מיר זעען, עקזיסטירן טאַקע אין די דרויסנדיקע קערפּער גופא אָדער זיי זענען אַנדערע.

הײלאַס — אַקוראַט די זעלביקע.

פילאָנוס — וואָס! דאָס שיינע רויטע און דער פּור־פּור, וואָס מיר זעען דאָרט אין די וואָלקנס, זענען זיי טאַקע

אין די וואָלקנס גופא? צי שטעלסטו זיך פאָר, אַז זיי אַנט־האַלטן אין זיך גופא אַ ווען עס איז אַנדערן אויסזען חוץ פון אַ טונקעלן נעפּל אָדער פאַרע?

הילאַס — איך מוז צוגעבן, פילאָנוס, אַז יענע קאָלירן זענען ווירקלעך נישטאָ אין די וואָלקנס, ווי דאָס זעט אויס צו זײַן פון דער ווײַטנס. זיי זענען בלויז שײַנבאַרע קאָלירן.

פילאָנוס — דו רופסט זיי שײַנבאַרע? ווי אַזוי זאָלן מיר אונטערשיידן די דאָזיקע שײַנבאַרע קאָלירן פון די ווירקלעכע?

הילאַס — זייער לײַכט. יענע דאַרפן באַטראַכט ווערן ווי שײַנבאַרע קאָלירן, וועלכע מען זעט בלויז פון דער ווײַטנס און פאַרשווינדן, ווען מיר דערנענטערן זיך צו זיי.

פילאָנוס — און אַלס ווירקלעכע דאַרפן, מסתמא, באַטראַכט ווערן די יעניקע קאָלירן, וועלכע ווערן אויסגעפונען דורך אַ זייער נאָנטער און עקזאַקטער באַאָבאַכטונג.

הילאַס — ריכטיק.

פילאָנוס — צי ווערן די נאָנטסטע און פּינקטלעכסטע באַאָבאַכטונגען געמאַכט מיט דער הילף פון אַ מיקראָסקאָפּ, צי מיטן הוילן אויג?

הילאַס — בלי ספק דורך אַ מיקראָסקאָפּ.

פילאָנוס — דער מיקראָסקאָפּ אַנטדעקט אָבער גאַנץ אָפט אין אַ אָביעקט קאָלירן, וואָס זענען אַנדערש פון יענע, וואָס ווערן עמפּפונדן פון דער נישט אַרויסגעהאָלפענער ראיה. און עס איז זיכער, אַז ווען מיר וואָלטן פאַרמאָגט

אַזעלכע מיקראָסקאָפּן, וואָס זאָלן קאָנען פאַרגרעסערן צו יעדן באַשטימטן גראַד וואָס מיר דאַרפן, וואָלט קיין שום זאַך, וואָס מיר וואָלטן דורך זיי געזען, נישט דערשינען אין דעם זעלבן קאָליר ווי זי זעט אויס פאַרן הוילן אויג.

הײַלאַס — און וואָס ווילסטו פון דעם אַלעם דרינגען? דו קאָנסט נישט אַרגומענטירן, אַז ווירקלעך און נאַטירלעך זענען נישטאָ קיין קאָלירן אויף זאַכן בלויז דערפאַר, ווײַל דורך געקינצלטע מיטלען קאָנען זיי פאַרענדערט אָדער אין גאַנצן פאַרשווונדן ווערן.

פילאָנוס — איך מיין, אַז פון דײַנע אייגענע הנחות מעג מען דרינגען, אַז אַלע קאָלירן, וואָס מיר זעען מיטן נאַקעטן אויג, זענען בלויז שײַנבאַר, פּונקט אַזוי ווי יענע קאָלירן אויף די וואָלקנס, מחמת זיי פאַרשווינדן, ווען מיר באַאָבאַכטן זיי נענטער און פּינקטלעכער מיט דער הילף פון אַ מיקראָסקאָפּ. וואָס שייך ווידער דײַן טענה, אַז מען קאָן אַזאַ אויספיר נישט מאַכן, פרעג איך דיך, צי דער ווירקלעכער און נאַטירלעכער צושטאַנד פון אַ זאַך ווערט בעסער אַנטדעקט דורך אַ שאַרפער און דורכדרינגלעכער ראיה, צי דורך אַזאַ, וואָס איז ווייניקער שאַרף?

הײַלאַס — בלי ספק דורך דער ערשטער.

פילאָנוס — איז דען נישט קלאָר פון דיאָפּטריקס, אַז מיקראָסקאָפּן מאַכן די ראיה דורכדרינגלעכער און ברענגען די אָביעקטן אַזוי ווי זיי וואָלטן דערשינען דעם אויג, ווען עס וואָלט פון דער נאַטור באַשאָנקען געווען מיט דער פײַנסטער שאַרפקייט?

הײַלאַס — געוויס.

פילאָנוס – אויב אַזוי, דאַרף די מיקראָסקאָפּישע רע־פּרעזענטאַציע באַטראַכט ווערן פאַר דער יעניקער, וואָס ברענגט צום בעסטן אַרויס דיווירקלעכע נאַטור פון דער זאַך, אָדער דאָס, וואָס זי איז אין זיך גופא. דעריבער זע־נען די קאָלירן, וואָס ווערן מיט זייער הילף עמפּונדן, מער עכט און ווירקלעך איידער די, וואָס ווערן עמפּונדן אויף אַן אַנדער אופן.

הײַלאַס – איך גיב צו, אַז עפּעס איז דאָ אין דעם, וואָס דו זאָגסט.

פילאָנוס — אַ חוץ דעם, איז נישט בלויז מעגלעך, נאָר עס איז קלאָר, אַז עס זענען ווירקלעך פאַראַן באַשע־פעניש, וועמענס אויגן די נאַטור האָט אַזוי פאַרמירט, אַז זיי קאָנען עמפּינדן יענע זאַכן, וואָס אַ דאַנק זייער קליינ־קייט זענען זיי פאַר אונדזער ראיה נישט דערגרייכבאַר. וואָס דענקסטו וועגן יענע גאָר קליינע חיהלעך, וועלכע מיר זעען בלויז דורך מיקראָסקאָפּן? מוזן מיר דען אָננע־מען, אַז זיי זענען אַלע שטאָק־בלינד? און אויב זיי זעען יאָ, צי קאָן מען זיך פאָרשטעלן, אַז זייער ראיה האָט נישט די זעלבע אויפגאַבע: צו פאַרהיטן זייער קערפּער פון באַ־שעדיקונג, אַזוי ווי עס שײַנט צו זײַן דער פאַל בײַ אַלע אַנדערע חיות? און אויב עס איז אַזוי, איז דען נישט קלאָר, אַז זיי מוזן זען טיילכעלעך, וואָס זענען קלענער פון זייער אייגענעם קערפּער, וועלכע וועלן דערשײַנען פאַר זיי אין יעדן אָביעקט גאַנץ אַנדערש, ווי זיי וועלן דערשײַנען פאַר אונדזערע חושים? אפילו אונדזערע אייגענע אויגן זעען נישט אַלע מאָל אָביעקטן אויפן זעלביקן אופן. יעדער איינער

ווייסט, אַז פאַר דעם, וואָס ליַידט פון געלבזוכט, קוקט אַלץ אויס געל. איז דען דעריבער נישט גאַנץ מעגלעך, אַז יענע חיות, וואָס זייערע אויגן זענען פון אַ גאַנץ אַנדער סטרוק־טור, ווי אונדזערע, און זייערע קערפּערס האָבן אין זיך אַנ־דערע פליסיקייטן, זעען נישט אין אָביעקטן די זעלביקע קאָלירן וואָס מיר? דרינגט דען נישט אַרויס פון דעם אַלעם, אַז אַלע קאָלירן זענען גליַיך שיַינבאַר און אַז קיין איינער פון זיי, וועלכע מיר עמפּינדן, זענען ווירקלעך פאַראַן אין עצם פון וועלכן עס איז דרויסנדיקן אָביעקט?

היילאַס — עס שיַינט אַזוי.

פילאָנוס — דער דאָזיקער פּונקט וועט ווערן אין גאַנצן קלאָר, ווען דו וועסט נעמען אין באַטראַכט, אַז אין פאַל, ווען קאָלירן וואָלטן געווען ווירקלעכע אייגנשאַפטן אָדער צושטאַנדן, וואָס געפינען זיך אין תּוך פון די דרויסנ־דיקע קערפּערס גופא, וואָלט נישט מעגלעך געווען קיין ענדערונג אין זיי, סיַידן עס זאָל פּאַרקומען וועלכע עס איז ענדערונג אין די קערפּערס גופא. איז דען אָבער נישט קלאָר פון דעם שוין געזאָגטן, אַז ווען מען באַנוצט זיך מיט אַ מיקראָסקאָפּ, אָדער ווען עס קומט פאָר אַ פאַרענ־דערונג אין דער פליסיקייט פון אויג, אָדער אַ פאַרענדערונג אין דיסטאַנץ, ביַיטן זיך די קאָלירן, אָדער זיי פאַרשווינדן אין גאַנצן, הגם אין דער זאַך גופא קומט נישט פאָר קיין שום ענדערונג. נאָך מער, אַלע אַנדערע באַדינגונגען קאָנען בליַיבן די זעלביקע, - ביַיט מען אָבער בלויז די פּאָזיציע פון אייניקע אָביעקטן, וועלן זיי דערשיַינען אין אַן אַנדער קאָליר פאַר אונדזער אויג. דאָס זעלבע פּאַסירט אויך, ווען

מיר באַטראַכטן אָביעקטן אונטער פאַרשיידענע גראַדן ליכט.
און צי איז נישט אַלעמען באַקאַנט, אַז די זעלביקע קערפּערס האָבן אַנדערע קאָלירן אין שײַן פון אַ ליכט, ווי אין שײַן פון העלן טאָג? דערצו נעם נאָך אין באַטראַכט דעם עקספּערימענט פון דער פּריזמע, וואָס טיילט פונאַנדער די פאַרשיידנאַרטיקע ליכט־שטראַלן, פאַרענדערט דעם קאָליר פון אָביעקטן, און פירט דערצו, אַז דער סאַמע ווײַסעסטער קאָליר זעט אויס פאַרן נאַקעטן אויג טיף־בלאָ אָדער רויט.
און איצט, זאָג מיר, צי האַלטסטו זיך נאָך אַלץ בײַ דער זעלבער מיינונג, אַז יעדער קערפּער האָט זײַן אמתדיקן אוןווירקלעכן קאָליר אין עצם פון זיך גופא, און אויב יאָ, וואָלט איך גערן געוואָלט וויסן פון דיר, וואָס פאַר אַ געוויסע פּאָזיציע און דיסטאַנץ פון דעם אָביעקט, וואָס פאַר אַ ספּעציעלע אייגנאַרטיקע סטרוקטור און פאָרמירונג פון אויג, וואָס פאַר אַ גראַד און וואָס פאַר אַ מין ליכט איז נויטיק, כדי פעסטצושטעלן דעם אמתדיקן קאָליר, וואָס זאָל אים אונטערשיידן פון די שײַנבאַרע קאָלירן.

הילאַס — איך בין פולשטענדיק איבערצײַגט, אַז אַלע קאָלירן זענען גלײַך שײַנבאַר, אַז עס איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי קאָלירן, וואָס עקזיסטירן באמת אין תוך פון דרויסנדיקע קערפּערס; זיי עקזיסטירן אָבער אין גאַנצן אין ליכט.
און די דאָזיקע מיינונג ווערט בײַ מיר באַפעסטיקט מחמת דעם, וואָס די קאָלירן זענען מער אָדער ווייניקער בולט פּראָפּאָרציאָנעל צום ליכט; ווען עס איז נישטאָ קיין ליכט, עמפינדן מיר נישט קיין שום קאָלירן. אויסער דעם, ווען מיר זאָלן צוגעבן, אַז עס זענען יאָ פאַראַן קאָלירן אויף

דרויסנדיקע קערפּערס, פרעגט זיך, ווי אַזוי איז עס מעג־לעך פאַר אונדז זיי צו עמפינדן? מחמת קיין שום דרויסנ־דיקער קערפּער קאָן נישט ווירקן אויפן געדאַנק, סײַדן ער ווירקט פריער אויף די חוש־אָרגאַנען. אָבער די איינציקע אַקטיוויטעט פון קערפּערס איז דאָך באַוועגונג, און באַווע־גונג קאָן נישט איבערגעגעבן ווערן סײַדן דורך אַן אַנשטויס. אַן אָביעקט, וואָס איז ווײַט, קאָן דעריבער נישט ווירקן אויפן אויג, און ער און זײַנע אייגנשאַפטן קאָנען דעריבער נישט עמפּונדן ווערן דורך דער נשמה. פון דעם דרינגט קלאָר אַרויס, אַז עס מוז זײַן אַ וואַסער עס איז באַרירנדע סובסטאַנץ, וועלכע ווירקט אוממיטלבאַר אויפן אויג, פאַר־אורזאַכנדיק דאָס עמפינדן קאָלירן; און דאָס איז ליכט.

פּילאָנוס — וואָס רעדסטו!? איז דען ליכט אַ סובסטאַנץ?

הײַלאַס — איך זאָג דיר, פּילאָנוס, אַז דרויסנדיק ליכט איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַ דינע פליסיקע סוב־סטאַנץ, וועמענס קלייניקע טיילעכלעך ווערן אויפגע־טרייסלט מיט אַ שטאַרקער באַוועגונג און ווערן רעפלעק־טירט פון פאַרשיידענע פלאַכן פון דרויסנדיקע אָביעקטן צום אויג, אויף פאַרשיידענע אופנים גיבן זיי איבער פאַר־שיידענע באַוועגונגען דעם אָפּטישן נערוו, וועלכער טראַנס־פערירט זיי צום מאַרך, און דאָרט רופן זיי אַרויס פאַרשיי־דענע אײַנדרוקן און די דאָזיקע אײַנדרוקן גייען צוזאַמען מיט די עמפינדונגען פון רויט, בלוי, געל אאַ״וו.

פּילאָנוס — ווי עס זעט אויס, טוט ליכט איין זאַך: עס טרייסלט די אָפּטישע נערוון.

הײלאַס – נישט מער.

פילאָנוס – און אַלס רעזולטאַט פון יעדער באַזונדערער באַוועגונג פון די נערוון ווערט דער געדאַנק אַפּעקטירט מיט אַן עמפּינדונג, וואָס איז אַ וועלכער עס איז באַזונדערער קאָליר.

הײלאַס – ריכטיק.

פילאָנוס – און די עמפּינדונגען עקזיסטירן נישט אומאָפּהענגיק פון געדאַנק?

הײלאַס – ניין.

פילאָנוס – ווי אַזוי קאָנסטו באַהויפּטן, אַז קאָלירן זענען אינעם ליכט, אויב דו פאַרשטייסט אונטער ליכט אַ קערפּערלעכע סובסטאַנץ, וואָס איז דרויסן פון געדאַנק?

הײלאַס – איך גיב צו, אַז ליכט און קאָלירן, ווי אַזוי זיי ווערן פון אונדז אוממיטלבאַר עמפּפונדן, קאָנען נישט עקזיסטירן אומאָפּהענגיק פון געדאַנק, אָבער אין זיך גופא זענען זיי בלויז די באַוועגונגען און געשטאַלטן פון געוויסע אומעמפּינדבאַרע טײלעכלעך פון מאַטעריע.

פילאָנוס – הייסט עס, אַז קאָלירן, אין איינפאַכן זין, אָדער ווען זיי ווערן באַטראַכט ווי אוממיטלבאַרע אָביעקטן פון זען, קאָנען בלויז האַרמאָנירן מיט אַ עמפּינדנדיקער סובסטאַנץ.

הײלאַס – דאָס זאָג איך טאַקע.

פילאָנוס – היות דו ביסט מסכים מיט מיר וואָס שייך די חושימדיקע קוואַליטעטן, אַז נאָר זיי ווערן באַטראַכט פון אַלע מענטשן פאַר קאָלירן, מעגסטו טראַכטן

וואָס דו ווילסט וועגן יענע אומזעבאַרע קאָלירן פון די פי־לאָזאָפן. עס איז נישט מײַן אױפגאַבע וועגן זיי צו אַרגו־מענטירן. איך וואָלט דיר בלויז געראָטן זיך צו פאַרטראַכטן, נישט אַרויסלאָזנדיק פון אויג אונדזער פאַרשונג, צי עס איז קלוג פון דײַן זײַט צו באַהויפּטן, אַז דאָס רויט און בלוי, וואָס מיר זעען, זענען נישט קיין ווירק־לעכע קאָלירן, נאָר געוויסע אומבאַוווּסטע באַוועגונגען און פיגורן, וואָס קיין מענטש האָט נאָך נישט געזען און קאָן נישט זען, זע־נען יאָ אמתע קאָלירן. זענען דאָס דען נישט קיין ווידערלעכע באַגריפן, און צי זענען זיי דען נישט אויס־געזעצט צו אַזויפיל לעבערלעכע אויספירן, ווי די, למשל, וועלכע דו ביזט געווען געצווונגען פריער אויפצוגעבן, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן קלאַנגען?

הײַלאַס — איך בין זיך מודה, פילאָנוס, אַז עס איז אומזיסט זיך ווײַטער אײַנצושפּאַרן. קאָלירן, קלאַנגען, טעמים, מיט איין וואָרט דאָס אַלץ, וואָס ווערט באַצייכנט אַלס סעקונדערע קוואַליטעטן האָט זיכער נישט קיין עק־זיסטענץ אומאָפּהענגיק פון געדאַנק. דאָס דאַרף אָבער נישט אויסגעטײַטשט ווערן אין דעם זין, אַז איך פאַרמיינער דורך דעם די רעאַליטעט פון מאַטעריע אָדער דרויסנדיקע אָביעקטן, ווײַל דאָס איז דאָך נישט מער ווי דאָס, וואָס עטלעכע פי־לאָזאָפן האַלטן, און פונדעסטוועגן זענען זיי אַמווײַטסטן פון לייקענען מאַטעריע. כדי דאָס קלאָרער צו פאַרשטיין, דאַרפסטו וויסן, אַז חושימדיקע קוואַליטעטן ווערן אײַנגע־טיילט דורך די פילאָזאָפן אין פרימערע און סעקונ־

דערע. די ערשטע (פּרימערע) זענען אויסגעשפּרייטקייט, פיגור, האַרטקייט, גראַוויטאַציע, באַוועגונג און רו. די דאָזי־קע, האַלטן זיי, עקזיסטירן ווירקלעך אין די קערפּערס גופא. די לעצטע זענען די פריער אויסגערעכנטע, אָדער אין קורצן — אַלע הושימדיקע קוואַליטעטן אויסער די פּרימערע, וועלכע זיי באַטראַכטן בלויז אַלס עמפּינדונגען אָדער אידעען, וואָס עקזיסטירן נישט אין ערגעץ נאָר בלויז אין געדאַנק. איך צווייפל נישט, אַז דאָס אַלץ איז דיר באַ־קאַנט. וואָס שייך מיר, האָב איך שוין לאַנג געוווּסט, אַז אַזאַ מיינונג איז פאַרשפּרייט צווישן די פילאָזאָפן. אָבער ביז איצט בין איך נישט געווען אין גאַנצן איבערצײַגט, אַז זי איז אמת.

פילאָנוס - דו ביזט נאָך אַלץ אין דער מיינונג, אַז אויסגעשפּרייטקייט און פיגורן געפינען זיך אין עצם פון דרויסנדיקע, נישט דענקנדיקע זאַכן?

הײלאַס - יאָ.

פילאָנוס - אָבער וואָס וועט זײַן, ווען די זעלבע אַרגומענטן, וועלכע ווערן אָנגעווענדט קעגן די סעקונדערע קוואַליטעטן, וועלן אויך אויסהאַלטן קעגן די פּרימערע קוואַליטעטן?

הײלאַס — דאַן וועל איך זײַן געצוווּנגען אָנצונע־מען, אַז אויך זיי עקזיסטירן בלויז אין געדאַנק.

פילאָנוס — צי איז דאָס דײַן מיינונג, אַז אַקוראַט די זעלבע פיגור און אויסגעשפּרייטקייט, וואָס דו עמפּינדסט דורך די חושים, עקזיסטירן טאַקע אין דרויסנדיקן אָביעקט אָדער אין דער מאַטעריעלער סובסטאַנץ?

הײלאַס — יאָ.

פילאָנוס — צי האָבן אַלע אַנדערע חיות פּונקט אַזאַ גוטן גרונט צו טראַכטן דאָס זעלבע װעגן פיגורן און אױסגעשפּרײטקײט, װעלכע זײ זעען און פילן?

הײלאַס — אָן צװײפל, אױב זײ טראַכטן בכלל.

פילאָנוס — זאָג מיר, הײלאַס, װי מײנסטו, זענען די חושים געגעבן געװאָרן אַלע חיות צוליב זײער װוילזײַן און כּדי זײ זאָלן זיך קאָנען אױפהאַלטן? אָדער זײ זענען געגעבן געװאָרן צוליבן דאָזיקן צװעק בלױז דעם מענטשן?

הײלאַס — עס איז בײַ מיר קײן ספק נישט, אַז זײ האָבן דעם זעלביקן צװעק אױך בײַ אַלע אַנדערע חיות.

פילאָנוס — אױב אַזױ, איז דען נישט נױטיק, אַז זײ זאָלן זײַן בכּוח צו עמפּינדן דורך די חושים זײערע אײגענע גלידער און אַזעלבע קערפּערס, װאָס קאָנען זײ שאַדן טאָן?

הײלאַס — זיכער.

פילאָנוס — דעריבער מוז אָנגענומען װערן, אַז אַ מילב קאָן זען איר אײגענעם פוס און ענלעך־קלײנע אָדער נאָך קלענערע זאַכן, װעלכע זעען אױס אין אירע אױגן, װי קערפּער פון אַ באַדײַטנדער גרױס, בעת דו קאָנסט זײ קױם באַמערקן, און אין בעסטן פאַל דערשײַנען זײ דיר בלױז װי זעבאַרע פּונקטן.

הײלאַס — איך קאָן דאָס נישט לײקענען.

פילאָנוס — און פאַר באַשעפענישן, װאָס זענען קלענער פון דער מילב, װעלן זײ אױסזען נאָך גרעסער?

הײלאַס — יאָ, געװיס.

פילאָנוס – אויף אַזויפיל, אַז דאָס, וואָס דו קאָנסט קוים דערזען, וועט אויסזען ווי אַ גרויסער באַרג אין די אויגן פון אַ אויסערסט קליין חיהלע.

הילאַס – דאָס גיב איך אַלץ צו.

פילאָנוס – קאָן איינע און די זעלביקע זאַך אין דער זעלביקער צייט זיין אין זיך גופא פון פאַרשיידענע גרויסן?

הילאַס – עס וואָלט געווען אַבסורד זיך דאָס פאָרצושטעלן.

פילאָנוס – אָבער פון דיינע אייגענע הנחות מוז מען אַרויסדרינגען, אַז די גרויסן, וועלכע ווערן עמפונדן פון דיר, פון דער מילב און פון אַלע נאָך קלענערע חיה־לעך, זענען יעדע פון זיי די אמתדיקע גרויס פון דער מילבס פוס. דאָס הייסט, אַז דיינע אייגענע גרונט־הנחות פירן דיך צו אַן אַבסורד.

הילאַס – ווי עס ווייזט אויס, זענען פאַראַן אַ ביסל שוועריקייטן בנוגע דעם פונקט.

פילאָנוס – נאָך אַ מאָל, צי האָסטו דען נישט צוגעגעבן, אַז עס קאָן נישט פאָרקומען קיין ענדערונג אין ווירקלעך־איינגעבאָרענע אייגנשאַפטן פון אַן אָביעקט, סיידן עס קומט פאָר אַ וועלכע עס איז ענדערונג אין דער זאַך גופא?

הילאַס – איך האָב דאָס צוגעגעבן.

פילאָנוס – אָבער די גרויס פון אַן אָביעקט בייט זיך אין אויסזען לויט אונדזער דערנענטערן און דערווייטערן זיך פון אים, אויסזעענדיק אין איין דיסטאַנץ צען אָדער

הונדערט מאָל גרעסער ווי אין אַן אַנדער דיסטאַנץ. צי איז דען דערפון נישט געדרונגען, אַז אויך דאָס ליגט נישט אין תּוך פון אָביעקט?

הײלאַס — איך גיב צו, אַז איך ווייס נישט וואָס צו טראַכטן וועגן דעם.

פילאָנוס — עס וועט פאַר דיר באַלד קלאָר ווערן ווי אַזוי צו אורטיילן, אויב דו וועסט זיך נאָר דערלויבן צו דענקען אַזוי פריי בנוגע דער דאַזיקער קוואַליטעט, ווי דו האָסט עס געטון בנוגע די אַנדערע קוואַליטעטן. צי זענען מיר פריער נישט געקומען צו אַ הסכם, אַז נישט היץ און נישט קעלט עקזיסטירן נישט אין וואַסער גופא, מחמת פאַר איין האַנט איז עס געווען וואַרעם און פאַר אַ צווייטער — קאַלט? און צי האָבן מיר דאָס נישט באַטראַכט פאַר אַ גוטן אַרגומענט?

הײלאַס — מיר זענען געקומען צו אַ הסכם בנוגע דעם.

פילאָנוס — צי דאַרף מען נישט צוען דעם זעלביקן שלוס אויפן סמך פון דער זעלבער אַרגומענטאַציע, אַז אויסגעשפּרייטקייט און פיגור עקזיסטירן נישט אין די אָביעקטן גופא, מחמת פאַר איין אויג וועט עס זיך אויסווײַזן קליין, גלאַט און קײַלעכדיק, בעת אין דער זעלביקער צײַט זעט עס אויס פאַר אַן אַנדער אויג גרויס, נישט גלאַט און ווינקלדיק?

הײלאַס — דאָס איז טאַקע אַזוי, אָבער צי פּאַסירט עס דען אַ מאָל אין דער ווירקלעכקייט?

פילאָנוס — דו קאָנסט צו יעדער צײַט מאַכן דעם

עקספּערימענט דורך קוקן מיט איין אויג דורך אַ מיקראָס־קאָפּ און מיט דעם צווייטן אויג אָן אַ מיקראָסקאָפּ.

הילאַס — איך ווייס נישט ווי דאָס צו פאַרטיידיקן, אָבער דאָך ווילט זיך מיר נישט אָפּזאָגן זיך פון אויס־געשפּרייטקייט, מחמת איך זע סאַראַ סך משונהדיקע פאָלגן עס וועלן אַרויסקומען פון אַזאַ הנחה.

פילאָנוס — דו זאָגסט משונהדיקע? נאָך דעם, ווי דו האָסט שוין אַזוי פיל צוגעגעבן, האָף איך, אַז דו וועסט זיך נישט אָפּשטעלן פאַר קיין זאַך צוליב משונהדיקייט. פון דער אַנדערער זייט אָבער, וועט עס דען נישט אויס־קומען זייער משונהדיק, ווען די אַלגעמיינע אַרגומענטאַציע, וואָס איז אָנווענדבאַר אויף אַלע אַנדערע חושימדיקע קוואַ־ליטעטן, זאָל אויך נישט זיין אָנווענדבאַר אויף אויסגע־שפּרייטקייט? אויב מען נעמט אָן, אַז קיין שום אידעע אָדער קיין שום זאַך, וואָס איז ענלעך צו אַן אידעע, קאָן נישט עקזיסטירן אין אַ נישט עמפּינדנדיקער סובסטאַנץ, איז דערפון געדרונגען, אַז קיין שום פיגור אָדער מאָדוס פון אויסגעשפּרייטקייט, וועלכן מיר קאָנען עמפּינדן אָדער זיך פאַרשטעלן, אָדער פון וואָס מיר קאָנען האָבן וועלכע עס איז אידעע, קאָנען זיך נישט געפינען אין תוך פון מאַטע־ריע. שוין אָפּגערעדט פון דער אויסערגעוויינלעכער שווע־ריקייט צו באַגרייפן אַ מאַטעריעלע סובסטאַנץ, וואָס איז אַנדערש און עקזיסטירט פריער פון אויסגעשפּרייטקייט, כדי זי זאָל קאָנען דינען אַלס אַ סובסטראַטום פאַר אויסגעשפּרייטקייט. ווי עס ווייזט אויס, איז עס אוממעגלעך פאַר חושימדיקע קוואַליטעטן, וואָס זיי זאָלן נישט זיין —

פיגור, קלאַנג אָדער קאָליר, זיי זאָלן עקזיסטירן אין אַ עפּעס, וואָס עמפּינדט זיי נישט.

הילאַס – דערוויַיל גיב איך אויף דעם דאָזיקן פונקט, רעזערווירנדיק פאַר זיך דאָס רעכט צוריקצוציען מיַין מיינונג, אויב איך זאָל שפּעטער אויסגעפינען, אַז איך האָב געמאַכט וועלכן עס איז טעות אין מיַין צוגאַנג צו דער זאַך.

פילאָנוס – דאָס איז אַ רעכט, וואָס קאָן דיר נישט אָפּגעזאָגט ווערן. אַזוי ווי מיר זענען שוין מיט פיגור און אויסגעשפּרייטקייט פאַרטיק, וועלן מיר איצט באַטראַכטן באַוועגונג. צי קאָן אַ ווירקלעכע באַוועגונג פון וועלכן עס איז דרויסנדיקן קערפּער זיַין אין דער זעלבער ציַיט ביידעס: אי זייער שנעל, אי זייער לאַנגזאַם?

הילאַס – עס קאָן נישט.

פילאָנוס – צי ווערט נישט די שנעלקייט פון אַ קערפּערס באַוועגונג געמאָסטן אין אומגעקערטער פּראָפּאָרץ צו דער ציַיט, וואָס ער האָט נויטיק, כּדי דורכצולויפן אַ געגעבענעם שטח? אַזוי אַרום קומט אויס, אַז אַ קערפּער, וואָס לויפט דורך אַ מיַיל אין אַ שעה, באַוועגט זיך דריַי מאָל אַזוי שנעל ווי אין דעם פאַל, ווען ער לויפט דורך איין מיַיל אין דריַי שעה.

הילאַס – איך שטים איַין מיט דיר.

פילאָנוס – און ווערט דען נישט ציַיט געמאָסטן מיט דעם סדר פון אידעען, וועלכע פאָלגן נאָך איינע די אַנדערע אין אונדזער געדאַנק?

הילאַס – יאָ.

פילאָנוס – צי איז דען נישט מעגלעך, אַז אידעען זאָלן נאָכפּאָלגן אײנע די אַנדערע אין דײַן געדאַנק צוויי מאָל אַזוי שנעל ווי אין מײַן געדאַנק, אָדער אין אַ גײַסטיקן וועזן פון אַן אַנדער מין?

הײלאַס – איך גיב דאָס צו.

פילאָנוס – דערפון איז געדרונגען, אַז אַן אַנדערן קאָן זיך אויסווײַזן, אַז דער זעלביקער קערפער באַוועגט זיך איבער וועלכן עס איז שטח בלויז אין אַ העלפט פון דער צײַט, ווי עס ווײַזט זיך דיר אויס. און די זעלביקע אַרגומענטאַציע וועט אויסהאַלטן בנוגע יעדער אַנדערער פּראָפּאָרץ, דאָס הייסט, אַז לויט דײַנע גרונט־הנחות (אַז ביידע באַוועגונגען, וואָס ווערן עמפּונדן, געפינען זיך ווירקלעך אין די אָביעקטן גופא) איז מעגלעך, אַז איין און דער זעלביקער קערפער זאָל זיך ווירקלעך באַוועגן אי זייער שנעל, אי זייער לאַנגזאַם, אין דער זעלביקער צײַט. ווי אַזוי שטימט עס מיט דעם פּשוטן שכל אָדער מיט דעם, וואָס דו האָסט נאָר וואָס צוגעגעבן.

הײלאַס – איך האָב אויף דעם נישט וואָס צו ענט־פערן.

פילאָנוס – וואָס ווידער שייך די האַרטקייט פון קערפּער, איז איינס פון די ביידע: אָדער דו פאַרשטייסט נישט אונטער דעם וואָרט וועלכע עס איז חושימדיקע קוואַ־ליטעטן, דאַן האָט דאָס גאָר נישט צו טון מיט אונדזער אונטערזוכונג, און אויב עס איז יאָ אַ חושימדיקע קוואַ־ליטעט, מוז עס זײַן אָדער האַרטקייט אָדער ווידערשטאַנד. אָבער עס איז דאָך קלאָר, אַז ביידע, די ערשטע אַזוי גוט

ווי די אַנדערע, זענען רעלאַטיוו פאַר אונדזערע חושים. עס איז דאָך קלאָר, אַז דאָס, וואָס ווײַזט זיך אויס צו זײַן האַרט פאַר איין חיה, וועט אויסקומען ווייך פאַר אַן אַנדערער חיה, וואָס האָט מער כּח און פעסטקייט אין די גלידער. אויך איז נישט ווייניקער קלאָר, אַז דער ווידערשטאַנד, וואָס איך פיל, געפינט זיך נישט אין דעם (דרויסנדיקן) קערפּער.

היילאַס — איך גיב צו, אַז די סאַמע עמפּינדונג פון ווידערשטאַנד, וואָס איז אייגנטלעך אַלץ, וואָס מיר עמפּינדן אוממיטלבאַר, געפינט זיך נישט אין דעם (דרויסנדיקן) קערפּער, אָבער די סיבה פון דער דאָזיקער עמפּינדונג ליגט יאָ אין (דרויסנדיקן) קערפּער.

פילאָנוס — די סיבות פון אונדזערע עמפּינדונגען ווערן דאָך אָבער נישט אוממיטלבאַר עמפּונדן און זיי זענען דעריבער נישט חושימדיק. איך האָב געמיינט, אַז דעם דאָזיקן פּונקט האָבן מיר שוין פריער פעסטגעשטעלט.

היילאַס — איך גיב צו, אַז עס איז אַזוי, אָבער דו וועסט מיר אַנטשולדיקן, אויב איך געפין זיך אין אַ פאַרלעגנהייט; איך ווייס נישט ווי זיך צו באַפרײַען פון מײַנע אַלטע באַגריפן.

פילאָנוס — כּדי דיר אַרויסצוהעלפן, נעם נאָר פאַלגנדעס איז באַטראַכט: אויב עס ווערט איין מאָל צוגעגעבן, אַז אויסגעשפּרייטקייט האָט נישט קיין עקזיסטענץ אומאָפּהענגיק פון געדאַנק, מוז מען נויטווענדיקערהייט אָננעמען דאָס זעלביקע וועגן באַוועגונג, האַרטקייט און גראַוויטאַציע — מחמת עס איז דאָך קלאָר, אַז די אַלע

קוואַליטעטן זעצן פאַרויס אויסגעשפּרייטקייט. עס איז דער־יבער אין גאַנצן איבעריק צו אונטערזוכן יעדע פון זיי באַ־זונדער. אַפּלייקענענדיק די רעאַלע עקזיסטענץ פון אויסגע־שפּרייטקייט, לייקנסטו שוין ממילא די רעאַלע עקזיס־טענץ פון אַלע איבעריקע.

הײלאַס - אויב עס זאָל זיין אמת וואָס דו זאָגסט— טאָ ווי דערקלערט זיך דאָס, וואָס די פילאָזאָפן, וועלכע לייקענען די רעאַלע עקזיסטענץ פון די סעקונדערע קוואַ־ליטעטן, שרייבן פונדעסטוועגן צו אַ רעאַלע עקזיסטענץ די פּרימערע קוואַליטעטן. ווי אַזוי דערקלערט זיך דאָס, אויב עס איז נישטאָ קיין נפקא־מינה צווישן זיי.

פילאָנוס — עס איז נישט מיין אויפגאַבע צו דער־קלערן די טעמים פון יעדער מיינונג פון די פילאָזאָפן. אָבער צווישן די טעמים, וואָס מען קאָן יאָ אָנגעבן דערויף, איז דער פאָלגנדער אַמנאָענטסטן צום אמת: פאַרגעניגן און פיין זענען ענגער פאַרבונדן מיט די סעקונדערע איידער מיט די פּרימערע קוואַליטעטן. היץ און קעלט, טעמים און ריחות אַנטהאַלטן אין זיך עפּעס, וואָס אַפעקטירט אונדז מער לעבהאַפט מיט פאַרגעניגן אָדער אומאָנגענעמלעכ־קייטן, איידער די אידעען פון אויסגעשפּרייטקייט, פיגור און באַוועגונג. און אַזוי ווי עס איז אַ צו באַשיינפּערלעכער אַבסורד אָנצונעמען, אַז פיין אין פאַרגעניגן קאָנען עקזיס־טירן אין אַ נישט־עמפּינדנדיקער סובסטאַנץ, קאָנען דערי־בער מענטשן לייכטער אַפּגעווינט ווערן פון גלויבן אין דער דרויסנדיקער עקזיסטענץ פון די סעקונדערע ווי פון די פּרימערע קוואַליטעטן. דו וועסט אַליין צוגעבן, אַז עפּעס

איז פֿאַראַן אין דעם, ווען דו וועסט זיך דערמאָנען די נפקא־מינה וואָס דו האָסט געמאַכט צווישן אינטענסיווע און מילדע גראַדן היץ. דו האָסט אָנערקענט רעאַלע עקזיס־טענץ פאַר איינער, בעת דו האָסט דאָס אַנדערע נישט דער־לויבט. אָבער נאָך אַלעם איז נישטאָ קיין ראַציאָנאַלער גרונט פאַר דער דאָזיקער נפקא־מינה, מחמת אַן אומבאַ־דייטנדע עמפּינדונג איז באמת פּונקט אַזאַ עמפּינדונג ווי די, וואָס אַנטהאַלט מער פאַרגעניגן אָדער פּיין. און דערי־בער דאַרף מען נישט אָננעמען, אַז זיי, די אומבאַדייטנדע עמפּינדונגען, קאָנען גיבער פון די אַנדערע עקזיסטירן אין אַ נישט־דענקנדן סוביעקט.

חיילאַס – איך האָב זיך נאָר וואָס דערמאָנט, פּי־לאָנוס, אַז איך האָב ערגעץ ווו געהערט וועגן אַ נפקא־מינה צווישן אַבסאָלוטער און חושימדיקער אויסגעשפּרייט־קייט. אפילו ווען מען זאָל צוגעבן, אַז גרויס און קליין, וואָס באַשטייען בלויז פון דער רעלאַציע, וואָס אַנדערע אויסגעשפּרייטע וועזנס האָבן צו די טיילן פון אונדזערע אייגענע קערפּערס, געפינען זיך טאַקע נישט אין עצם פון דער סובסטאַנץ גופא, צווינגט אונדז גאָר נישט אָנצונעמען דאָס זעלבע בנוגע אַבסאָלוטער אויסגעשפּרייט־קייט, וואָס איז אַן עפּעס, וואָס איז אַבסטראַהירט פון גרויס אין קליין, פון דער אָדער יענער באַזונדערער גרויס אָדער פיגור. אַזוי אויך בנוגע באַוועגונג. שנעל און לאַנגזאַם זענען דורכויס רעלאַטיוו צו דעם סדר פון אידעען־גאַנג פון אונדזערע אייגענע געדאַנקען. פון דעם פאָלגט אָבער נישט, אַז צוליב דעם, וואָס יענע מאָדיפיקאַ־

צײַעס פון באַוועגונג עקזיסטירן נישט אומאָפּהענגיק פון גע־דאַנק, זאָל דעריבער אַבסאָלוטע באַוועגונג, אַבסטראַהירט פון זיי, אויך נישט עקזיסטירן אומאָפּהענגיק פון געדאַנק.

פילאָנוס — איך בעט דיך, אין וואָס באַשטייט דער עפּעס, וואָס אונטערשיידט איין באַוועגונג אָדער איין טייל פון אויסגעשפּרייטקייט פון דער אַנדערער? איז דאָס דען נישט עפּעס חושימדיקס, ווי יעדער גראַד פון שנעל־קייט אָדער לאַנגזאַמקייט, אָדער אַ געוויסע גרויס אָדער פיגור וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יעדן פון זיי?

הילאַס — איך דענק אַזוי.

פילאָנוס — דעריבער, ווען מען נעמט אַוועק פון די קוואַליטעטן אַלע חושימדיקע אייגנשאַפטן, בלײַבן זיי אָן וועלכע עס איז ספּעציפישע און ניומערישע באַצייכנונ־גען — ווי די פילאָזאָפישע שולן רופן עס אָן.

הילאַס — ריכטיק.

פילאָנוס — דאָס מיינט צו זאָגן, אַז זיי זענען אויסגעשפּרייטקייט אין אַלגעמיין און באַוועגונג אין אַלגע־מיין.

הילאַס — זאָל זײַן אַזוי.

פילאָנוס — עס איז דאָך אָבער אַ אוניווערסאַל־אָנגענומענער כּלל, אַז אַלץ וואָס עקזיסטירט איז אינדיווידועל. טאָ ווי אַזוי קאָן באַוועגונג אין אַלגעמיין אָדער אויסגעשפּרייטקייט אין אַלגעמיין עקזיסטירן אין וועלכער עס איז קערפּערלעכער סובסטאַנץ?

הילאַס — איך וועל מוזן האָבן מער צײַט, כּדי צו לייזן די דאָזיקע שוועריקייט.

פילאָנוס - איך גלויב, אַז דעם דאָזיקן פּונקט קענען מיר שנעל דערליידיקן. עס איז קיין ספק נישט, אַז דו ווייסט, צי דו ביסט בכח צו פאָרמירן די אָדער יענע אידעע. בין איך צופרידן אָוועקצושטעלן די אַנטשיידונג פון אונדזער ויכוח אויף דעם אויסגאַנג פון דער פאָלגנדער פראַגע: אויב דו קאָנסט פאָרמירן אין דיינע געדאַנקען אַ דייטלעך־אַבסטראַקטע אידעע פון באַוועגונג אָדער אויס־געשפּרייטקייט, וואָס איז אין גאַנצן אויסגעטון פון חושימ־דיקע מאָדוסן, ווי שנעל און לאַנגזאַם, גרויס און קליין, רונד און קוואַדראַט אד״גל, וועלכע ווערן אָנגענומען, אַז זיי עקזיסטירן בלויז אין געדאַנק, וועל איך דאַן נאָכגעבן אין דעם פּונקט, פאַר וועלכן דו שטעלסט זיך איין. אויב אָבער דו קאָנסט עס נישט, דאַן וועט נישט זיין פאַרנונפ־טיק פון דיין זייט ווייטער זיך איינצושטעלן פאַר אַן עפּעס, וועגן וועלכן דו האָסט קיין באַגריף נישט.

הילאַס — איך בין אויפריכטיק מודה, אַז איך קאָן עס נישט.

פילאָנוס - צי קאָנסטו ווייניקסטנס אָפּטיילן די אידעען פון אויסגעשפּרייטקייט און באַוועגונג פון די אי־דעען פון אַנדערע קוואַליטעטן, וועלכע די יעניקע, וואָס מאַכן די נפקא־מינה, רופן זיי אַן סעקונדערע?

הילאַס — וואָס! איז דען נישט גאַנץ לייכט צו באַטראַכטן אויסגעשפּרייטקייט און באַוועגונג פאַר זיך זעלבסט, אַבסטראַהירט פון אַלע אַנדערע חושימדיקע קוואַ־ליטעטן? זאָג מיר, איך בעט דיך, ווי אַזוי ווערן זיי באַ־האַנדלט פון די מאַטעמאַטיקער?

פ י ל אָ נ ו ס – איך גיב צו, היילאַס, אַז עס איז נישט שווער צו פאַרמירן אַלגעמיינע הנחות און צוען פאַרנונפ־טיקע שלוסן וועגן די דאַזיקע קוואַליטעטן, נישט דערמאָ־נענדיק דערביי עפּעס אַנדערש, און, אין דעם זין, קאָן מען זיי באַטראַכטן אָדער באַהאַנדלען אַבסטראַקט. אָבער ווי אַזוי איז דערפון געדרונגען, אַז מחמת איך קאָן אויסרעדן דאָס וואָרט באַוועגונג אַליין, זאָל איך קאָנען פאַרמירן אין מיין געדאַנק די אידעע דערפון, נישט פאַרבונדן מיט אַ קערפּער? אָדער צוליב דעם, וואָס עס קאָנען געמאַכט ווערן טעאָרעמען פון אויסגעשפרייטקייט און פיגורן, נישט דער־מאָנענדיק דערביי גרויס אָדער קליין אָדער וועלכן עס איז אַנדערן חושימדיקן מאָדוס אָדער קוואַליטעט, זאָל דעריבער מעגלעך זיין פאַר דעם געדאַנק דייטלעך צו פאַרמירן און צו באַגרייפן אַזאַ אַבסטראַקטע אידעע פון אויסגעשפרייט־קייט, אָן וועלכער עס איז באַזונדערער גרויס אָדער פיגור אָדער אָן וועלכער עס איז חושימדיקער קוואַליטעט. מאַ־טעמאַטיקער באַהאַנדלען קוואַנטיטעט, נישט נעמענדיק אין באַטראַכט די חושימדיקע קוואַליטעטן, וואָס זענען פאַר־בונדן מיט זיי, ווייל זיי זענען אין גאַנצן נישט וויכטיק פאַר זייערע באַווייזן. ווען זיי לייגן אָבער אַוועק די ווער־טער אָן אַ זייט און באַטראַכטן בלויז אידעען, גלויב איך, אַז דו וועסט דענסטמאָל אויסגעפינען, אַז זיי זענען נישט קיין ריין אַבסטראַקטע אידעען פון אויסגעשפרייטקייט.

ה י י ל אַ ס – וואָס זאָגסטו בנוגע דעם ר י י נ ע ם א י נ ט ע ל ע ק ט? איז דען נישט מעגלעך, אַז אַבסטראַקטע אידעען זאָלן פאַרמירט ווערן פון דאַזיקן כוח?

פילאָנוס – אַזוי ווי עס איז בכלל נישט מעגלעך פאַר מיר צו פאָרמירן אַבסטראַקטע אידעען, איז דאָך קלאָר, אַז איך קאָן זיי אויך נישט פאָרמירן מיט דער הילף פון ריינעם אינטעלעקט, וואָס פאַר אַ כּוח דו זאָלסט נישט פאַרשטיין אונטער די דאָזיקע ווערטער. אַ חוץ דעם, ווען מיר זיך איצט נישט אַריינלאָזן אין אָן אונטערזוכונג פון דער נאַטור פון ריינעם אינטעלעקט און זיינע רוחניותדיקע אָביעקטן ווי טוגנט, פאַרנונפט, גאָט אד"גל. איין זאַך איז אָבער קלאָר: חושימדיקע זאַכן ווערן עמפּונדן בלויז דורך די חושים אָדער זיי ווערן געמאָלן אין דער פאָרשטעלונגס־קראַפט. פיגור און אויסגעשפּרייטקייט, וועלכע ווערן לכתחלה עמפּונדן דורך די חושים, געהערן דעריבער נישט צום ריינעם אינטעלעקט. כּדי דו זאָלסט דאָס אָבער בעסער איינזען, פּרוביר צי דו קאָנסט פאָרמירן אָן אידעע פון וועלכער עס איז פיגור, אַבסטראַהירט פון אַלע באַזונדערע גרויסן אָדער אַפילו פון וועלכע עס איז אַנדערע חושימדיקע קוואַליטעטן.

הײלאַס – לאָז מיך טראַכטן אַ ווײַלע – איך זע איין, אַז איך קאָן דאָס נישט.

פילאָנוס – און צי קאָנסטו זיך פאָרשטעלן, אַז עס איז מעגלעך, עפּעס זאָל ווירקלעך עקזיסטירן אין דער נאַטור, ווען אין דעם באַגריף דערפון איז פאַראַן אַ ווידער־שפּרוך?

הײלאַס – אין קיין פאַל נישט.

פילאָנוס – דעריבער, אַזוי ווי עס איז נישט מעג־לעך אַפילו פאַר דעם געדאַנק אָפּצוטיילן די אידעע פון

אויסגעשפּרייטקייט און באַוועגונג פון אַלע אַנדערע חושימ־דיקע קוואַליטעטן, איז דען דערפון נישט געדרונגען, אַז דאָרט וווּ איינע עקזיסטירט מוזן אויך עקזיסטירן די אַנ־דערע?

היילאַס — עס ווײַזט אויס, אַז אַזוי וואָלט עס גע־דאַרפט זײַן.

פילאָנוס — איז דערפון געדרונגען, אַז די זעלבי־קע אַרגומענטן, וועגן וועלכע דו האָסט מודה געווען, אַז זיי זענען פולשטענדיק איבערצײַגנדיק קעגן די סעקונדערע קוואַליטעטן, זענען פונקט אַזוי גילטיק קעגן די פּרימערע, אָן וועלכער עס איז ווײַטערדיקער אַרגומענטאַציע. חוץ דעם, אויב דו וועסט נאָר געטרויען דײַנע אייגענע חושים, וועט פאַר דיר קלאָר ווערן, אַז אַלע חושימדיקע קוואַלי־טעטן עקזיסטירן צוזאַמען, אָדער זיי דערשײַנען פאַר די חושים אין איין פּלאַץ. צי שטעלן די חושים ווען עס איז פאַר אַ באַוועגונג אָדער פיגור, וואָס איז אין גאַנצן אויסגע־טאָן פון אַלע אַנדערע זעבאַרע און באַרידבאַרע קוואַליטעטן?

היילאַס - דאַרפסט מער גאָרנישט זאָגן וועגן דעם. אויב עס האָט זיך נאָר נישט אַרײַנגעכאַפּט אַן אומבאַוווּס־טער טעות אָדער עפּעס אַ פאַרזען אין אונדזער אונטערזו־כונג ביז איצט, בין איך גרייט אָנצונעמען, אַז פאַר אַלע חושימדיקע קוואַליטעטן אָן אויסנאַם דאַרף געלייקנט ווערן די עקזיסטענץ אומאָפּהענגיק פון געדאַנק. איך האָב אָבער מורא, אַז איך בין געווען צו ליבעראַל אין מײַן פריערדיקן נאָכגעבן, אָדער אַז איך האָב פאַרזען עפּעס אַ טעות. קורץ, איך האָב נישט גענומען גענוג צײַט נאָכצוטראַכטן.

פילאָנוס — וואָס שייך דעם, הילאַס, מעגסטו נע־מען אַזוי פיל צייט וויפיל דיר געפעלט, און נאָך אַמאָל איבערקוקן דעם פראָצעס פון אונדזער אונטערזוכונג. דו ביסט פריי צוריקצוציען אַלע טעותים, וואָס דו האָסט אפשר געמאַכט און צוגעבן אַלץ, וואָס דו האָסט פריער פאַרפעלט, כדי צו באַפעסטיקן דיין פריערדיקע מיינונג.

הילאַס — איין וויכטיקן פונקט, וואָס איך האָב פאַרזען, איז פאָלגנדער: איך האָב נישט גענוג באַטאָנט דעם אונטערשייד צווישן אָביעקט און עמפינדונג. בעת עס איז מעגלעך, אַז עמפינדונג קאָן נישט עקזיסטירן אומאָפהענגיק פון געדאַנק, איז דאָס נאָך אָבער נישט קיין באַווייז, אַז דאָס זעלביקע איז אויך גילטיק פאַרן אָביעקט.

פילאָנוס — וועלכן אָביעקט מיינסטו? דעם אָב־יעקט פון די חושים?

הילאַס — יאָ.

פילאָנוס — ער ווערט דאַן עמפונדן אוממיטל־באַר?

הילאַס — ריכטיק.

פילאָנוס — מאַך פאַר מיר קלאָר דעם אונטער־שייד צווישן דעם עפעס, וואָס ווערט אוממיטלבאַר עמ־פונדן, און דער עמפינדונג.

הילאַס — איך נעם אָן, אַז די עמפינדונג איז דעם געדאַנקס אַקט פון עמפינדן. חוץ דעם, איז פאַראַן עפעס, וואָס ווערט עמפונדן, און דאָס רוף איך אָן אָביעקט. צום ביישפיל, עס איז פאַראַן רויט און געל אויף דער טול־

פע. אָבער דער אַקט פון עמפינדן די דאָזיקע קאָלירן איז בלויז אין מיר און נישט אין דער טולפּע.

פילאָנוס — וועגן וועלכער טולפּע רעדסטו? איז דאָס די, וועלכע דו זעסט?

היילאַס – די זעלבע.

פילאָנוס – און וואָס זעסטו אַ חוץ קאָליר, פיגור און אויסגעשפּרייטקייט?

היילאַס – גאָרנישט.

פילאָנוס – דו וואָלסט דעריבער געדאַרפט זאָגן, אַז דאָס רויט און געל עקזיסטירן צוזאַמען מיט אויסגע־שפּרייטקייט, איז דאָס נישט אַזוי?

היילאַס — דאָס איז נישט אַלץ. איך וואָלט באַ־דאַרפט זאָגן, אַז זיי האָבן אַווירקלעכע עקזיסטענץ אומ־אָפּהענגיק פון געדאַנק אין אַ וועלכער עס איז נישט־דענקנ־דער סובסטאַנץ.

פילאָנוס — אַז די קאָלירן זענען ווירקלעך אין דער טולפּע, וועלכע איך זע, דאָס איז קלאָר. עס קאָן אויך נישט געלייקנט ווערן, אַז די טולפּע קאָן עקזיסטירן אומ־אָפּהענגיק פון מיין און דיין געדאַנק, אָבער, אָנצונעמען, אַז אַ וועלכער עס איז אוממיטלבאַרער אָביעקט פון די חושים, ד״ה אָן אידעע אָדער אַ קאָמבינאַציע פון אידעען זאָלן עקזיסטירן אין אַ נישט־דענקנדיקער סובסטאַנץ, ד״ה דרויסן פון אַלע געדאַנקען, איז אָן אָפּענער ווידערשפּרוך אין זיך זעלבסט. איך קאָן מיר אויך נישט פאָרשטעלן ווי אַזוי דאָס דרינגט אַרויס פון דעם, וואָס דו האָסט נאָר וואָס געזאָגט, נעמלעך, אַז דאָס רויט און געל זענען אויף דער טולפּע,

וואָס דו האָסט געזען, בעת דו פּרעטענדירסט דאָך נישט צו זען די דאָזיקע נישט־דענקנדיקע סובסטאַנץ.

הײלאַס — דו ביסט אַ בריה, פילאָנוס, אויף אַראָפּ־פירן אונדזער אונטערזוכונג פון הויפּט־פּונקט.

פילאָנוס - איך זע, אַז דו ביסט נישט גענייגט זיך צו פאַרטיפן אין דער ריכטונג. לאָמיר זיך אומקערן צו דער נפקה־מינה, וואָס דו האָסט געמאַכט צווישן עמפּינ־דונג און אָביעקט. אויב איך פאַרשטיי דיך ריכטיק, מאַכסטו אַן אונטערשייד אין יעדער עמפינדונג צווישן צוויי עלעמענטן: איינער איז אַן אַקט פון גערדאַנק און דער אַנ־דערער איז דאָס נישט.

הײלאַס — אמת.

פילאָנוס - און די דאָזיקע אַקטיוויטעט קאָן נישט עקזיסטירן אין אַ וועלכן עס איז נישט דענקנדיקן וועזן אָדער זײַן אַ טײל פון דעם, אָבער אַלץ, וואָס די עמפּינ־דונג אַנטהאַלט, חוץ דער אַקטיוויטעט, מעג יאָ עקזיסטירן אין אַ נישט־דענקנדיקן וועזן?

הײלאַס - דאָס איז מײַן מיינונג.

פילאָנוס — הייסט עס, אַז אויב עס וואָלט געווען אַן עמפינדונג, אָן וועלכן עס איז אַקט פון געדאַנק, וואָלט מעגלעך געווען, אַז אַזאַ עמפינדונג זאָל עקזיסטירן אין אַ נישט־דענקנדיקער סובסטאַנץ?

הײלאַס - איך גיב עס צו. אָבער עס איז אומ־מעגלעך, אַז אַזאַ עמפינדונג זאָל קאָנען זײַן.

פילאָנוס - ווען קאָן מען זאָגן, אַז דער געדאַנק איז אַקטיוו?

היילאַס – ווען ער פּראָדוצירט, פֿאַרניכטעט אָדער פֿאַרענדערט וואָס עס איז.

פֿילאָנוס – צי קאָן דער געדאַנק פּראָדוצירן, אונ־טערברעכן אָדער פֿאַרענדערן וואָס עס איז, סײַדן דורך אַן אַקט פֿון ווילן?

היילאַס — ער קאָן דאָס נישט.

פֿילאָנוס – דעריבער קאָן דער געדאַנק, אין זײַנע עמפּפֿינדונגען, באַטראַכט ווערן אַלס אַקטיוו נאָר אויף אַזוי ווײַט, אויף וויפֿל זיי אַנטהאַלטן אין זיך דעם ווילן.

היילאַס – אַזוי איז עס.

פֿילאָנוס – ווען איך רײַס די בלום, בין איך אַק־טיוו, מחמת איך טו דאָס מיט אַ באַוועגונג פֿון מײַן האַנט און דאָס איז אַ רעזולטאַט פֿון מײַן ווילן; דאָס זעלביקע קאָן געזאָגט ווערן, ווען איך לייג זי צו צו דער נאָז. צי איז אָבער איינע פֿון דיביידע אַקטיוויטעטן, — דאָס שמעקן?

היילאַס – ניין.

פֿילאָנוס — איך בין אויך אַקטיוו, ווען איך אָטעם איַין די לופֿט דורך מײַן נאָז, מחמת מײַן אָטעמען אויף אַזאַ און נישט קיין אַנדערן אופֿן איז דער רעזולטאַט פֿון מײַן ווילן. אָבער אויך דאָס קאָן נישט אָנגערופֿן ווערן שמעקן; וואָרעם, ווען עס וואָלט געווען אַזוי, וואָלט איך געשמעקט יעדעס מאָל, ווען איך אָטעם אויף אַזאַ אופֿן.

היילאַס – אמת.

פילאָנוס – שמעקן איז, דעריבער, עפּעס, וואָס איז אַ פּועל־יוצא פון דעם אַלעמען?

הײלאַס — אַזוי איז עס.

פילאָנוס — אָבער איך געפין נישט, אַז מײַן ווילן זאָל זיך ווײַטער באַטײליקן אין דעם. וואָס נאָך עס זאָל נישט פּאַרקומען: צי איך עמפּינד אַ פּאַרטיקולאַרן ריח אָדער וועלכן עס איז ריח בכלל, איז דאָס אומאָפּהענגיק פון מײַן ווילן און איך בין דערבײַ אין גאַנצן פּאַסיוו. צי געפינסטו, הײלאַס, אַז אין דײַן דערפאַרונג איז עס אַנדערש?

הײלאַס - ניין, פּונקט דאָס זעלבע.

פילאָנוס - איצט, וואָס שײך זען: ליגט דען נישט אין דײַן רשות צו עפענען אָדער צו פּאַרמאַכן דײַנע אויגן, צו קוקן אין דער אָדער יענער ריכטונג?

הײלאַס — אַן צווייפל.

פילאָנוס - ווען דו קוקסט אויף דער דאָזיקער בלום און דו זעסט דווקא ווײַס און נישט וועלכן עס איז אַנדערן קאָליר, איז דאָס אויך אָפּהענגיק פון דײַן ווילן? אָדער ווען דו ווענדסט דײַן בליק צו יענעם טייל הימל, צי קאָנסטו אויסמײַדן צו זען די זון? אָדער איז ליכט און פינצטערניש דער רעזולטאַט פון דײַן ווילן?

הײלאַס — אוודאי נישט.

פילאָנוס - צי ביסטו דען אין די דאָזיקע פאַלן אין גאַנצן פּאַסיוו?

הײלאַס - יאָ.

פילאָנוס — איצט, זאָג מיר, צי באַשטייט דאָס

זען אין עמפינדן ליכט און קאָלירן, אָדער אין עפענען און באַוועגן מיט די אויגן.

היילאַס – בלי ספק, אַז עס באַשטייט אין ערשטן.

פילאָנוס — איז אויב דו ביסט אין גאַנצן פּאַסיוו אין דער עמפינדונג גופא פון ליכט און קאָלירן, טאָ וואָס ווערט דאַן פון דער אַקטיוויטעט, וועגן וועלכער דו האָסט פריער גערעדט, אַז זי איז אַ באַשטאַנדטייל פון יעדער עמ־פינדונג? און דרינגט דען נישט אַרויס פון די הנחות, וואָס דו האָסט אַליין צוגעגעבן, אַז די עמפינדונגען פון ליכט און קאָלירן, וועלכע אַנטהאַלטן אין זיך נישט קיין אַקטי־וויטעט, מעגן עקזיסטירן אין אַ נישט עמפינדנדיקער סובּ־סטאַנץ? און צי איז דאָס נישט קיין בולטער ווידערשפּרוך?

חיילאַס – איך ווייס נישט וואָס צו טראַכטן וועגן דעם.

פילאָנוס — און חוץ דעם, היות דו מאַכסט אַ נפקא־מינה צווישן דאָס אַקטיווע און פּאַסיווע אין יעדער עמפינדונג, מוזטו דאָס אויך טאָן מיט שמערץ. אָבער ווי אַזוי איז מעגלעך, אַז שמערץ – ווי ווייניק אַקטיוו עס זאָל נישט זיין—זאָל עקזיסטירן אין אַ נישט־עמפינדנדיקער סובּ־סטאַנץ? בקיצור, נעם נאָר אין באַטראַכט אָט־דעם פּונקט, און דאַן זיי זיך אָפנהאַרציק מודה, צי זענען נישט ליכט און קאָלירן, טעמים און קלאַנגען אאַ״וו אַלע גלייך ליידנשאַפטן אָדער עמפינדונגען אין דער נשמה. דו מעגסט זיי ווידקלעך אָנרופן אויסערלעכע אָביעקטן און דו קאָנסט זיי, אין ווערטער, צושרייבן וועלכן עס איז עק־זיסטענץ־אופן, וואָס נאָר דיר געפעלט. אָבער, קאָנטראָליר

דײַנע אײגענע געדאַנקען און זאָג מיר, צי עס איז נישט אַזוי ווי איך זאָג?

הילאַס — איך גיב צו, פילאָנוס, אַז בײַ אַן אויפ־ריכטיקער באַאָבאַכטונג פון דעם, וואָס עס קומט פאָר אין מײַן אײגענעם געדאַנק, געפין איך קײן אַנדער זאַך נישט ווי בלויז דאָס, אַז איך בין אַ דענקנדיק וועזן, אַפעקטירט פון פאַר־שײדענע עמפּינדונגען. עס איז אויך נישט מעגלעך צו באַ־גרײַפן, ווי אַזוי אַן עמפּינדונג זאָל קאָנען עקזיסטירן אין אַ נישט־עמפּינדנדיקער סובסטאַנץ. אָבער פון דער אַנדערער זײַט, ווען איך קוק אויף חושימדיקע זאַכן פון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט, באַטראַכטנדיק זײ ווי אַ שפּע מאָדוסן און קוואַליטעטן, געפין איך פאַר נויטיק פאָרויסצוזעצן אַ מאַ־טעריעלן סובסטראַטום אָן וועלכן זײער עקזיסטענץ קאָן נישט באַגריפן ווערן.

פילאָנוס — מאַטעריעלן סובסטראַטום רופסטו עס? איך בעט דיך, דורך וועלכע פון דײַנע חושים ביסטו באַקאַנט געוואָרן מיטן דאָזיקן וועזן?

הילאַס — פאַר זיך זעלבסט איז עס נישט חושימ־דיק, בלויז זײַנע מאָדוסן און קוואַליטעטן ווערן עמפּונדן דורך די חושים.

פילאָנוס — איך נעם דאָן אָן, אַז דורך נאָכטראַכטן און פאַרנונפט האָסטו באַקומען דעם באַגריף וועגן דעם?

הילאַס — איך פּרעטענדיר נישט צו האָבן אַ גע־נוי־פּאָזיטיון באַגריף וועגן דעם. פונדעסטוועגן באַשליס איך, אַז ער עקזיסטירט, מחמת מען קאָן נישט באַגרײַפן, אַז קוואַליטעטן זאָלן עקזיסטירן אָן אַן אונטערשטיצער.

פילאָנוס — ווי עס ווײַזט אויס, האָסטו בלויז אַ רעלאַטיוון באַגריף וועגן דעם, דאָס הייסט, אַז עס קאָן אַנ־דערש נישט באַגריפן ווערן, סײַדן דו נעמסט אין באַטראַכט די שייכותן, וואָס עס האָט צו חושימדיקע קוואַליטעטן?

היילאַס — ריכטיק.

פילאָנוס — דעריבער זײַ אַזוי גוט און לאָז מיר וויסן אין וואָס באַשטייט אָט־די שייכות.

היילאַס — איז עס דען נישט גענוג קלאָר אויסגע־דריקט אין דעם טערמין סובסטראַטום, אָדער סוב־סטאַנץ?

פילאָנוס — אויב אַזוי, דאַרף דאָס וואָרט סוב־סטראַטום באַדײַטן, אַז עס ליגט אויסגעשפּרייט אונטער די חושימדיקע קוואַליטעטן אָדער אַקצידענטן?

היילאַס — אמת.

פילאָנוס — און במילא אונטער אויסגעשפּרייטקייט?

היילאַס — איך נעם דאָס אָן.

פילאָנוס — עס פאַרמאָגט עפּעס דעריבער אין זײַן אייגענער נאַטור, וואָס איז אין גאַנצן אַנדערש פון אויסגע־שפּרייטקייט?

היילאַס — איך זאָג דיר, אַז אויסגעשפּרייטקייט איז בלויז אַ מאָדוס, און מאַטעריע איז עטוואָס, וואָס שפּאַרט אונטער מאָדוסן. און איז דען נישט קלאָר, אַז די זאַך, וואָס ווערט אונטערגעשפּאַרט, איז אַנדערש פון דער זאַך, וואָס שפּאַרט אונטער?

פילאָנוס — דאַרף איך, הייסט עס, אָננעמען, אַז דער סובסטראַטום פון אויסגעשפּרייטקייט איז אַן עפּעס,

וואָס איז אין גאַנצן אַנדערש און אויסגעשלאָסן פון אויס־געשפּרייטקייט?

היילאַס — פּונקט אַזוי.

פילאָנוס — ענטפער מיר, היילאַס: קאָן אַ זאַך זײַן אויסגעשפּרייט אָן אויסגעשפּרייטקייט? מיט אַנדערע ווערטער, צי איז דען נישט די אידעע פון אויסגעשפּרייט־קייט נויטיקערהייט אײַנגעשלאָסן אין דעם באַגריף שפּרייטן?

היילאַס — אַזוי איז דאָס.

פילאָנוס — איז דעריבער, וואָס דער עפּעס זאָל נישט זײַן — אויב ער איז אויסגעשפּרייט אונטער וועלכער עס איז זאַך, מוז ער אַנטהאַלטן אין זיך אַ מין אויסגע־שפּרייטקייט, וואָס איז אַנדערש פון דער אויסגעשפּרייטקייט פון דער זאַך, אונטער וועלכער ער איז אויסגעשפּרייט?

היילאַס — געוויס.

פילאָנוס — דרינגט דאָך אַרויס פון דעם, אַז יעדע קערפּערלעכע סובסטאַנץ, אַלס דער סובסטראַטום פון אויסגעשפּרייטקייט, מוז אַנטהאַלטן אין זיך גופא אַן אַנדער מין אויסגעשפּרייטקייט, וואָס אַ דאַנק דעם איז זי קוואַליפיצירט צו זײַן אַ סובסטראַטום, און אַזוי ביז אין דער אומענדלעכקייט אַרײַן? און איך פרעג דיך, צי דאָס איז נישט אַן אַבסורד אין זיך גופא, און צי געפינט זיך דאָס נישט אין ווידערשפּרוך צו דעם, וואָס דו האָסט נאָר וואָס צוגעגעבן, נעמלעך, אַז דער סובסטראַטום איז עטוואָס, וואָס איז אַנדערש און אויסגעשלאָסן פון אויס־געשפּרייטקייט?

היילאַס — יאָ, פילאָנוס, אָבער דו פאַרשטייסט

מיך שלעכט. איך מיין נישט צו זאָגן, אַז מאַטעריע איז אויסגעשפּרייט אונטער אויסגעשפּרייטקייט אין פּשוטן בוכשטעבלעכן זין פון דאָזיקן וואָרט. דאָס וואָרט סובסטראַטום ווערט בלויז גענוצט אויסצודריקן אין אַלגעמיין דאָס זעלביקע וואָס סובסטאַנץ.

פילאָנוס — נו גוט, לאָמיר באַטראַכטן די שייכותן וואָס דער טערמין סובסטאַנץ אַנטהאַלט. צי מיינט עס נישט, אַז זי שטייט אונטער אַקצידענטן?

הײַלאַס — דאָס טאַקע מיין איך.

פילאָנוס — אָבער אַז אַ זאַך זאָל שטיין אונטער אַן אַנדערער, אָדער זי אונטערשפּאַרן, מוז זי דען נישט זײַן אויסגעשפּרייט?

הײַלאַס — זי מוז.

פילאָנוס — איז דאָך די דאָזיקע השערה אויסגעזעצט צום זעלביקן אַבסורד, ווי די פריערדיקע.

הײַלאַס — דו נעמסט נאָך אַלץ זאַכן אין אַ שטרענגבוכשטעבלעכן זין. דאָס איז נישט יושרדיק, פילאָנוס.

פילאָנוס — איך וויל נישט אַרײַנטײַטשן אַ וועלכן עס איז זין אין דײַנע ווערטער: דו ביסט פרײַ זיי צו דערקלערן ווי דיר געפעלט. איך בעט דיך בלויז, גיב מיר עפּעס צו פאַרשטיין דורך זיי. דו זאָגסט מיר, אַז מאַטעריע שפּאַרט אונטער אָדער שטייט אונטער אַקצידענטן. ווי אַזוי? געשעט עס אויף דעם זעלביקן אופן, ווי דײַנע פיס שפּאַרן אונטער דעם קערפּער?

הײַלאַס — ניין, דאָס איז דער בוכשטעבלעכער זין.

פילאָנוס – איך בעט דיך, דערקלער מיר, וואָס פאַר א זין, בוכשטעבלעך אָדער נישט בוכשטעבלעך, דו פאַרשטייסט אונטער דעם. ווי לאַנג נאָך מוז איך וואַרטן אויף אַן ענטפער, היילאַס?

היילאַס – איך גיב צו, אַז איך ווייס נישט וואָס צו זאָגן. אַמאָל האָב איך געמיינט, אַז איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, וואָס עס ווערט געמיינט מיט דעם, אַז מאַטעריע שפּאַרט אונטער אַקצידענטן. אָבער איצט, וואָס מער איך טראַכט וועגן דעם, אַלץ ווייניקער פאַרשטיי איך דאָס; קורץ, איך זע איין, אַז איך ווייס גאָרנישט וועגן דעם.

פילאָנוס – עס ווייזט אויס, אַז דו האָסט וועגן מאַטעריע קיין שום אָנונג נישט, נישט פּאָזיטיוו און נישט רעלאַטיוו. נישט דו ווייסט, וואָס זי איז אין זיך גופא, און נישט דו ווייסט, וואָס פאַר א שייכות זי האָט צו אַקצידענטן.

היילאַס – איך בין מודה.

פילאָנוס – און פונדעסטוועגן האָסטו באַהויפּטעט, אַז דו קענסט נישט באַגרייפן ווי אַזוי קוואַליטעטן אָדער אַקצידענטן זאָלןווירקלעך עקזיסטירן, סײַדן מען שטעלט זיך פאָר אין דער זעלבער צײַט א מאַטעריעלן אונטער־שפּאַר פאַר זיי.

היילאַס – איך האָב עס געזאָגט.

פילאָנוס — דאָס מיינט צו זאָגן, אַז ווען דו באַגרייפסט די ווירקלעכע עקזיסטענץ פון קוואַליטעטן, באַגרייפסטו צוגלײַך עפּעס, וואָס דו קענסט נישט באַגרייפן?

היילאַס – איך גיב צו, אַז איך בין נישט געווען גערעכט. איך האָב נאָך אָבער אַלץ מורא, אַז עפּעס א טעות

איז פאַרט דאָ אין דעם. איך בעט דיך, וואָס זאָגסטו צו דעם? עס איז מיר נאָר וואָס אַרויף אויפן געדאַנק, אַז דער גרונט פון אַלע אונדזערע טעותן ליגט אין דעם, וואָס מיר באַהאַנדלען יעדע קוואַליטעט באַזונדער. איך גיב צו, אַז יעדע קוואַליטעט באַזונדער קאָן נישט עקזיסטירן אומאָפּהענגיק פון געדאַנק. קאָליר קאָן נישט עקזיסטירן אָן אויסגעשפּרייטקייט, אויך פיגור קאָן נישט עקזיסטירן אָן וועלכער עס איז אַנדערער חושימדיקער קוואַליטעט. אָבער היות באַזונדערע קוואַליטעטן, פאַרייניקט אָדער צונויפגעמישט, פאָרמירן גאַנצע חושימדיקע זאַכן, איז נישטאָ קיין מניעה אָנצונעמען, אַז אַזעלכע זאַכן עקזיסטירן אומאָפּהענגיק פון געדאַנק.

פ י ל אָ נ ו ס — אָדער דו מאַכסט שפּאַס, אָדער דו האָסט אַ קורצן זכרון, הײַלאַס. הגם מיר זענען ווירקלעך דורכגעגאַנגען אַלע קוואַליטעטן באַזונדער איינע נאָך דער אַנדערער, דאָך האָבן מײַנע אַרגומענטן — אָדער בעסער געזאָגט, דײַנע צושטימונגען - קיינמאָל נישט געהאַט די טענדענץ צו באַווײַזן, אַז די סעקונדערע קוואַליטעטן עקזיסטירן נישט יעדע באַזונדער פאַר זיך אַליין, נאָר אַז זיי האָבן בכלל נישט קיין עקזיסטענץ אומאָפּהענגיק פון געדאַנק. פאַקטיש, ווען מיר האָבן באַהאַנדלט פיגור און באַוועגונג, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז זיי קאָנען נישט עקזיסטירן אומאָפּהענגיק פון געדאַנק, מחמת עס איז געווען אוממעגלעך זיי אָפּצוטיילן, אַפילו אין געדאַנק, פון אַלע סעקונדערע קוואַליטעטן, כדי צו באַגרייפן, אַז זיי עקזיסטירן פאַר זיך אַליין. אגב, איז דאָס נישט געווען דער איינציקער

אַרגומענט, וואָס מיר האָבן באַנוצט בײַ דער געלעגנהייט. אָבער (כּדי צו פֿאַרגעסן אַלץ, וואָס איז בּיז איצט געזאָגט געוואָרן וועגן דעם, און באַטראַכטן דאָס פּאָר גאָרנישט — אויב דו ווילסט אַזוי) איך בּין צופֿרידן דאָס איבּערצולאָזן אין גאַנצן אויף דעם רעזולטאַט פֿון פֿאָלגנדן עקספּערימענט: אויב דו קענסט באַגרײַפֿן, אַז וועלכער עס איז געמיש אָדער וועלכע עס איז קאָמבּינאַציע פֿון קוואַליטעטן, אָדער וועלכער עס איז חושימדיקער אָביעקט, זאָל קאָנען עקזיסטירן אומ־אָפּהענגיק פֿון געדאַנק, דאַן וועל איך צוגעבן, אַז אין דער ווירקלעכקייט איז עס טאַקע אַזוי.

היילאַס — אויב עס ווענדט זיך אין דעם, וועט דער דאָזיקער פּונקט שנעל דערליידיקט ווערן. וואָס איז נאָך גרינגער, ווי באַגרײַפֿן, אַז אַ בּוים אָדער אַ הויז עקזיס־טירט פֿאַר זיך אַליין אומאָפּהענגיק און נישט עמפּונדן פֿון וועלכן עס איז געדאַנק? גלײַך אין איצטיקן מאָמענט באַ־גרייף איך, אַז זיי עקזיסטירן אויף דעם דאָזיקן אופֿן.

פֿילאָנוס — ווי מיינסטו, היילאַס, קאָנסטו זען אַ זאַך, וואָס ווערט אין דער זעלבּיקער צײַט נישט געזען?

היילאַס — ניין, דאָס וואָלט געווען אַ ווידערשפּרוך.

פֿילאָנוס — איז דען נישט פּונקט אַזאַ גרויסער ווידערשפּרוך צו רעדן וועגן באַגרײַפֿן אַ זאַך, וואָס איז נישט באַגריפֿן?

היילאַס — געוויס יאָ.

פֿילאָנוס — דעריבּער מוז איך אָננעמען, אַז דער בּוים אָדער דאָס הויז, פֿון וועלכע דו טראַכסט, ווערן פֿון דיר באַגריפֿן?

הײלאַס – ווי קאָן עס דען זײַן אַנדערש?

פילאָנוס – און דאָס, וואָס ווערט באַגריפן, איז דאָך זיכער אין געדאַנק?

הײלאַס – ס׳איז קלאָר, אַז דאָס, וואָס ווערט באַגריפן, איז אין געדאַנק.

פילאָנוס – טאָ ווי אַזוי האָסטו געקאָנט זאָגן, אַז דו האָסט באַגריפן אַ הויז אָדער אַ בוים, וואָס עקזיסטירט אומאָפּהענגיק און מחוץ פון וועלכן עס איז געדאַנק בכלל?

הײלאַס – איך גיב צו, אַז עס איז געווען אַ טעות; אָבער וואַרט, לאָז מיך זען, וואָס האָט מיך געפירט צו דעם. עס איז אַ טעות, וואָס האָט זיך געקאָנט לײַכט אַרײַנכאַפּן, בעת איך האָב געטראַכט וועגן אַ בוים אין אַן אײנזאַמען פּלאַץ, ווו קײנער איז נישט געווען אַנוועזנד אים צו זען, – האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דאָס הײסט באַגרײפן אַ בוים, וואָס עקזיסטירט אומעמפּונדן, אָדער וועגן וועלכן עס איז נישט געטראַכט געוואָרן, נישט אײַנזעענדיק דערבײַ, אַז איך אַלײן האָב אים באַגריפן די גאַנצע צײַט. אָבער איצט זע איך קלאָר אײַן, אַז אַלץ, וואָס איך קאָן טון, איז צו פאָרמירן אידעען אין מײַן אײגענעם געדאַנק. איך קאָן ווירקלעך באַגרײפן אין מײַן אײגענעם געדאַנק די אידעע פון אַ בוים, אָדער פון אַ הויז, אָדער פון אַ באַרג, אָבער דאָס איז אַלץ. און דאָס איז ווײַט פון באַווײַזן, אַז איך קאָן באַגרײפן זײער עקזיסטענץ מחוץ די געדאַנקען פון אַלע רוחניותדיקע וועזנס.

פילאָנוס – ביסטו, הײסט עס, מודה, אַז עס איז אוממעגלעך פאַר דיר צו באַגרײפן, ווי אַזוי וועלכע עס איז

קערפּערלעך־חושימדיקע זאַך זאָל עקזיסטירן אַנדערשווו, ווי אין אַ געדאַנק?

הײלאַס — איך גיב דאָס צו.

פילאָנוס — און דאַך ווערסטו זיך ערנסט אײַנ־שטעלן פאַר דעם אמת פון אַן עפּעס, וואָס דו קאָנסט אַפילו נישט באַגרײַפן?

הײלאַס — איך בין מודה, אַז איך ווייס נישט וואָס צו טראַכטן וועגן דעם, אָבער דאַך בלײַבן בײַ מיר אַ ביסל ספקות. איז עס דען נישט זיכער, אַז איך זע זאַכן אין דיס־טאַנץ? למשל, צי עמפּינדן מיר דען נישט, אַז די שטערן און די לבנה זענען זייער ווײַט פון אונדז? איז דאָס דען נישט קלאָר פאַר די חושים?

פילאָנוס — צי עמפּינדסטו אויך נישט אין חלום די דאָזיקע אָדער ענלעכע אָביעקטן?

הײלאַס — יאָ.

פילאָנוס — און צי האָבן זיי דאַן נישט דעם זעל־ביקן אויסזען, אַז זיי זענען פון דער ווײַטנס?

הײלאַס — געוויס.

פילאָנוס — פונדעסטוועגן דרינגסטו נישט פון דעם, אַז די דערשײַנונגען אין אַ חלום זענען אומאָפּהענגיק פון געדאַנק?

הײלאַס — פאַר קיין פאַל נישט.

פילאָנוס — דעריבער דאַרפסטו נישט מאַכן דעם אויספיר, אַז חושימדיקע אָביעקטן עקזיסטירן אומאָפּהענגיק פון געדאַנק, צוליב זייער אויסזען אָדער אופן פון זייער עמפּונדן ווערן.

הייל אַס – איך גיב דאָס צו. אָבער צי נאַרן מיך נישט מײַנע חושים אין די דאָזיקע פאַלן?

פילאָנוס – באין אופן נישט. נישט דער חוש און נישט דער געדאַנק אינפאָרמירן דיר נישט, אַז די אידעע אָדער זאַך, וועלכע דו עמפּינדסט אוממיטלבאַר, עקזיסטירט ווירקלעך אומאָפּהענגיק פון געדאַנק. דורך די חושים ווייסטו בלויז, אַז דו ווערסט אַפעקטירט דורך אַזעלכע אייגנאַרטי־קע עמפּינדונגען פון ליכט, קאָלירן אאַז״וו, און דו וועסט דאָך נישט זאָגן, אַז זיי עקזיסטירן מחוץ דעם געדאַנק.

הייל אַס – אמת, אָבער אַ חוץ דעם אַלעם, דענקסטו דען נישט, אַז דאָס זען סוגעסטירט עפּעס פון דרויסנ־דיקייט אָדער דיסטאַנץ?

פילאָנוס – בעת מען דערנענטערט זיך צו אַן אָביעקט, וואָס איז פון דער ווײַטנס, צי האַלט זיך נישט די גרויס און די פיגור, וואָס מיר זעען, אין איין בײַטן? אָדער האָבן זיי אפשר דעם זעלבן אויסזען בײַ אַלע דיס־טאַנצן?

הייל אַס — זיי האַלטן זיך אין איין בייטן.

פילאָנוס — מוז מען דעריבער דרינגען, אַז די ראיה סוגעסטירט נישט, אָדער יעדנפאַלס אינפאָרמירט זי דיך נישט אויף וועלכן עס איז אופן, אַז דער געזעענער אָביעקט, וועלכן דו עמפּינדסט אוממיטלבאַר, עקזיסטירט אויף אַ דיסטאַנץ*) פון אונז, אָדער אַז ער וועט עמפּונדן ווערן,

*) זע דעם מחברס „עסיי צו דער נייער טעאָריע פון זען און איר רעכט־פאַרטיקונג", 1734. (איבערזעצער.)

ווען דו ווערסט זיך אַלץ מער דערנענטערן צו אים. וואָס עס קומט פאָר, איז אַ נאָכאַנאַנדיקע סעריע פון געזעענע אָביעקטן, וועלכע פאָלגן נאָך איינער דעם אַנדערן, דורך דער גאַנצער צײַט פון דײַן דערנענטערן זיך.

הײלאַס — עס איז טאַקע אַזוי; דאָך, ווען איך דערזע אַן אָביעקט, ווייס איך וואָס פאַר אַן אָביעקט איך וועל עמפינדן, נאָך דעם, ווי איך וועל זיך צו אים דערנענטערן אויף אַ געוויסער דיסטאַנץ. עס מאַכט נישט אויס צי ער וועט זײַן אַקוראַט דער זעלביקער אָדער נײַן, עס בלײַבט נאָך פאָרט עפּעס סוגעסטירט אין דאָזיקן פאַל פון דיסטאַנץ.

פילאָנוס — גוטער הײלאַס, פאַרטראַכט זיך בלויז אַביסל וועגן דעם, וואָס איך וועל דיר זאָגן, און זאָג מיר צי עס איז פאַראַן אין דעם עפּעס מער, ווי פאָלגענדעס: פון די אידעען, וועלכע ווערן פון דיר ווירקלעך עמפונדן דורך זען, האָסטו געלערנט, אַ דאַנק דער דערפאַרונג, צו־נויפצוזאַמלען די אַנדערע אידעען, פון וועלכע דו ווערסט אַפעקטירט ווערן (לויט דעם שטענדיקן סדר פון דער נאַ־טור), נאָך אַ באַשטימטן בסדרדיקן נאָכפאָלג פון צײַט און באַוועגונג.

הײלאַס — נעמענדיק די זאַך אַלס גאַנצע, שטים איך מיט דיר אײַן.

פילאָנוס — איצט, ווען מיר שטעלן זיך פאָר אַ מענטש, וואָס איז געבוירן געוואָרן בלינד און איז פּלוצלונג זעעוודיק געוואָרן, איז דען נישט קלאָר, אַז ער וועט לכתחילה

נישט קאָנען האָבן קיין דערפאַרונג פון דעם, וואָס ווערט סוגעסטירט דורך דעם זען?

היילאַס — ריכטיק.

פילאָנוס — ער וועט דאַן, לויט דיין מיינונג, נישט האָבן קיין באַגריף װעגן דיסטאַנץ אין פאַרבינדונג מיט די זאַכן, וואָס ער האָט געזען; ער וועט זיי נאָר באַטראַכטן פאַר אַ נײַעם צוזאַמענשטעל פון עמפינדונגען, וואָס עקזיסטירן בלויז אין זײַן געדאַנק.

היילאַס - מען קאָן דאָס נישט לייקענען.

פילאָנוס - לאָמיר דאָס אָבער מאַכן נאָך קלאָרער: איז דען נישט דיסטאַנץ אַ ליניע, וואָס איז אָנגעשטעלט מיט דעם ענד צום אויג?*)

היילאַס - יאָ.

פילאָנוס — צי קאָן אַ ליניע, אַזוי אָוועקגעשטעלט, עמפונדן ווערן דורך דעם זען?

היילאַס - עס קאָן נישט.

פילאָנוס — פאָלגט דען נישט פון דעם, אַז דיסטאַנץ ווערט נישט געהעריק און אוממיטלבאַר עמפונדן דורך דעם זען?

היילאַס - עס זעט אויס אַזוי.

פילאָנוס — צי האַלטסטו זיך נאָך אַלץ בײַ דײַן מיינונג, אַז קאָלירן זענען אויף אַ דיסטאַנץ פון אונדז?

---

*) ליניע רעפלעקטירט פון זאַכן צום אויג אין אַ דירעקטער ליניע. דאָס אויג זעט בלויז דעם לעצטן פונקט פון דער ליניע. דעריבער קאָן דאָס אויג נישט זען קיין דיסטאַנץ. (איבערזעצער.)

הײלאַס – מען מוז צוגעבן, אַז זײ עקזיסטירן בלויז אין געדאַנק.

פילאָנוס – נעמט דען נישט אויף דאָס אויג די קאָלירן אַלס עפּעס, וואָס עקזיסטירט צוזאַמען, אין זעלבן פּלאַץ, מיט אויסגעשפּרייטקייט און פיגור?

הײלאַס – אַזוי דערשײַנען זײ.

פילאָנוס — טאָ ווי אַזוי קאָנסטו באַשטימען, בלויז אויף דעם סמך פון זען, אַז פיגורן עקזיסטירן יאָ דרויסן, בעת דו גיסט צו, אַז קאָלירן עקזיסטירן נישט דרויסן; דער חושימדיקער אויסזען איז דאָך אַקוראַט דער זעלביקער ביַי ביידן?

הײלאַס – איך ווייס נישט, וואָס דיר צו ענטפערן.

פילאָנוס — ווען מען זאָל אָבער אַפילו אָננעמען, אַז דיסטאַנץ ווערט ווירקלעך און אוממיטלבאַר עמפּונדן דורכן געדאַנק, קאָן מען דאָך אויך פון דעם נישט דרינגען, אַז עס עקזיסטירט מחוץ דעם געדאַנק. מחמת אַלץ, וואָס ווערט אוממיטלבאַר עמפּונדן, איז אַן אידעע: און צי קאָן וועלכע עס איז אידעע עקזיסטירן מחוץ דעם געדאַנק?

הײלאַס – אָט די סברה איז טאַקע אַן אַבסורד. זאָג מיר אָבער, פילאָנוס, צי קאָנען מיר גאָר נישט עמפינדן אָדער וויסן אויסער אונזערע אידעען?

פילאָנוס — וואָס שייך דאָס ראַציאָנאַלע אַרויס־דרינגען סיבות פון פּועל יוצאס, ליגט עס אויסער די ראַ־מען פון אונזער אונטערזוכונג. דורך די חושים קאָנסטו זיך אַמבעסטן דערוויסן צי דו עמפינדסט וועלכע עס איז זאַך, וואָס ווערט נישט אוממיטלבאַר עמפּונדן. און איך

פרעג דיך צי די זאַכן, וואָס ווערן אוממיטלבאַר עמפּונדן, זענען עפּעס אַנדערש ווי דײַנע אייגענע עמפּינדונגען אָדער אידעען? עס איז אמת, אַז אין פאַרלויף פון אונדזער געשפּרעך האָסטו זיך מער ווי איין מאָל קלאָר אַרויסגעזאָגט בנוגע די דאָזיקע פּונקטן; אָבער פון דײַן לעצטער שאלה ווײַזט אויס, אַז דו האָסט זיך אָפּגעזאָגט פון דײַן פריערדיקער מיינונג.

הײלאַס — דעם אמת זאָגנדיק, פילאָנוס, דענק איך, אַז עס זענען פאַראַן צוויי סאָרטן אָביעקטן: די, וואָס ווערן עמפּונדן אוממיטלבאַר און זיי ווערן אויך אָנגערופן אידעען; און די, וואָס זענעןווירקלעכע זאַכן אָדער אויסערלעכע אָביעקטן און ווערן עמפּונדן דורך דער פאַרמיטלונג פון אידעען, וועלכע זענען זייערע אָפּבילדער און פאַרטרעטער. איך גיב צו, אַז אידעען עקזיסטירן נישט אומאָפּהענגיק פון געדאַנק, אָבער דער לעצטער סאָרט אָביעקטן עקזיסטירט יאָ אומאָפּהענגיק פון געדאַנק. עס טוט מיר באַנג, וואָס איך האָב פריער נישט געטראַכט וועגן דאָזיקן אונטערשייד; דאָס וואָלט אפשר פאַרקירצט אונדזער דיסקוסיע.

פילאָנוס — צי ווערן די דאָזיקע אויסערלעכע אָביעקטן עמפּונדן דורך די חושים אָדער פון וועלכן עס איז אַנדערן כּוח?

הײלאַס — זיי ווערן עמפּונדן דורך די חושים.

פילאָנוס — אַזוי גאָר! איז דען פאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס ווערט עמפּונדן דורך די חושים נישט אוממיטלבאַר?

הײלאַס — יאָ, פילאָנוס, אין אַ געוויסן זין איז עס

פאַראַן. למשל, ווען איך קוק אויף אַ בילד אָדער סטאַטוע פון יוליוס צעזאַר, קאָן געזאָגט ווערן, אַז אויף אַ געוויסן אופן עמפינד איך אים (הגם נישט אוממיטלבאַר) מיט מיינע חושים.

פילאָנוס — ווי עס ווייזט אויס, ווילסטו האָבן, אַז אונדזערע אידעען, וועלכע בלויז זיי אַליין ווערן אומ־מיטלבאַר עמפונדן, זענען בילדער פון אויסערלעכע זאַכן; און אַז די דאָזיקע אויסערלעכע זאַכן ווערן אויך עמפונדן דורך די חושים אויף אַזוי ווייט, ווי זיי פאַלן צונויף אָדער זענען ענלעך מיט אונדזערע אידעען?

הילאַס - דאָס איז מיין מיינונג.

פילאָנוס - און אויף דעם זעלביקן אופן, ווי יוליוס צעזאַר, וואָס ער אַליין איז אומזעבאַר, און פונדעסט־וועגן ווערט ער עמפונדן פון דער ראיה — ווערן עמפונדן דורך די חושיםווירקלעכע זאַכן, וואָס זענען אין זיך גופא אומעמפינדבאַר.

הילאַס - פונקט אויף דעם זעלביקן אופן.

פילאָנוס - זאָג מיר, היילאַס, ווען דו באַטראַכטסט דאָס בילד פון יוליוס צעזאַר, צי זעסטו מיט דיינע אויגן עפּעס מער ווי מאַנכע קאָלירן און פיגורן, און אַ געוויסע פּראָפּאָרציע און קאָמפּאָזיציע פון גאַנצן?

הילאַס — אַ חוץ דעם זע איך גאָרנישט.

פילאָנוס - און אַ מענטש, וואָס האָט נישט קיין שום ידיעה וועגן יוליוס צעזאַר, צי וועט ער דען נישט זען דאָס זעלביקע?

הילאַס - ער וועט זען דאָס זעלביקע.

פילאָנוס — דערפון איז געדרונגען, אַז ער האָט זײַן ראיה און קאָן זי נוצן מיט דער זעלביקער מדרגה פון פולקאָמענהייט, ווי דו?

הײלאַס — איך שטים אײַן מיט דיר.

פילאָנוס — טאָ פון וואַנען נעמט עס זיך, וואָס דײַנע געדאַנקען ווענדן זיך צום רוימישן אימפּעראַטאָר און זײַנע נישט? דאָס קאָן זיך דאָך נישט נעמען פון דער עמפּינדונג אָדער פון די חוש־אידעען, בעת דו האָסט דאָס עמפּונדן. מחמת דו גיסט דאָך אַליין צו, אַז אין דעם פאַל האָסטו נישט קיין פאַרצוג איבער אים. דעריבער דאַכט זיך, אַז דאָס דאַרף זיך נעמען פון שכל און זכרון. צי איז עס דען נישט אַזוי?

הײלאַס — יאָ, אַזוי איז דאָס.

פילאָנוס — ווײַט, הייסט עס, פון דעם פאַל נישט זײַן געדרונגען, אַז עפּעס, וואָס ווערט נישט אוממיטלבאַר עמפּונדן, קאָן דאָך עמפּונדן ווערן דורך די חושים. הגם איך גיב צו, אַז אין אַ געוויסן זין קאָן מען ריידן וועגן חושימדיקע זאַכן, וואָס ווערן עמפּונדן מיטלבאַר. אין דעם פאַל פון עמפּינדונגען, אין וועלכע די פאַרבינדונגען חזרן זיך אָפט איבער, פּאַסירט, אַז די אוממיטלבאַרע עמפּינדונגען פון אידעען פון איין חוש סוגעסטירן דעם געדאַנק אַנדערע אידעען, וועלכע קערן זיך אפשר אָן מיט אַן אַנדערן חוש, וועלכע זענען אָבער געוויינלעך פאַרבונדן מיט זיי. למשל, ווען איך הער דאָס פאַרבײַפאָרן פון אַ קאַרעטע אין גאַס, עמפּינד איך אוממיטלבאַר בלויז דעם קלאַנג; פון דער דערפאַרונג ווייס איך אָבער, אַז אַזאַ און אַזאַ קלאַנג

איז פאַרבונדן מיט אַ קאַרעטע, — זאָגט מען, אַז מען הערט אַ קאַרעטע. עס איז דאָך קלאָר, אַז אין אמתן און אין פּרע־ציזן זין פון וואָרט קאָן קיין שום זאַך נישט געהערט ווערן אויסער קלאַנג; און דעריבער איז די קאַרעטע אייגנטלעך נישט עמפּונדן געוואָרן דורך דעם חוש, נאָר איז סוגעסטירט געוואָרן פון דער דערפאַרונג. פּונקט דאָס זעלבע געשעט, ווען מען זאָגט, אַז מיר זעען אַ רויט־גלוענ־דיקן שטאַנג אײַזן; די האַרטקייט און די היץ פון דעם אײַזן זענען נישט די אָביעקטן פון דעם חוש זהראיה, זיי ווערן אָבער סוגעסטירט דער פאַרשטעלונגס־קראַפט דורך דעם קאָליר און דער פיגור, וועלכע ווערן אייגנטלעך עמפּונדן דורך דעם דאָזיקן חוש. קורץ, בלויז די זאַכן ווערן ווירק־לעך און פּינקטלעך עמפּונדן דורך וועלכן עס איז חוש, ווען זיי וואָלטן עמפּונדן געוואָרן אויך אין פאַל, ווען דער זעלביקער חוש וואָלט אונדז אין יענעם מאָמענט געגעבן געוואָרן צום ערשטן מאָל. וואָס שייך אַנדערע זאַכן, איז דאָך קלאָר, אַז זיי ווערן בלויז סוגעסטירט דעם געדאַנק דורך דער דערפאַרונג, באַזירט אויף פריערדיקע עמפּינדונ־גען. לאָמיר זיך אָבער צוריקקערן צו דײַן פאַרגלײַך מיט צעזאַרס בילד. עס איז קלאָר - אויב דו האַלטסט זיך נאָך אַלץ בײַ דער זעלבער מיינונג, — אַז דו וועסט מוזן אָננע־מען, דאָס ווירקלעכע זאַכן אָדער די אורשפּרינגלעכע טיפּן פון אונדזערע אידעען ווערן נישט עמפּונדן דורך אונדזערע חושים, נאָר דורך אַ וועלכן עס איז אינערלעכן כּוח פון דער נשמה, ווי פאַרנונפט אָדער זכרון. איך וואָלט דעריבער גערן וועלן וויסן, וואָס פאַר אַ שכלדיקע ראיות דו קאָנסט

בּרענגען אויך צו באַווײַזן די עקזיסטענץ פון דעם, וואָס דו רופסט אָן ווירקלעכע זאַכן אָדער מאַטעריעלע אָביעקטן. אָדער דערמאָנסטו זיך אפשר, אַז דו האָסט זיי פריער ווען געזען ווי אַזוי זיי זענען אין זיך גופא; אָדער, האָסטו אפשר געהערט אָדער געלייענט פון אַן אַנדערן, וואָס האָט זיי געזען.

היילאַס — איך זע, פילאָנוס, אַז דו ביסט גענייגט צו מאַכן שפּאַס, דאָס וועט מיך אָבער קיין מאָל נישט איבּערצײַגן.

פילאָנוס — מײַן צוועק איז בלויז צו לערנען פון דיר ווי אַזוי צו קריגן דעם וויסן וועגן מאַטעריעלע וועזנס. אַלע, וואָס מיר עמפּינדן, ווערט עמפּונדן אומ־מיטלבאַר אָדער מיטלבאַר, ד״ה דורך די חושים, אָדער דורך דעם שכל און נאָכדענקען. אָבער אַזוי ווי די חושים האָסטו אויסגעשלאָסן, בעט איך דיך, דערקלער מיר, וואָס פאַר אַן אורזאַך דו האָסט צו גלויבן אין זייער עקזיסטענץ; אָדער מיט וואָס פאַר אַ מיטל דו קאָנסט זיך באַנוצן, כּדי דאָס צו באַווײַזן, פאַר מײַן אָדער דײַן אייגענעם פאַרשטאַנד.

היילאַס — איך וויל זײַן אָפנהאַרציק, פילאָנוס: איצט, ווען איך פאַרטראַכט זיך וועגן דעם פּונקט, זע איך אײַן, אַז איך קאָן דיר נישט געבן קיין גוטן טעם פאַר דעם. אָבער יעדנפאַלס ווײַזט אויס צו זײַן קלאָר, אַז עס איז, לכל הפּחות, פאַראַן אַ מעגלעכקייט, דאָס אַזעלכע זאַכן קאָנען ווירקלעך עקזיסטירן. און כּל־זמן עס איז נישט קיין אַבסורד אָנצונעמען אַזאַ סברה, בין איך אַנטשלאָסן אַזוי צו

גלויבן, סיידן דו וועסט ברענגען קלאָרע באַווייזן, אַז זייער עקזיסטענץ איז אוממעגלעך.

פילאָנוס - וואָס! האַלט עס שוין דערביי, אַז די עקזיסטענץ פון מאַטעריעלע אָביעקטן איז באַזירט בלויז אויף גלויבן, און דיין גלויבן איז באַזירט בלויז אויף דער מעגלעכקייט, אַז עס קאָן זיין אמת? און דערצו ווילסטו נאָך, איך זאָל ברענגען ראיות קעגן דעם, הגם עס איז דאָ אַ סברה, אַז על פי שכל דאַרפן די באַווייזן קומען פון דעם צד, וואָס נעמט אָן די פּאָזיטיווע זייט. און נאָך אַלעם - אַט דער זעלבער פּונקט, וועלכן דו האָסט איצט באַשלאָסן אָנצונעמען, אָן וועלכן עס איז גרונט, איז אין דער ווירקלעכקייט דער, וועלכן דו האָסט מערערע מאָל, אין פאַרלויף פון אונדזער דיסקוסיע, געהאַט גענוג טעמים אויפצוגעבן. מיר וועלן דאָס אָבער לאָזן אָן אַ זייט. אויב איך פאַרשטיי דיך ריכטיק, זאָגסטו, אַז אונדזערע אידעען עקזיסטירן נישט אומאָפּהענגיק פון געדאַנק, אָבער זיי זענען קאָפּיעס, בילדער אָדער רעפּרעזענטאַציעס פון געוויסע אָריגינאַלן, וואָס עקזיסטירן יאָ אומאָפּהענגיק פון געדאַנק?

הילאַס - דו פאַרשטייסט מיך ריכטיק.

פילאָנוס - זענען זיי, הייסט עס, גלייך צו דרויסנדיקע זאַכן?

הילאַס - געוויס.

פילאָנוס - צי האָבן די דאָזיקע זאַכן אַ שטאַנדהאַפטיקע און פּערמאַנענטע נאַטור, אומאָפּהענגיק פון אונדזערע חושים, אָדער צי האַלטן זיי זיך בסדר אין ענדערן, ווען מיר פאַראורזאַכן וועלכע עס איז באַוועגונג אין אונ־

דזערע קערפּערס—ווי דאָס צוריקהאַלטן, אָנשטרענגען, אָדער פאַרענדערן אונדזערע פעיקייטן, אָדער אונדזערע חוש־אָרגאַנען?

היילאַס – עס איז קלאָר, אַז ווירקלעכע זאַכן האָבן אַ פעסטגעשטעלטע און ווירקלעכע נאַטור, וועלכע פאַר־בלײַבט די זעלביקע, נישט געקוקט אויף וועלכער עס איז ענדערונג, וואָס קומט פאָר אין אונדזערע חושים, אָדער אין דער פּאָזיציע און באַוועגונג פון אונדזערע קערפּערס. די פאַרענדערונגען מעגן ווירקלעך אַפעקטירן די אידעען אין אונדזערע געדאַנקען, עס וואָלט אָבער געווען אַן אַבסורד אָנצונעמען, אַז זיי האָבן די זעלבע ווירקונגען אויף זאַכן, וועלכע עקזיסטירן אומאָפּהענגיק פון אונדזער געדאַנק.

פילאָנוס – ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, אַז זאַכן, וואָס זענען אין אַ שטענדיקן פלוס און אַזוי פאַרענדערלעך ווי אונדזערע אידעען, זאָלן זײַן קאָפּיעס אָדער בילדער פון עפּעס, וואָס איז פיקסירט און שטאַנדהאַפטיק? אָדער, מיט אַנדערע ווערטער: אַזוי ווי אַלע חושימדיקע קוואַליטעטן, ווי גרויס, פיגור, קאָליר אאַז״וו – דאָס הייסט אונדזערע אידעען — בייטן זיך נאָכאַנאַנד מיט יעדער ענדערונג פון דער דיסטאַנץ, פון די מיטלען אָדער אינסטרומענטן פון עמפּינדונג, – טאָ ווי אַזוי קאָנען וועלכע עס איז דעטערמי־נירטע מאַטעריעלע אָביעקטן געהעריק רעפּרעזענטירט אָדער אָפּגעמאָלט ווערן דורך עטלעכע באַזונדערע זאַכן, וווען יע־דע פון זיי איז אַנדערש און נישט גלײַך צו די איבעריקע? און אויב דו ווערסט זאָגן, אַז זיי זענען בלויז ענלעך צו איינער פון אונדזערע אידעען, טאָ ווי אַזוי וועלן מיר קאָנען אונטערשיידן די אמתע קאָפּיע פון דער פאַלשער?

היילאַס - איך בין זיך מודה, פילאָנוס, אַז איך ווייס דיר נישט וואָס צו ענטפערן אויף דעם.

פילאָנוס - אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ. וואָס זענען מאַטעריעלע אָביעקטן אין זיך גופא - עמפינדבאַר אָדער נישט עמפינדבאַר?

היילאַס - געהעריק און אוממיטלבאַר קאָנען מיר נישט עמפינדן קיין זאַך אויסער אונדזערע אידעען. דעריי־בער זענען אַלע מאַטעריעלע אָביעקטן אין זיך גופא נישט עמפינדבאַר, און קאָנען עמפונדן ווערן בלויז דורך אונדזע־רע אידעען.

פילאָנוס — הייסט עס, אַז אידעען זענען עמפינד־באַר, און זייערע אורטיפּן אָדער אָריגינאַלן זענען נישט עמ־פינדבאַר?

היילאַס - ריכטיק.

פילאָנוס — ווי אַזוי אָבער קאָן דאָס, וואָס איז עמפינדבאַר, זײַן גלײַך צו דעם, וואָס איז נישט עמפינד־באַר? קאָן אַווירקלעכע זאַך, וואָס איז אין זיך גופא אומ־זעבאַר, זײַן גלײַך צו אַ קאָליר? אָדער אַ ווירקלעכע זאַך, וואָס איז נישט הערבאַר, זײַן גלײַך צו אַ קלאַנג? קורץ, צי קאָן וועלכע עס איז זאַך זײַן גלײַך צו אַ עמפינ־דונג אָדער אידעע, אויסער אַן אַנדערע עמפינדונג אָדער אידעע?

היילאַס — איך מוז צוגעבן, אַז איך קאָן דאָס נישט לייקענען.

פילאָנוס - איז דען מעגלעך, עס זאָל נאָך זײַן וועלכער עס איז צווייפל בנוגע דעם דאָזיקן פונקט? צי

האָסטו דען נישט קיין פולקאָמענע ידיעה וועגן דיינע אייגענע אידעען?

הײלאַס – מיין ידיעה וועגן זיי איז פולקאָם, מחמת דאָס, וואָס איך עמפינד נישט אָדער ווייס נישט, קאָן נישט זיין אַ טייל פון מיין אידעע.

פילאָנוס – באַטראַכט, דעריבער, און עקזאַמינירן זיי, און דאַן זאָג מיר, אויב עס איז פאַראַן עפּעס אין זיי, וואָס קאָן עקזיסטירן אומאָפּהענגיק פון געדאַנק, אָדער צי דו קאָנסט באַגרייפן וועלכע עס איז זאַך, וואָס איז גלייך צו זיי און זאָל קאָנען עקזיסטירן אומאָפּהענגיק פון געדאַנק?

הײלאַס – נאָך אונדזער אונטערזוכונג געפין איך, אַז עס איז פאַר מיר אוממעגלעך צו באַגרייפן אָדער פאַרשטיין, ווי אַזוי וועלכע עס איז זאַך אויסער אַן אידעע קאָן זיין גלייך צו אַן אידעע. און עס איז זייער קלאָר, אַז קיין אידעע קאָן נישט עקזיסטירן אומאָפּהענגיק פון געדאַנק.

פילאָנוס – אויף דעם באַזיס פון דיינע אייגענע גרונט־הנחות ביסטו דעריבער געצוואונגען צו לייקענען דיווירקלעכקייט פון חושימדיקע זאַכן; ווייל לויט דיין שיטה קומט אויס, אַז זייער קיום איז אָפּהענגיק פון אַן אַבסאָלוטער עקזיסטענץ, וואָס איז דרויסן פון געדאַנק. דאָס מיינט צו זאָגן, אַז דו ביסט דורך און דורך אַ סקעפּטיקער. איז מיר אַזוי אַרום געלונגען צו דערווייזן, אַז דיינע גרונט־הנחות פירן צום סקעפּטיציזם*).

---

*) זע זייט 97 שורה 11 און 12. (איבערזעצער).

הײלאַס – אויב איך בין נישט אין גאַנצן איבערצײַגט, בין איך ווייניקסטנס געצוווּנגען צו שווײַגן דערוועגל.

פילאָנוס – איך וואָלט גערן וועלן וויסן, וואָס נאָך דו פאָדערסט, כדי צו זײַן פולקאָם איבערצײַגט. צי ביסטו דען נישט געווען פרײַ צו קומען צום וואָרט אויף יעדן מעגלעכן אופן? צי האָב איך דען אויסגענוצט וועלכן עס איז קליינעם פאַרזען אין פאַרלויף פון דער דיסקוסיע און געמאַכט דערפון אַ ווּזן? אָדער, צי איז דיר נישט געגעבן געוואָרן די געלעגנהייט צוריקצוציִען אָדער פאַרשטאַרקן יעדע זאַך, וואָס דו האָסט פאָרגעשלאָגן, אַזוי ווי עס האָט זיך דיר געפּאַסט אַמבעסטן? צי איז דען נישט אַלע, וואָס דו האָסט געהאַט צו זאָגן, אויסגעהערט און באַטראַכט געוואָרן מיט יעדער מעגלעכער אומפּאַרטייִישקייט? קורץ, צי ביסטו דען נישט פון דײַנע אייגענע ווערטער איבערצײַגט געוואָרן אין יעדן פּונקט? און אויב דו קאָנסט נאָך איצט געפינען וועלכן עס איז פעלער אין דעם, אויף וואָס דו האָסט פריער מסכּים געווען, אָדער אויב דו האָסט נאָך אַ וועלכן עס איז אויסוועג, אַ נײַע נפקא־מינה, ניואַנס אָדער וועלכן עס איז פּירוש, טאָ פאַר וואָס ברענגסטו עס נישט אַרויס?

הײלאַס – אַ ביסל געדולד, פילאָנוס. איך בין איצט אַזוי דערשטוינט פון דעם, וואָס איך זע זיך געפאַנגען אין אַ נעץ; איך פיל מיך, ווי איך וואָלט געווען פאַרשפּאַרט אין דעם לאַבירינט, אין וועלכן דו האָסט מיך אַרײַנגעצויגן, און מען קאָן נישט דערוואַרטן, איך זאָל גלײַך אויפן אָרט געפינען דעם וועג אַרויסצוגיין. דו מוזט מיר געבן צײַט זיך אַרומצוקוקן, כדי צו קומען צו זיך.

פ י ל אָ נ ו ס – הער! איז דאָס נישט דער שולגלאָק?
ה י י ל אַ ס – ער רופט צו תּפילה.
פ י ל אָ נ ו ס – מיר װעלן אַרײַנגײן, אויב דו װילסט, און מאָרגן אין דער פֿרי װעלן מיר זיך דאָ װידער טרעפֿן. און דערװײַל קאָנסטו נאָכדענקען װעגן הײַנטיקן װיכּוח, און פּרוביר צי דו קאָנסט געפֿינען װעלכן עס איז טעות אָדער אַנטדעקן אַ נײַ מיטל װי אַזוי זיך אַרױסצודרײען פֿון פּלאָנ־טער.
ה י י ל אַ ס – מסכּים.

צווייטער דיאַלאָג

צווייטער דיאַלאָג

היילאַס — אַנטשולדיק, פילאָנוס, וואָס איך האָב זיך אַביסל פאַרשפּעטיקט. אַ גאַנצן פרימאָרגן בין איך גע־ווען אַזוי פאַרנומען מיטן ויכוח, וואָס מיר האָבן לעצטנס געפירט, אַז איך האָב נישט געהאַט קיין פרײַע צײַט צו טראַכטן וועגן דער שעה פון טאָג, אָדער וועגן וועלכער עס איז אַנדער זאַך.

פילאָנוס — איך בין צופרידן, וואָס דו שענקסט אים אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט. איך האָף, אַז אויב עס האָבן זיך אַרײַנגעכאַפּט וועלכע עס איז טעותים אין דעם, מיט וואָס דו האָסט מסכים געווען, אָדער עס זענען גע־מאַכט געוואָרן וועלכע עס איז פעלערן אין די לאָגישע שלוסן, וועלכע איך האָב געצויגן פון זיי, וועסטו זיי פאַר מיר אַנטדעקן.

היילאַס — איך פאַרזיכער דיר, אַז זינט איך האָב דיך געזען, האָב איך קיין אַנדער זאַך נישט געטאָן ווי נאָר געזוכט טעותים און פעלערן, און מיט דער דאָזיקער כוונה האָב איך גענוי אונטערזוכט דעם גאַנצן געדאַנקענגאַנג פון דער נעכטיקער דיסקוסיע, אָבער אַלץ אומזיסט, ווײַל נאָך דעם, ווי איך האָב רעווידירט די באַגריפן, צו וועלכע איך

בין געפירט געוואָרן, האָבן זיי זיך אַרויסגעוויזן קלאָרער און פאַרשטענדלעכער ווי פריער; און וואָס מער איך באַטראַכט זיי, אַלץ מער בין איך געצוווּנגען איינצושטימען מיט זיי.

פ י ל אָ נ ו ס — צי דענקסטו נישט, אַז דאָס איז אַ סימן, אַז זיי זענען עכט, נאַטירלעך און אין הסכם מיטן שכל הישר? אמת און שיינקייט זענען גלייך אין דעם פּרט: וואָס גענויער מען באַטראַכט זיי, אַלץ בולטער קומען אַרויס זייערע מעלות, בעת דער פאַלשער גלאַנץ פון טעות און צווייַדייטיקייט קאָן נישט פאַרטראָגן, מען זאָל אים רעווידירן אָדער גענוי אונטערזוכן.

ה יי ל אַ ס — איך גיב צו, אַז עס איז דאָ אַ סך אמת אין דעם, וואָס דו זאָגסט. אויך קאָן קיינער נישט זיין מער איבערצייַגט אין דעם אמת פון די דאָזיקע משונהדיקע שלוסן, אַזוי לאַנג ווי איך האַלט אין אויג דעם לאָגישן פּראָצעס, וואָס האָט מיך צו זיי געפירט. אָבער אַזוי גיך, ווי איך הער אויף צו טראַכטן וועגן זיי, ווייַזט זיך מיר אויס, אַז אין דעם מאָדערנעם אופן פון דערקלערן זאַכן איז פאַראַן עפּעס, וואָס איז אַזוי צופרידנשטעלנד און אַזוי נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך, אַז איך בין זיך מודה, דאָס איך ווייס נישט ווי אַזוי זיך אָפּצוזאָגן פון דעם.

פ י ל אָ נ ו ס — איך ווייס נישט וואָס פאַר אַ אופן פון דערקלערן דו מיינסט.

ה יי ל אַ ס — איך מיין דעם אופן, וואָס דערקלערט דעם גרונט פון אונדזערע עמפּינדונגען אָדער אידעען.

פ י ל אָ נ ו ס — אין וואָס באַשטייט די דערקלערונג?

הילאס – עס ווערט אָנגענומען, אַז די נשמה האָט איר וווינאָרט אין וועלכן עס איז טייל פון מאַרך, ווי עס הייבן זיך אָן די נערוון, און פון דאָרטן פאַרשפּרייטן זיי זיך איבער אַלע טיילן פון קערפּער, און אַז די אויסערלעכע אָביעקטן, דורך די פאַרשיידענע איינדרוקן, וואָס זיי מאַכן אויף די חוש־אָרגאַנען, גיבן איבער געוויסע וויברירנדע באַוועגונגען צו די נערוון, און די נערוון, וועלכע זענען אָנגעפילט מיט לעבנס־כּחות (spirits)*) זעצן פאַר די דאָזיקע באַוועגונגען צום מאַרך אָדער דעם וווין־פּלאַץ פון דער נשמה, און לויט די פאַרשיידענע איינקריצונגען אָדער צייכנס, וואָס ווערן דורך דעם געמאַכט אין דעם מאַרך, ווערט די נשמה פאַרשיידנאַרטיק אַפעקטירט מיט אידעען.

פילאָנוס – און דאָס רופסטו אָן – אַ דערקלערונג פון דעם אופן ווי אַזוי מיר ווערן אַפעקטירט מיט אידעען?

הילאס – פאַר וואָס דען נישט, פילאָנוס? האָסטו וואָס אויסצוזעצן קעגן דעם?

פילאָנוס – ערשטנס, וואָלט איך וועלן וויסן צי איך פאַרשטיי ריכטיק דיין היפּאָטעזע. דו נעמסט אָן, אַז געוויסע צייכנס אין מאַרך זענען די אורזאַכן אָדער דאָס, וואָס מאַכט מעגלעך אונדזערע אידעען. איך בעט דיך, זאָג

*) דער באַוווסטער בערקלי־פאָרשער אַלעקסאַנדער קאַמפּבעל פרייזער האַלט, אַז דאָ האָט בערקלי אין זינען דעם ענגלישן מאַטעריאַליסטישן פילאָזאָף האָבס. לעבנס־כּחות איז איבערזעצט פון Spirits. דאָס דאַרף מען פאַרשטיין לויט האָבס שיטה, אַז לעבן איז אַ פּראָדוקט פון קערפּער און גייסט קיין באַזונדערער כּח פאַר זיך גופא. (איבערזעצער).

מיר, צי אונטער מאַרך פאַרשטייסטו וועלכע עס איז חושימדיקע זאַך?

הײלאַס — וואָס דען אַנדערש קען איך אונטער דעם פאַרשטיין?

פילאָנוס — חושימדיקע זאַכן ווערן אַלע עמפּונדן אוממיטלבאַר; און די זאַכן, וועלכע ווערן אוממיטלבאַר עמפּונדן, זענען אידעען, און זיי עקזיסטירן בלויז אין געדאַנק. אויב איך האָב קיין טעות נישט, האָסטו אויף דעם אַלעם שוין לאַנג מסכים געווען.

הײלאַס — דאָס לייקן איך נישט.

פילאָנוס — דער מאַרך, וועגן וועלכן דו רעדסט איז אַ חושימדיקע זאַך און עקזיסטירט דעריבער בלויז אין געדאַנק. בכן, וואָלט איך וועלן וויסן צי דו האַלטסט פאַר פאַרנונפטיק אָנצונעמען, אַז אַן אידעע אָדער זאַך, וואָס עקזיסטירט אין געדאַנק, זאָל מאַכן מעגלעך אַלע אַנדערע אידעען. און אויב דו דענקסט אַזוי, טאָ ווי אַזוי, זײַ אַזוי גוט, דערקלערסטו די אַנטשטייונג פון דער פרימערדער איי־דעע אָדער פון דעם מאַרך גופא?

הײלאַס — איך דערקלער נישט די אַנטשטייונג פון אונדזערע אידעען דורך דעם מאַרך, וועלכן איך עמפינד דורך די חושים (מחמת דאָס גופא איז בלויז אַ קאָמבינאַ־ציע פון חושימדיקע אידעען) — נאָר דורך אַן אַנדערן מאַרך, וועלכן איך שטעל מיך פאָר אין מײַן כוח־הדמיון.

פילאָנוס — צי געפינען זיך נישט די זאַכן, וואָס מיר מאַלן זיך אויס אין אונדזער כוח־הדמיון, פונקט אַזוי אין דעם געדאַנק, ווי די זאַכן, וועלכע מיר עמפינדן?

הילאַס – דאָס מוז איך צוגעבן.

פילאָנוס – עס קומט דעריבער אויס, אַז זיי זע־נען ביידע דאָס זעלבע; און דו האָסט אַ גאַנצע צייט גע־האַלטן אין דערקלערן די אַנטשטייונג פון אידעען דורך געוויסע באַוועגונגען אָדער איינקריצונגען אין מאַרך, דאָס הייסט, דורך וועלכער עס איז ענדערונג אין אַ אידעע. און עס איז קיין נפקא־מינה נישט צי זי איז אַזאַ אידעע, וואָס ווערט עמפּפונדן דורך די חושים אָדער אַזאַ, וואָס מען שטעלט זיך פאָר אין כוח־הדמיון.

הילאַס — איך הייב אָן צו פאַרדעכטיקן מיין היפּאָטעזע.

פילאָנוס – אַחוץ גייסטיקע וועזנס, איז אַלץ, וואָס מיר קאָנען וויסן אָדער זיך פאָרשטעלן *), בלויז אונ־דזערע אייגענע אידעען. דעריבער, ווען דו זאָגסט, אַז אַלע אונדזערע אידעען ווערן פאַראורזאַכט דורך איינקריצונגען אין מאַרך, צי שטעלסטו זיך דאַן פאָר דעם מאַרך אָדער נישט? אויב יאָ, דאַן רעדסטו וועגן אידעען, וואָס זענען איינגעקריצט אין אַ אידעע, וואָס פאַראורזאַכט די זעלבע אידעע, און דאָס איז אַן אַבסורד. און אויב דו שטעלסט זיך

*) דעם וואָרט Conceive, וועלכעס מיר האָבן אומעטום איבערגעזעצט מיט דעם וואָרט „באַגרייפן", האָבן מיר דאָ איבערגעזעצט מיט „פאָרשטעלן", ד"ה פאָרשטעלן אין כוח-הדמיון. דעם אויסנאַם האָבן מיר געמאַכט, מחמת דאָס איז אין הסכם מיט בערקליס אַלגעמיינער טערמינאָלאָגיע. זע דערקלערונג פון בערק־ליס טערמינאָלאָגיע: Conceive, Perceive, Imsgination, ז. 120. ווי עס ווייזט אויס, איז דאָס איינע פון די קליינע צאָל אומפּינקטלעכקייטן, וואָס געפינען זיך אין בערקליס טערמינאָלאָגיע. (איבערזעצער).

נישט פאַר דעם מאַרך, דאַן רעדסטו אומפאַרשטענדלעך, אַנשטאַט דו זאָלסט מאַכן אַ פאַרנונפטיקע היפּאָטעזע.

הײלאַס — איך זע איצט קלאָר אײַן, אַז דאָס איז געווען בלויז אַ חלום. עס אַנטהאַלט אין זיך גאָרנישט.

פילאָנוס — דו דאַרפסט דיר דאָס נישט שטאַרק נעמען צום האַרצן; וואָרעם נאָך אַלעם, דער דאָזיקער אופן פון דערקלערן זאַכן, ווי דו רופסט דאָס אָן, וואָלט קײנמאָל נישט צופרידנגעשטעלט וועלכן עס איז פאַרנונפטיקן מענטשן. וואָס פאַראַ פאַרבינדונג איז דען פאַראַן צווישן אַ באַוועגונג אין די נערוון און דער עמפּינדונג פון קלאַנג אָדער קאָליר אין געדאַנק? אָדער ווי אַזוי איז עס מעגלעך, אַז אײנע זאָל זײַן אַ פּועל־יוצא פון דער אַנדערער?

הײלאַס — איך וואָלט קײנמאָל נישט געגלויבט, אַז עס אַנטהאַלט אין זיך אַזוי ווייניק ממשותדיקס, ווי איך זע דאָס איצט אײַן.

פילאָנוס — ביסטו שוין ענדלעך איבערצײַגט, אַז קײן שום חושימדיקע זאַכן האָבן נישט קײן ווירקלעכע עקזיסטענץ און אַז דו ביסט באמת אַ פולשטענדיקער סקעפּטיקער?

הײלאַס — עס איז צו קלאָר, מען זאָל דאָס קאָנען לײקענען.

פילאָנוס — גיב אַ קוק! צי זענען נישט די פעלדער באַדעקט מיט אַן אַנטציקנדער גרינקײט? צי האָבן נישט די וועלדער און וועלדלעך, די טײַכן און די קלאָרע קוואַלן עפּעס אַזוינס, וואָס דערפרײט און וועקט די נשמה? צי ווערן מיר נישט אָנגעפילט מיט אַן אָנגענעמען שרעק,

ווען מיר דערזעען דעם ברייטן, טיפֿן ים, אָדער אַן אומגע־הויער גרויסן באַרג, וואָס זײַנען שפּיץ פֿאַרלירט זיך אין די וואָלקנס, אָדער אַן אַלטן, געדיכטן וואַלד? אַפֿילו די ווילד־קייטן פֿון פֿעלדזן און מדבריות האָבן אויף אונדז אַן אַנגע־נעמע ווירקונג. וואָס פֿאַר אַן עכט פֿאַרגעניגן עס איז אָנ־צוקוקן די נאַטירלעכע שיינקייטן פֿון דער ערד! פֿאַרדעקט דען נישט דער שלייער פֿון דער נאַכט רעגלמעסיק איר פּנים, און צי בייט זיך דען נישט איר אָנקליידונג מיט יע־דער יאָר־תּקופֿה, כּדי מיר זאָלן קאָנען פֿרעזערווירן און באַ־נײַען אונדזער באַגער צו זיי? ווי צוועקמעסיק די עלע־מענטן זענען אײַנגעאָרדנט! וואָס פֿאַרא פֿאַרשיידנאַרטיקייט און נוצן עס געפֿינען זיך אין די איינפֿאַכסטע שאַפֿונגען פֿון דער נאַטור! וואָס פֿאַר אַ צאַרטקייט, וואָס פֿאַר אַ שיינקייט און פּלאַנמעסיקייט עס זענען דאָ אין די קערפּערס פֿון פּלאַנצן און חיות! ווי מײַסטערהאַפֿט די אַלע זאַכן זענען צוגעפּאַסט סײַ פֿאַר זייערע באַזונדערע צילן, און סײַ זיי זאָלן קאָנען זײַן באַזונדערע טיילן פֿון איין גאַנצן! און בעת זיי אונטערשטיצן זיך קעגנזײַטיק, צי העלפֿן זיי דען אויך נישט בולט אַרויסצוברענגען און אילוסטרירן איינס דאָס אַנדערע? און איצט, הייב אויף דײַנע געדאַנקען פֿון דעם דאָזיקן ערד־קוגל און ווענד זיי אויף אַלע יענע הערלעכע, לײַכטנדע קערפּערס, וועלכע באַצירן דאָס הויכע הימלישע געוועלב – די באַוועגונג און דער צוזאַמענשטעל פֿון די פּלאַנעטן; דאַרף מען דען נישט באַוונדערן זייער צוועק־מעסיקייט און אָרדענונג? צי האָט ווען פּאַסירט, אַז די קײַ־לעכדיקע קערפּערס זאָלן ווען עס איז פֿאַרבלאָנדזשען אין

זייערע זיך איבערחזרנדיקע נסיעות דורך דעם וועגלאָזן חלל? צי מעסטן זיי דען נישט די ווײַטקייט אַרום דער זון אַלע מאָל אין פּראָפּאָרץ מיט דער צײַט? אַזוי פּיקסירט, אַזוי אומפאַרענדערבאַר זענען די געזעצן, דורך וועלכע דער נישט געזעענער באַשאַפער פון דער נאַטור אַקטיווירט דעם אוניווערס. ווי לעבהאַפטיק און שטראַלנדיק איז דער גלאַנץ פון די פּיקסירטע שטערן! ווי פּרעכטיק און רײַך און מיט וואָס פאַר אַ גלײַכגילטיקער פאַרשווענדערישקייט זיי ווײַזן אויס צו זײַן צעוואָרפן איבער דעם גאַנצן בלויען געוועלב! דאָך, ווען דו נעמסט אַ טעלעסקאָפּ, אַנטפּלעקט זיך פאַר דיר אַ נײַע מחנה שטערן, וועלכע האָבן אויסגעמיטן דײַן נאַקעט אויג. דאָ זעען זיי אויס צו זײַן קלײן און נאָענט איינע צו די אַנדערע, אָבער ווען מען זעט זיי נענטער, זענען זיי אומגעהויער גרויסע קײַלעכדיקע ליכט־קערפּערס אין פאַרשיידענע ווײַטקייטן, פאַרזונקען ווײַט אין תהום פון רוים. איצט מוזטו רופן צו הילף דעם כּוח־הדמיון, — דער שוואַכער, באַגרענעצטער חוש קאָן נישט דערקענען די אומ־ענדלעכע צאָל וועלטן, וואָס דרייען זיך אַרום די צענ־טראַלע פײַערן; און אין די דאָזיקע וועלטן ווײַזט זיך אַרויס די ענערגיע פון אַן אַלפּולקאָמענעם גייסט אין אַן אומענד־לעכער צאָל פאָרמען. אָבער נישט די חושים און נישט דער כּוח־הדמיון זענען שטאַרק גענוג צו באַגרייפן די גרע־נעצלאָזע ווײַטקייט, מיט איר גאַנצער בלאַנקענדיקער אויס־שטאַטונג. אַפילו ווען דער אַקטיווער געדאַנק זאָל אָנווענדן און אָנשטרענגען אַלע זײַנע כּחות ביז צום העכסטן פּונקט, וועט נאָך אַלע בלײַבן אַן אומבאַגרענעצטער איבערפלוס

אומבאַגריפֿן. די אַלע גרויסע קערפּערס, וועלכע שטעלן צו־זאַמען די דאָזיקע מעכטיקע סטרוקטור, ווי ווײַט און אָפּ־געזונדערט זיי זאָלן נישט זײַן, זענען זיי דאָך פֿאַרבונדן דורך אַ געוויסן פֿאַרבאָרגענעם מעכאַניזם, דורך אַ געוויסער געט־לעכער קונסט און קראַפֿט, אַ קעגנזײַטיקער אָפּהענגיקייט און אַ קעגנזײַטיקן פֿאַרקער; אַפֿילו מיט אונדזער ערד, וועלכע האָט זיך כּמעט אַרויסגעגליטשט פֿון מײַנע געדאַנ־קען און זיך פֿאַרלוירן אין דעם געדראַנג פֿון וועלטן. צי איז נישט די גאַנצע סיסטעם רייזיק, ווונדערשיין, הערלעך, וואָס שטײַגט איבער יעדן אויסדרוק און יעדן געדאַנק! וואָס פֿאַר אַ באַהאַנדלונג פֿאַרדינען דען יענע פֿילאָזאָפֿן, וועלכע ווילן באַרויבן די דאָזיקע נאָבעלע און אַנטציקנדע פּאַנאָראַ־מעס פֿון יעדער רעאַליטעט? ווי אַזוי דאַרפֿן אויפֿגע־נומען ווערן יענע גרונט־הנחות, וועלכע פֿירן אונדז צו דער סברה, אַז אַלע שיינקייטן פֿון דער בריאה וועלכע מיר זעען, זענען נישט מער ווי אַן אײַנבילדונג פֿון כּוח־הדמיון, אַ פֿאַלשער גלאַנץ? פּשוט גערעדט, צי קאָנסטו דערוואַרטן, אַז דער דאָזיקער סקעפּטיציזם דײַנער זאָל נישט באַטראַכט ווערן פֿון יעדן פֿאַרנונפֿטיקן מענטשן פֿאַר איבערטריבן נאַריש?

הײלאַס — אַנדערע מעגן זיך טראַכטן, וואָס זיי ווילן, דו אָבער קאָנסט מיר קיין פֿאַרוווּרף נישט מאַכן. מײַן טרייסט באַשטייט אין דעם, וואָס דו ביסט פּונקט אַזאַ סקעפּטיקער ווי איך.

פֿילאָנוס — דערין, הײלאַס, וועסטו מיר מוזן דערלויבן נישט אײַנצושטימען מיט דיר.

הילאַס – וואָס? די גאַנצע צייט האָסטו איינגע־שטימט מיט די הנחות און איצט ווילסטו נישט מאַכן פון זיי דעם געהעריקן אויספיר, און דו לאָזט מיך איבער אַליין צו פאַרטיידיקן די פּאַראַדאָקסן, צו וועלכע דו האָסט מיך דערפירט? דאָס איז זיכער נישט שיין פון דיר.

פילאָנוס – איך לייקן, איך זאָל האָבן מיט דיר איינגעשטימט בנוגע יענע באַגריפן, וועלכע פירן צו סקעפּ־טיציזם. דו האָסט באמת געזאָגט, אַז די רעאַליטעט פון חושימדיקע זאַכן האָט איר קיום אין אַן אַבסאָלו־טער עקזיסטענץ, וואָס איז מחוץ פון גע־דאַנק פון גייסטיקע וועזנס, אָדער וואָס איז אין גאַנצן אַנדערש פון זייער עמפּונדן ווערן. און אַלס אַ פּועל יוצא פון דאָזיקן באַגריף וועגן רעאַליטעט ביסטו געצוווּנ־גען צו לייקענען וועלכע עס איז רעאַלע עקזיסטענץ פון די חושימדיקע זאַכן: ד״ה, אַז לויט דיין אייגענער דעפיני־ציע דערקלערסטו זיך אַלס סקעפּטיקער. אָבער איך האָב נישט געזאָגט און האָב אויך נישט געהאַט אין זינען, אַז די רעאַליטעט פון חושימדיקע זאַכן זאָל דעפינירט ווערן אויף אַזאַ אופן. צוליב די זעלביקע טעמים, מיט וועלכע דו שטימסט איין, איז פאַר מיר קלאָר, אַז חושימדיקע זאַכן קאָנען אַנדערש נישט עקזיסטירן ווי נאָר אין אַ געדאַנק אָדער אין אַ גייסטיקן וועזן. פון דעם דרינג איך נישט, אַז זיי האָבן נישט קיין רעאַלע עקזיסטענץ, נאָר איינזעענדיק, אַז זיי זענען נישט אָפּהענגיק פון מיין געדאַנק, און אַז זייער עקזיסטענץ איז עפּעס אַנדערש פון זייער עמפּונדן ווערן דורך מיר, מוז איך אָננעמען, אַז עס מוז זיין

עפּעס אַן אַנדער געדאַנק, אין װעלכן זײ עקזיסטירן. דעריבער מאַך איך דעם אױספיר, אַז פּונקט אַזױ װי מיר זענען זיכער, אַז די חושימדיקע װעלט עקזיסטירט, פּונקט אַזױ זענען מיר זיכער אין דער עקזיס־טענץ פון אַ אומענדלעך, אַלאָנװעזנדיק גײַסטיק װעזן, װאָס אַנטהאַלט און איז דער יסוד פון דער װעלט.

הײלאַס – װאָס!? דאָס איז דאָך דאָס זעלבע, װאָס איך און אַלע קריסטן נעמען אָן! דאָס זעלבע איז אױך מיט אַלע אַנדערע, װעלכע גלױבן, אַז עס איז דאָ אַ גאָט, און אַז ער װײסט און באַגרײַפט אַלע זאַכן.

פילאָנוס – יאָ, אָבער דער אונטערשײד ליגט אָט אין װאָס: מענטשן גלױבן געװײנטלעך, אַז אַלע זאַכן זע־נען באַװוּסט אָדער װערן עמפּפונדן פון גאָט, מחמת זײ גלױבן אין דער עקזיסטענץ פון גאָט, בעת איך טו פאַרקערט, איך קום צו דעם באַלדיקן און נײטװענדיקן שלוס, אַז גאָט עקזיסטירט, מחמת אַלע חושימדיקע זאַכן מוזן עמפּפונדן װערן דורך אים.

הײלאַס – אױב מיר גלױבן אַלע אין דער זעלבי־קער זאַך, טאָ װאָס איז די נפקא־מינה אױף װאָס פאַר אַן אופן מיר קומען צום דאָזיקן גלױבן?

פילאָנוס — פּאַקטיש אָבער גײען מיר זיך פאַ־נאַנדער אין אונדזערע מײנונגען. די פילאָזאָפן, הגם זײ אַנערקענען, אַז אַלע קערפּערלעכע װעזנס װערן עמפּפונדן דורך גאָט, דאָך שרײַבן זײ צו די דאָזיקע װעזנס אַן אַבסאָ־לוטע עקזיסטענץ, װאָס איז אין גאַנצן אַנדערש פון זײער עמפּפונדן װערן פון װעלכן עס איז געדאַנק בכלל, און איך טו דאָס נישט. אַ חוץ דעם, איז דען נישט פאַראַן אַ נפקא־

מינה צווישן דעם, ווען מען זאָגט: עס איז פֿאַראַן אַ גאָט, דעריבער מוז מען אָננעמען, אַז ער עמפֿינדעט אַלע זאַכן, און ווען מען זאָגט, אַז חושימדיקע זאַכן האָבן אַ ווירקלעכע עקזיסטענץ, און אויב זיי עקזיסטירן אין דער ווירקלעכקייט, ווערן זיי נויטווענדיקערהייט עמפֿונדן פֿון אַן אומענדלעכן געדאַנק, דעריבער דער שלוס, אַז עס איז דאָ אַן אומענדלעכער געדאַנק אָדער אַ גאָט? דאָס גיט דיר אַ דירעקטן און אוממיטלבאַרן באַווײַז פֿאַר דער עקזיסטענץ פֿון גאָט, באַזירט אויף אַ יסוד, וואָס איז קלאָר פֿאַרן פֿאַרשטאַנד. פֿון דער שיינקייט און צוועקמעסיקייט פֿון די פֿאַרשיידענע טיילן פֿון דער בריאה האָבן טעאָלאָגן און פֿילאָזאָפֿן אומבאַשטרייטבאַר באַוויזן, אַז די וועלט איז די פּעולה פֿון גאָט. אָבער (אָוועקלייגנדיק אין אַ זײַט די הילף, וואָס מיר קריגן פֿון דער אַסטראָנאָמיע און דער נאַטורוויסנשאַפֿט, אַלע נאָכטראַכטענישן וועגן דער פּלאַנמעסיקייט, אָרדנונג און אײַנריכטונג פֿון זאַכן) אַז די עקזיסטענץ פֿון אַן אומענדלעכן געדאַנק זאָל נויטווענדיקערהייט געדרונגען ווערן בלויז פֿון דער עקזיסטענץ פֿון אַ חושימדיקער וועלט, מיט דעם קאָנען זיך באַנוצן בלויז די יעניקע, וועלכע באַטראַכטן די זאַך אויף דעם פֿאָלגנדן לײַכטן אופֿן: אַז די חושימדיקע וועלט איז די, וועלכע מיר עמפֿינדן דורך אונדזערע חושים, און אַז קיין שום זאַך ווערט נישט עמפֿונדן דורך די חושים אויסער אידעען, און אַז קיין אידעע אָדער אורטיפּ פֿון אַ אײַ־

דעע קאָן נישט אַנדערש עקזיסטירן סיידן אין אַ געדאַנק.
אַצינד וועסטו זיך קאָנען קעגנשטעלן און צונישט מאַכן די
טענות פון די סאַמע שטאַרקסטע פאַרטיידיקער פון אַטעיזם,
אָן דער שווערער אַרבעט פון נאָכפאָרשן אין די וויסנשאַפטן,
אָן וועלכער עס איז שכלדיקער חריפות, און אָן דער נויט-
ווענדיקייט אַריינצולאָזן זיך אין שווערע, לאַנגע אונטערזו-
כונגען. יענע נעבעכדיקע אויסבאַהעלטענישן פון די אַטעיסטן,
צי דאָס איז דאָס אייביקע נאָכפאָלגן פון נישט דענקנדיקע
אורזאַכן און פאָלגן, אָדער דאָס צופעליקע צוזאַמענטרעפן
זיך פון אַטאָמען ; יענע ווילדע פאַנטאַזיעס פון וואַניני, האָבס
און שפינאָזאַ ; קורץ, די גאַנצע סיסטעם פון אַטעיזם, ווערט
זי דען נישט פולשטענדיק אומגעוואָרפן בלויז דורך דעם
פאַרטראַכטן זיך בנוגע דעם ווידערשפרוך, וואָס איז פאַראַן
אין דער סברה, אַז די גאַנצע אָדער וועלכע עס איז טייל,
מעג עס זיין אַפילו די סאַמע רויע און נאָך נישט פאַרמיר-
טע, פון דער זעבאַרער וועלט זאָל עקזיסטירן אומאָפּהענ-
גיק פון געדאַנק ? זאָל נאָר וועלכער עס איז פון די דאָזיקע
העצערס צו גאָטלאָזיקייט אַריינקוקן אין זיינע אייגענע גע-
דאַנקען און פּראָבירן צי קאָן ער באַגרייפן ווי אַזוי אַפילו
אַ פעלדז, אַ מדבר, אַ פאַרמלאָזע מאַסע, אַ מיש-מאַש פון
אַטאָמען, ווי אַזוי אַ וואָסערע ס'איז זאַך בכלל, צי זי ווערט
עמפונדן דורך די חושים אָדער פאָרגעשטעלט אין כוח-
הדמיון, זאָל קאָנען עקזיסטירן אומאָפּהענגיק פון אַ געדאַנק,–
און ער וועט באַלד איינזען זיין נאַרישקייט. קאָן מען דען
האַנדלען מער יושרדיק, ווי איבערצולאָזן די אַנטשיידונג פון
דעם ויכוח פאַרן רעזולטאַט פון דער פאָלגנדער פראַגע :

זאָל יעדער איינער פאַר זיך אַליין זען, צי ער קאָן ווייניקסטנס מיטן געדאַנק באַגרייפן דאָס, וואָס ער נעמט אָן פאַר אַ פאַקטישן אמת, און צי קאָן ער צושרייבןווירקלעכע עקזיסטענץ צו דעם, וואָס איז בלויז אַ השערה?

הײלאַס – מען קאָן נישט לייקענען, אַז אין דעם, וואָס דו שלאָגסט פאָר, איז פאַראַן אָן עפּעס, וואָס איז זייער נוצלעך פאַר רעליגיע. אָבער, צי דענקסטו נישט, אַז דײַן שיטה איז ענלעך צו אַ מיינונג, וואָס מאַנכע אַנגעזעענע מאָדערנע דענקער האַלטן: אַז אַלע זאַכן ווערן געזען אין גאָט?

פילאָנוס – איך וואָלט גערן וועלן וויסן די דאָזיקע מיינונג; איך בעט דיך, דערקלער מיר אין וואָס זי באַשטייט.

הײלאַס — זיי נעמען אָן*), אַז היות די נשמה איז אַ נישט מאַטעריעל וועזן, קאָן זי דעריבער נישט פאַרבונדן ווערן מיט מאַטעריעלע זאַכן אויף אַזאַ אופן, אַז זי זאָל זיי גופא קאָנען עמפינדן דירעקט. זי עמפינדט זיי אָבער דורך דער פאַרבינדונג מיט דער געטלעכער סובסטאַנץ, וואָס איז גײַסט, איז זי דעריבער ריין־באַגרייפלעך, ד״ה, זי איז בכח צו ווערן דער אוממיטלבאַרער אָביעקט צום געדאַנק פון אַ גײַסטיק וועזן. אַ חוץ דעם אַנטהאַלט אין זיך די געטלעכע עסענץ פולקאָמענהייטן, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר יעדן איינעם פון די געשאַפענע וועזנס, און איבער

*) דאָ האָט בערקלי מן־הסתם אין זינען מאַלבראַנשן (איבערזעצער).

דעם טעם זענען די פֿולקאָמענהייטן פּאַסיק פֿאַרצושטעלן און צו רעפּרעזענטירן מאַטעריעלע זאַכן פֿאַרן געדאַנק.

פֿילאָנוס — איך פֿאַרשטײ נישט ווי אַזוי אונדזערע אידעען, וועלכע זענען אין גאַנצן פּאַסיווע און נישט באַוועגלעכע זאַכן, זאָלן קאָנען זײַן די עסענץ אָדער וועלכע עס איז טײל (אָדער ענלעך צו וועלכער עס איז טײל) פֿון דער עסענץ אָדער סובסטאַנץ פֿון גאָט, בעת ער איז אַ נישט פּאַסיוו, אַן אומצעטײלבאַר, אַ דיין־אַקטיוו וועזן. אויף דעם ערשטן בליק קאָן מען גלײַך אײַנזען, אַז די היפּאָטעזע וועט זיך אָנשטויסן אין אַ סך שוועריקייטן און אָפּוועדונגען. איך וויל בלויז צוגעבן, אַז די היפּאָטעזע איז נישט פֿרײַ פֿון די אַלע אַבסורדן פֿון דער געוויינלעכער היפּאָטעזע, וואָס וויל האָבן, אַז די געשאַפֿענע וועלט עקזיסטירט אַנדערש ווי אין דעם געדאַנק פֿון אַ גײַסטיק וועזן. אַחוץ דעם אַלעמען לײַדט די דאָזיקע היפּאָטעזע פֿון אַ אייגנאַרטיקן חסרון: לויט איר דינט נישט די מאַטעריעלע וועלט קיין שום צוועק. און אויב אין די וויסנשאַפֿטן אַפֿילו ווערט דאָס אָנגענומען פֿאַר אַ גוטן אַרגומענט קעגן יענע היפּאָטעזן, וואָס ווילן האָבן, אַז די נאַטור אָדער די געטלעכע חכמה שאַפֿט עפּעס אָן אַ צוועק, אָדער טוט עפּעס אויף אַ לאַנגזאַמען און נישט דירעקטן אופֿן, בעת עס קאָן געטון ווערן אויף אַ קורצן און לײַכטן אופֿן, — טאָ וואָס־זשע זאָלן מיר זאָגן וועגן אַ היפּאָטעזע, וואָס וויל האָבן, אַז די גאַנצע וועלט איז געמאַכט געוואָרן אָן אַ צוועק?

הײלאַס – זאָג מיר נאָר, ביסטו דען נישט מסכים

מיט דער מיינונג, אַז מיר זעען אַלע זאַכן אין גאָט? אויב איך האָב קיין טעות נישט, איז דײַן שיטה זייער ענלעך צו דעם?

פּילאָנוס — ווייניק מענטשן דענקען, אָבער אַלע האָבן מיינונגען. דערפון נעמט זיך, וואָס מענטשלעכע מיינונגען זענען אויבערפלעכלעך און מטושטש. און עס איז נישטאָ וואָס זיך צו וווּנדערן, ווען פּרינציפּן, וואָס זענען אין תוך פאַרשיידן, זאָלן פונדעסטוועגן פאַרביטן ווערן איינער אויפן אַנדערן מצד די יעניקע, וועלכע באַטראַכטן זיי נישט מיט געַנוג אויפמערקזאַמקייט. איך וועל דעריבער נישט זײַן איבערדראַשט, ווען איינקע וועלן מיינען, אַז איך פאַל אַרײַן אין מאַלבראַנשס פאַנטאַזיעס; הגם אין אמתן בין איך גאַנץ ווײַט דערפון. ער בויט אויף די סאַמע אַבסטראַקטע, אַלגעמיינע אידעען, פון וועלכע איך זאָג זיך אָפּ אין גאַנצן. ער איז זיכער אין דער עקזיסטענץ פון אַן אַבסאָלוטער אויסערלעכער וועלט, וועלכע איך לייקן. ער האַלט, אַז די חושים נאַרן אונדז אָפּ און אַז מיר ווייסן נישט דיווירקלעכע נאַטור אָדער די אמתע פאָרמען און פיגורן פון אויסגעשפּרייטע וועזנס; וועגן דעם אַלעם האָב איך אַ פאַרקערטע מיינונג. בכן, נעמענדיק די זאַך אַלס אַ גאַנצע, איז קלאָר, אַז עס קאָן נישט זײַן קיין גרעסערער קעגנזאַץ, ווי צווישן זײַנע און מײַנע פּרינציפּן. עס איז אמת, אַז איך שטים אײַן אין גאַנצן מיט דעם, וואָס די הייליקע שריפטן זאָגן: „אַז מיר לעבן אין גאָט און אין אים באַוועגן מיר זיך און האָבן אונדזער עקזיסטענץ״. איך גלויב אָבער ווײַט נישט, אַז מיר זעען זאַכן אין זײַן וועזן אויף דעם אופן, ווי

עס איז פריִער דערקלערט געוואָרן. דאָ האָסטו אין קורצן מײַן מיינונג: עס איז קלאָר, אַז די זאַכן, וועלכע איך עמ־פינד, זענען מיינע אייגענע אידעען, און קיין שום אידעע קאָן נישט עקזיסטירן סײַדן אין אַ געדאַנק; אויך איז נישט ווייניקער קלאָר, אַז די אידעען אָדער זאַכן, וואָס ווערן פון מיר עמפונדן — זיי גופא אָדער זייערע אורטיפּן, — עקזיס־טירן אומאָפּהענגיק פון מײַן געדאַנק, מחמת איך ווייס, אַז איך בין נישט זייער באַשאַפער, וואָרעם עס ליגט נישט אין מײַן כח צו באַשטימען נאָך מײַן אייגענעם פאַרלאַנג, מיט וועלכע פּאַרטיקולאַרע אידעען איך זאָל אַפעקטירט ווערן ווען איך עפן מײַנע אויגן אָדער שטעל אָן מײַנע אויערן. זיי מוזן דעריבער עקזיסטירן אין אַ וועלכן עס איז אַנדערן געדאַנק, ווענמענס ווילן עס איז זיי זאָלן אַנטפּלעקט ווערן צו מיר. די זאַכן, וואָס ווערן אוממיטלבאַר עמפונדן, זאָג איך, זענען אידעען אָדער עמפּינדונגען, רוף זיי ווי דו ווילסט. אָבער ווי אַזוי קאָן וועלכע עס איז אידעע אָדער עמפינדונג עקזיסטירן אין אָדער פאַראורזאַכט ווערן פון עפּעס אַנדערש, ווי אַ געדאַנק אָדער גײַסט? דאָס איז ווירקלעך אומבאַגרייפלעך. און באַהויפּטן דאָס, וואָס איז אומבאַגרייפ־לעך, הייסט ריידן נאַרישקייטן; איז עס דען נישט אַזוי?

ה י ל אַ ס — אָן צווייפל.

פ י ל אָ נ ו ס — אָבער פון דער אַנדערער זײַט איז עס זייער פאַרשטענדלעך, אַז זיי זאָלן עקזיסטירן א י ן און פאַראורזאַכט ווערן פ ו ן אַ גײַסטיק וועזן; וואָרעם דאָס איז דאָך נישט מער ווי מײַן טעגלעכע דערפאַרונג מיט זיך זעלבסט, נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז איך עמפּינד אַן אַ

צאָל אידעען, אַז דורך מײַן ווילן בין איך בכוח צו פּאָר־מירן אַ סך פאַרשיידנאַרטיקע אידעען, און איך קאָן זיי אַרויס־רופן אין מײַן כוח־הדמיון; הגם מען מוז מודה זײַן, אַז די דאָזיקע באַשעפענישן פון דער פאַנטאַזיע זענען נישט אין גאַנצן אַזוי קלאָר, שטאַרק, לעבהאַפט און פּערמאַנענט, ווי די יעניקע, וואָס ווערן עמפּונדן דורך די חושים, — די לעצטע ווערן אָנגערופן ווירקלעכע זאַכן. פון דעם אַלעם צי איך דעם שלוס, אַז עס איז פאַראַן אַ גע־דאַנק, וואָס אַפעקטירט מיך יעדן מאָמענט מיט אַלע חושימדיקע אײַנדרוקן, וועלכע איך עמפּינד. און פון זייער פאַרשיידנאַרטיקייט, אָרד־נונג און דעם אופן פון זייער אַקטיווּויטעט צי איך דעם שלוס, אַז זייער באַשאַפער איז פאַרנונפטיק, מעכטיק און גוט, וואָס איז איבער אונדזער כח משיג צו זײַן. מערק דיר דאָס גוט: איך זאָג נישט, אַז איך זע זאַכן דורך דעם, וואָס איך עמפּינד דעם עפּעס, וואָס רעפּ־רעזענטירט זיי אין דער באַגרייפבאַרער געטלעכער סוב־סטאַנץ. דאָס איז נישט מײַן מיינונג. זאָגן זאָג איך אָט וואָס: די זאַכן, וואָס ווערן עמפּונדן פון מיר, זענען באַוווּסט צו דעם פאַרשטאַנד פון אַן אומענדלעכן גײַסט און ווערן באַ־שאַפן דורך זײַן ווילן. צי איז דאָס נישט אַלץ גאַנץ פּשוט און קלאָר? ווען מיר זאָלן באַטראַכטן אַ ביסל אונדזער גע־דאַנק און דאָס, וואָס קומט פאָר אין אים, וועט עס אונדז נישט בלויז איבערצײַגן אין דער מעגלעכקייט צו באַגרייפן דאָס, וואָס איך שלאָג פאָר, נאָר מיר וועלן אויך זײַן גע־צוווּנגען אָנצונעמען, אַז עס איז טאַקע אַזוי.

הײלאַס — איך גלויב, אַז איך פֿאַרשטײ דיך גאַנץ גוט; און איך האַלט, אַז דײַן באַווײַז וועגן אַ גאָטהײט ווײַזט אויס צו זײַן נישט ווייניקער איבערצײַגנדיק, ווי ער איז איבערראַשנדיק. אָבער אָנגענומען, אַז גאָט איז די העכסטע און אוניווערסאַלע אורזאַך פֿון אַלע זאַכן, — קאָן דאָך פֿונדעסטוועגן זײַן, אַז עס איז פֿאַראַן אַ דריטע נאַטור, אַ הוץ גײַסט און אידעען? צי קאָנען מיר נישט צולאָזן די עקזיסטענץ פֿון אַן אונטערגעאָרדנטע און באַגרענעצטע סיבה פֿון אונדזערע אידעען? מיט איין וואָרט, צי בלײַבט דען נישט פֿאָרט אַ מעגלעכקייט פֿאַר דער עקזיסטענץ פֿון מאַטעריע?

פֿילאָנוס — ווי אָפֿט מוז איך דיר איבערחזרן די זעלבע זאַך? דו גיסט צו, אַז די זאַכן, וואָס ווערן אומ־מיטלבאַר עמפּפֿונדן דורך די חושים, קאָנען אין ערגעץ נישט עקזיסטירן אומאָפּהענגיק פֿון געדאַנק. אָבער קיין זאַך ווערט נישט עמפּפֿונדן דורך די חושים סײַדן זי ווערט עמפּפֿונדן אוממיטלבאַר; במילא איז נישט פֿאַראַן קיין זאַך, וועלכע קאָן עמפּפֿונדן ווערן, וואָס זאָל עקזיסטירן אומאָפּהענגיק פֿון געדאַנק. איך נעם דעריבער אָן, אַז די מאַטעריע, פֿאַר וועלכער דו שטעלסט זיך נאָך אַלץ אַזוי אײַן, איז עפּעס, וואָס מען קאָן באַגרײַפֿן, עפּעס, וואָס מען קאָן אַנטדעקן מיטן שכל און נישט מיט די חושים.

הײלאַס — דו ביסט גערעכט.

פֿילאָנוס — זאָג מיר, כ׳בעט דיך, אויף וואָס פֿאַר אַ לאָגישע שלוסן באַגרינדעסטו דײַן גלויבן אין דער עק־

זיסטענץ פון מאַטעריע, און וואָס פאַרשטייסטו איצט אונ־טער מאַטעריע?

הײלאַס — איך געפין, אַז איך ווער אַפעקטירט פון פאַרשיידענע אידעען, און איך ווייס, אַז נישט איך בין זייער אורזאַך, אַז נישט זיי זענען זייער אייגענע אורזאַך און אַז זיי זענען נישט די אורזאַך איינע פון דער אַנדערער. אויך ווייס איך, אַז זיי זענען נישט ביכולת אויפצוהאַלטן זייער אייגענע עקזיסטענץ, מחמת זיי זענען אין גאַנצן פּאַסיווע, פאַרבײַגייענדע און אָפּהענגיקע וועזנס. זיי האָבן דעריבער אַן אורזאַך, וועלכע איז מחוץ פון מיר און זיי, וועגן וועלכער איך פּרעטענדיר נישט צו וויסן מער ווי דאָס, אַז זי איז די אורזאַך פון מײַנע אידעען. און די דאָזיקע זאַך, וואָס זי זאָל נישט זײַן, רוף איך אָן מאַטעריע.

פילאָנוס - זאָג מיר, הײלאַס, צי האָט יעדער איינער אַ רעכט צו בײַטן די אַלגעמיין־אָנגענומענע באַדײַטונג פון ווערטער אין וועלכער עס איז שפּראַך? למשל, ווען אַ רײַזנדער זאָל דיר דערציילן, אַז אין אַ געוויס לאַנד גייען מענטשן דורך פײַער אומבאַשעדיקט, און ווען ער דערקלערט שפּעטער, אַז אונטער דעם וואָרט פײַער האָט ער געמיינט דאָס, וואָס מען רופט וואַסער; אָדער ער זאָל באַהויפּטן, אַז עס זענען דאָ ביימער, וואָס גייען אויף צוויי פיס, פאַרשטייענדיק אונטער דעם וואָרט ביימער — מענטשן. צי מיינסטו, אַז דאָס איז פאַרנונפטיק?

הײלאַס - ניין, איך וואָלט דאָס געהאַלטן פאַר זייער נאַריש. דער אַלגעמיין־אָנגענומענער באַטייט איז דער

מאַסשטאַב פאַר פּאַסיקייט אין שפּראַך. און ווען איינער נוצט ווערטער, מיט אַ באַשטימטער כּוונה, אַנדערש, ווי זיי ווערן אין אַלגעמיין געברויכט, פאַרדאַרבט ער דערמיט דעם געברויך פון דער שפּראַך, און דער פּועל־יוצא איז, אַז עס פאַרשלעפּט און פאַרמערט ויכּוחים דאָרט, וווּ קיין מיינונגס־פאַרשיידנהייטן זענען בכלל נישט פאַראַן.

פ י ל אָ נ ו ס — און דאָס וואָרט מאַטעריע, ווי עס ווערט איצט אין אַלגעמיין פאַרשטאַנען, צי מיינט עס נישט אָן אויסגעשפּרייטע, האַרטע, באַוועגלעכע, נישט־דענקענדע און נישט־אַקטיווע סובסטאַנץ?

ה י ל אַ ס — יאָ.

פ י ל אָ נ ו ס - און צי איז דען נישט קלאָר באַוויזן געוואָרן, אַז עס איז אוממעגלעך אַז אַ מין סובסטאַנץ זאָל עקזיסטירן? און אויב מיר זאָלן אַפילו אָננעמען, אַז זי עקזיסטירט יאָ, פרעג איך, ווי אַזוי קאָן אַן עפּעס, וואָס איז פּ אַ ס י ו ו, זײַן אַ ס י ב ה? אָדער דאָס, וואָס קאָן נישט דענקען, זאָל זײַן די אורזאַך פון געדאַנקען? דו קאָנסט, אויב עס געפעלט דיר, צושרײַבן דעם וואָרט מ אַ ט ע ר י ע אַ באַדײַטונג, וואָס איז פאַרקערט פון דער אַלגעמיין־אָנגענומענער, און זאָגן, אַז דו פאַרשטייסט אונטער דעם אַ נישט אויסגעשפּרייט, דענקענדיק, אַקטיוו וועזן, וואָס איז די סיבה פון אונדזערע אידעען. דאָס איז דאָך אָבער נישט מער ווי אַ שפּיל אין ווערטער, און דו פאַלסט דורך דעם אַרײַן אין זעלבן טעות, וועלכן דו אַליין האָסט אַזוי לאָגיש פאַראורטיילט. איך געפין נישט קיין שום חסרון אין דײַן לאָגיק, וואָס דו נעמסט אָן, אַז די פענאָמענען זענען מחייב, אַז זיי

מוזן האָבן אַן אורזאַך; אָבער איך באַשטרייט יאָ, אַז די אורזאַך, וואָס מען קאָן אַרויסדרינגען מיטן שכל, זאָל קאָנען געהעריק אָנגערופן ווערן מיט דעם טערמין מאַטעריע.

הילאַס — עס איז ווירקלעך עפּעס פֿאַראַן אין דעם, וואָס דו זאָגסט. מיר דוכט זיך אָבער, אַז דו פֿאַרשטייסט נישט גרינטלעך וואָס איך מיין. איך וואָלט אויף קיין פֿאַל נישט געוואָלט פֿאַרשטאַנען ווערן, אַז איך לייקן, דאָס גאָט אָדער אַן אומענדלעכער גייסט איז די העכסטע סיבה פֿון אַלע זאַכן. איך שטעל זיך איין בלויז פֿאַר דעם, אַז אונטערגעוואָרפן צום העכסטן כוח איז פֿאַראַן אַ סיבה פֿון אַ באַגרענעצטער און נידעריקער נאַטור, וועלכע באַטייליקט זיך אין פֿאַראורזאַכן אונדזערע אידעען נישט דורך וועלכן עס איז אַקט פֿון ווילן אָדער גייסטיקער ווירקזאַמקייט, נאָר דורך דעם מין אַקטיווּיטעט, וואָס באַלאַנגט צו מאַטעריע, נעמלעך — באַוועגונג.

פֿילאָנוס — איך זע, אַז ביי יעדער געלעגנהייט פֿאַלסטו צוריק אַריין אין דיין שוין לאַנג אָפּגעפֿרעגטער איינרעדעניש פֿון אַ באַוועגלעכער און דעריבער אויך אויסגעשפּרייטער סובסטאַנץ, וואָס עקזיסטירט אומאָפּהענגיק פֿון געדאַנק. צי דען האָסטו שוין פֿאַרגעסן, אַז דו ביסט געווען איבערצייגט אין דער אוממעגלעכקייט דערפֿון, אָדער צי ווילסטו, אַז איך זאָל איבערחזרן דאָס, וואָס איז שוין געזאָגט געוואָרן וועגן דעם? אָפֿנהאַרציק גערעדט, איז עס נישט ריכטיק פֿון דיר נאָך אַלץ אָנצונעמען די עקזיסטענץ פֿון אַזאַ עפּעס, בעת דו האָסט אַזוי אָפֿט צוגעגעבן, אַז ער

האָט נישט קיין עקזיסטענץ. לאָמיר אָבער אָפּלאָזן די אַר־גומענטאַציע, וואָס איז שוין אַזוי ברייט אַרומגערעדט געוואָרן; איך פרעג דיר בלויז, צי זענען נישט אַלע דײַנע אידעען דורכויס פּאַסיוו און נישט באַוועגלעך, ד״ה זיי אַנטהאַלטן אין זיך נישט קיין שום אַקטיוויטעט?

הײלאַס — אַזוי איז דאָס.

פֿילאָנוס — און צי זענען דען חושימדיקע קוואַליטעטן עפּעס אַנדערש ווי אידעען?

הײלאַס — ווי אָפט האָב איך שוין צוגעגעבן, אַז זיי זענען נישט עפּעס אַנדערש?

פֿילאָנוס — צי איז אָבער באַוועגונג נישט קיין חושימדיקע קוואַליטעט?

הײלאַס — זי איז דאָס.

פֿילאָנוס — איז עס, הייסט עס, נישט קיין אַקטיוויטעט?

הײלאַס — איך שטים אײַן מיט דיר. און עס איז ווירקלעך גאַנץ קלאָר, אַז ווען איך באַוועג מײַן פֿינגער, בלײַבט דער פֿינגער פּאַסיוו, אָבער מײַן ווילן, וואָס פֿאַר־אורזאַכט די באַוועגונג, איז אַקטיוו.

פֿילאָנוס — איצט, ווען מיר שטימען אײַן, אַז באַוועגונג איז נישט דאָס זעלבע, וואָס אַקטיוויטעט, וואָלט איך ערשטנס וועלן וויסן, צי דו קאָנסט זיך פֿאָרשטעלן וועלכע עס איז אַקטיוויטעט, אַ חוץ דעם ווילן; און צווייטנס, צי ביסטו נישט מסכּים מיט דעם, אַז זאָגן עפּעס און גאָרנישט פֿאַרשטיין דערמיט הייסט רעדן נאַרישקייט; און דריטנס, נאָך דעם ווי מען האָט באַטראַכט די גרונט־

הנחות פון גאַנצן ענין, צי זעסטו נישט איין, אַז אָנצונעמען די סברה, דאָס די אַקטיווע אָדער ווירקנדע סיבה פון אונדזערע אידעען איז עפּעס אַנדערש ווי גייסט, איז העכסט אַבסורד און עס לייגט זיך נישט אויפן שכל?

הײלאַס – איך גיב נאָך אין דעם פּונקט אין גאַנצן. אָבער הגם מאַטעריע קאָן נישט זײַן קיין סיבה, – וואָס האַלט אונדז דען צוריק פון אָננעמען די סברה, אַז זי איז אַן אינסטרומענט, מיט וועלכן די העכסטע קראַפט באַנוצט זיך בײַם פּראָדוצירן אונדזערע אידעען?

פילאָנוס – אַן אינסטרומענט זאָגסטו; זאָג מיר, זײַ מוחל, וואָס זענען די פיגור, ספּרוזשינעס, רעדער און באַוועגונגען פון דאָזיקן אינסטרומענט?

הײלאַס – וואָס שייך דעם, פּרעטענדיר איך נישט עפּעס פעסטצושטעלן; ביידע, די סובסטאַנץ און אירע קוואַליטעטן, זענען מיר אין גאַנצן אומבאַוווסט.

פילאָנוס – וואָס?! האַלטסטו, הייסט עס, אַז זי איז צוזאַמענגעשטעלט פון אומבאַוווסטע טיילן, אַז זי האָט אומבאַוווסטע באַוועגונגען, און אַן אומבאַוווסטע פיגור?

הײלאַס – איך גלויב נישט, זי זאָל בכלל האָבן וועלכע עס איז פיגור אָדער באַוועגונג, מחמת איך בין שוין איבערצײַגט, אַז קיין שום חושימדיקע קוואַליטעטן קאָנען נישט עקזיסטירן אין אַ סובסטאַנץ, וואָס עמפּינדט נישט.

פילאָנוס — אָבער וואָס פאַר אַ פאָרשטעלונג קאָנען מיר זיך שאַפן אין געדאַנק וועגן אַן אינסטרומענט. וואָס איז אויסגעליידיקט פון אַלע חושימדיקע קוואַליטעטן, אפילו פון אויסגעשפּרייטקייט אַליין?

הײלאַס — איך פרעטענדיר נישט צו האָבן אַ וועלכע עס איז פאָרשטעלונג וועגן דעם.

פילאָנוס — וואָס פאַר אַ גרונט האָסטו אָנצונעמען, אַז דער דאָזיקער אומבאַוווּסטער, דער דאָזיקער אומבאַגרייפּבאַרער עפּעס עקזיסטירט טאַקע? אפשר דערפאַר, וואָס דו שטעלסט זיך פאָר, אַז גאָט אין זײַן שאַפן קאָן זיך אָן דעם נישט באַגיין; אָדער, מחמת אין דער דערפאַרונג געפינסטו, אַז ווען דו פאָרמירסט אידעען אין דײַן אייגענעם געדאַנק באַנוצסטו זיך מיט עפּעס אַזאַ זאַך?

הײלאַס — דו רייצסט זיך מיט מיר בסדר בנוגע אורזאַכן צוליב וועלכע איך גלויב. זאָג מיר אָבער דו, כ'בעט דיך, די אורזאַכן צוליב וועלכע דו גלויבסט נישט.

פילאָנוס — פאַר מיר איז אַ גענוגנדיקער גרונט נישט צו גלויבן אין דער עקזיסטענץ פון וועלכער עס איז זאַך, ווען איך זע נישט אײַן קיין אורזאַך צוליב וואָס איך זאָל דאַרפן יאָ גלויבן. לאָמיר זיך אָבער נישט אָמפּערן איבער די אורזאַכן צוליב וועלכע מען זאָל גלויבן; דו האָסט מיר נאָך דערוויַיל נישט געזאָגט אין וואָס מיר זאָלן גלויבן, מחמת דו זאָגסט דאָך אַליין, אַז דו האָסט נישט קיין ברעקל באַגריף וועגן דעם. און צו דעם אַלעם בעט איך דיך, פאַרטראַכט זיך: צי פּאַסט עס פאַר אַ פילאָזאָף אָדער אַפילו פאַר איינעם, וואָס באַנוצט בלויז דעם פשוטן שכל, צו פרעטענדירן, אַז ער גלויבט אין אָן עפּעס, וואָס ער ווייסט נישט וואָס דאָס איז און צוליב וואָס מען דאַרף אין דעם גלויבן?

הײלאַס — וואַרט, פילאָנוס. ווען איך זאָג דיר, אַז

מאַטעריע איז אַן אינסטרומענט, מיין איך נישט, אַז עס איז אין גאַנצן גאָר נישט. עס איז אמת, איך ווייס נישט וואָס פאַר אַ פּאַרטיקולאַרער מין אינסטרומענט ער איז, פונדעסטוועגן האָב איך דאָך פּאָרט עפּעס אַ באַגריף וועגן אינסטרומענט בכלל און אין דעם זין נוץ איך עס.

פילאָנוס — ווי וועט זיין, אַז עס וועט זיך אַרויס־ווייזן, אַז אַפילו אין סאַמע אַלגעמיינסטן באַגריף אינ־סטרומענט, ווען ער ווערט פאַרשטאַנען אין אַן אַנ־דערן זין ווי אורזאַך, איז פאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס דער־לויבט אונדז נישט זיך צו באַנוצן מיט דעם, מחמת עס שטימט נישט מיט די אַטריבוטן פון גאָט?

היילאַס — באַווייז מיר דאָס און איך גיב אויף דעם דאָזיקן פונקט.

פילאָנוס — וואָס פאַרשטייסטו אונטער דער אַל־געמיינער נאַטור אָדער דעם באַגריף פון אינסטרומענט?

היילאַס — דאָס, וואָס איז אַלגעמיין פאַר אַלע פּאַרטיקולאַרע אינסטרומענטן, בילדעט דעם אַלגעמיינעם באַגריף.

פילאָנוס — איז דען נישט אַן אַלגעמיינער שטריך פון אַלע אינסטרומענטן, וואָס זיי ווערן באַנוצט בלויז אין פאַל, ווען מיר קאָנען נישט טאָן די זאַך דירעקט, דורך דער אַקטיוויטעט פון אונדזער ווילן אַליין? אַזוי, למשל, באַנוץ איך קיין מאָל נישט קיין אינסטרומענט צו באַוועגן מיין פינגער, מחמת עס ווערט געטאָן דורך אַ ווילנס־אַקט. איך וועל אָבער באַנוצן אַן אינסטרומענט, ווען איך זאָל וועלן אויפרייסן אַ פעלדז אָדער אויסוואָרצלען אַ בוים.

מיינסטו נישט אויך אַזוי? אָדער קאָנסטו מיר אפשר ברענ־גען אַ ביישפּיל, אַז אַן אינסטרומענט זאָל באַנוצט ווערן צו פּראָדוצירן אַזאַ רעזולטאַט, וואָס איז דירעקט אָפּהענגיק פון דעם ווילן פון אַ ווירקנדער קראַפט?

הײלאַס — איך גיב צו, אַז איך קען נישט אַזאַ ביישפּיל.

פילאָנוס — טאָ ווי אַזוי קאָנסטו אָננעמען, אַז אַן אַלפּולקאָמענער גייסט, פון וועמעס ווילן אַלע זאַכן זענען אַבסאָלוט און אוממיטלבאַר אָפּהענגיק, זאָל זיך נויטיקן אין אַן אינסטרומענט פאַר זיינע שאַפן, אָדער, אַז ער זאָל זיך מיט דעם באַנוצן, אַפילו ווען ער נויטיקט זיך נישט אין דעם? בכן, וויַיזט מיר אויס, אַז דו ביסט געצוווּנגען צו־צוגעבן, אַז דאָס באַנוצן זיך מיט אַ נישט־לעבעדיקן און נישט־אַקטיוון אינסטרומענט איז נישט פּאַסיק פאַר דער אומענדלעכער פולקאָמענהייט פון גאָט, דאָס הייסט, אַז איך הסכם מיט דעם, אויף וואָס דו האָסט אַליין איינגעשטימט, דאַרפסטו אויפגעבן דעם דאָזיקן פּונקט.

הײלאַס — אין דעם מאָמענט ווייס איך נישט, וואָס דיר צו ענטפערן.

פילאָנוס — מיר דאַכט זיך אָבער, אַז דו דאַרפסט מודה זיין אויף אַן אמת, ווען ער ווערט דיר קלאָר באַוויזן. מיר, וואָס אונדזערע כּחות זענען באַגרענעצט, זענען טאַקע געצוווּנגען זיך צו באַנוצן מיט אינסטרומענטן. דאָס באַנוצן אַן אינסטרומענט איז אַ סימן, אַז דער, וואָס באַנוצט זיך מיט אים, איז באַגרענעצט דורך געזעצן, וועלכע זענען באַשטימט געוואָרן פון עמיצן אַנדערש, און אַז ער קאָן

נישט דערגרייכן זײַן ציל ווי נאָר אויף אַזאַ אופן און אונ־
טער אַזעלכע באַדינגונגען. דערפון, ווײַזט אויס, איז קלאָר
געדרונגען, אַז דער העכסטער און אומענדלעכער ווירקנדער
כּוח באַנוצט נישט קיין געצײַג אָדער אינסטרומענטן בכלל.
.זי נאָר דער אַלמעכטיקער גײַסט ווענדט אָן זײַן ווילן,
ווערט אַלץ באַלד מקוים, אָן דער הילף פון וועלכע נישט
איז מיטלען. ווען וועזנס פון אַ נידעריקערער מדרגה באַ־
נוצן אינסטרומענטן איז דאָס נישט צוליב דעם, מחמת די
אינסטרומענטן באַזיצן וועלכע עס איז ווירקנדע כּחות,
אָדער צוליב זייער פעיקייט צו פּראָדוציזרן וועלכע עס איז
רעזולטאַטן, — זיי ווערן באַנוצט בלויז דערפאַר, ווײַל אַזוי
פאָדערן די געזעצן פון דער נאַטור, ד״ה, די באַדינגונגען,
וועלכע זענען באַשטימט געוואָרן פאַר זיי פון דער ערשטער
סיבה, און די ערשטע סיבה זעלבסט שטייט איבער אַלע
באַגרענעצונגען אָדער וועלכע עס איז פאַראָרדנונגען בכלל.

ה י י ל אַ ס - איך וועל זיך מער נישט אײַנשטעלן
פאַר דעם, אַז מאַטעריע איז אַן אינסטרומענט. פונדעסט־
וועגן וואָלט איך אויך נישט געוואָלט פאַרשטאַנען ווערן
אין דעם זין, אַז איך לייקן איר עקזיסטענץ, מחמת טראָץ
דעם, וואָס דאָ איז געזאָגט געוואָרן, קאָן זי נאָך אַלץ זײַן
אַ ג ע ל ע ג נ ה י י ט (occasion).

פ י ל אָ נ ו ס — וויפל־זשע נאָך פאָרמען וועט דײַן
מאַטעריע אָננעמען? וויפל מאָל וועט מען דיר מוזן באַ־
ווײַזן, אַז זי עקזיסטירט נישט, ביז דו וועסט זיך אָנטשליסן
מיט איר זיך צו צעשיידן? לאָמיר דאָס אָבער לאָזן אָן אַ
זײַט (הגם, לויט אַלע כּללים פון דיסקוסיע, קאָן איך דיך

מיט רעכט באַשולדיקן אין אָפטן ביַיטן די באַדיַיטונג פון דעם הויפּט־טערמין); איך וואָלט גערן וועלן וויסן, וואָס דו מיינסט מיט דער באַהויפּטונג, אַז מאַטעריע איז אַ גע־לעגנהייט, נאָך דעם ווי דו האָסט שוין אָפּגעלייקנט, אַז זי קאָן זיַין אַן אורזאַך. און נאָך דעם, ווי דו וועסט אָנוויַיזן אין וועלכן זין דו פאַרשטייסט געלעגנהייט, בעט איך דיך דו זאָלסט אָנגעבן דעם טעם, וואָס באַוועגט דיך צו גלויבן, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ געלעגנהייט פאַר אונדזערע אידעען?

הײלאַס — וואָס שייך דעם ערשטן פּונקט: אונטער געלעגנהייט פאַרשטיי איך אַ נישט־אַקטיוו, נישט־דענקנדיק וועזן, אין וועמעס אָנוועזנהייט גאָט רופט אַרויס אידעען אין אונדזער געדאַנק.

פילאָנוס — און וואָס איז דער מהות פון דאָזיקן נישט־אַקטיוון און נישט־דענקנדיקן וועזן?

הײלאַס — וועגן זיַין מהות ווייס איך גאָר נישט.

פילאָנוס — איצט טרעט צו צום צווייטן פּונקט, און וויַיז אָן דעם טעם, פאַר וואָס מיר זאָלן אָננעמען, אַז די דאָזיקע נישט־אַקטיווע, נישט־דענקנדיקע און אומבאַוווּסטע זאַך עקזיסטירט.

הײלאַס — ווען מיר באַמערקן, אַז אידעען ווערן פּראָדוצירט אין אונדזער געדאַנק מיט אַ סדר און אויף אַ באַשטענדיקן אופן, איז גאַנץ נאַטירלעך אָנצונעמען, אַז מסתמא האָבן זיי וועלכע עס איז פעסטגעשטעלטע און דערגלמעסיקע געלעגנהייטן, — אין וועמעס אָנוועזנהייט זיי ווערן אַרויסגערופן.

פילאָנוס — דו ביסט, הייסט עס, מודה, אַז בלויז

גאָט איז די אורזאַך פון אונדזערע אידעען, און אַז ער פאַר־אורזאַכט זיי אין דער אָנוועזנהייט פון די דאָזיקע געלעגנ־הייטן.

הײלאַס – דאָס איז מײַן מיינונג.

פילאָנוס – די זאַכן, וועלכע דו זאָגסט, אַז זיי זענען דאָ אין גאָטס קעגנוואַרט, מוז איך דאָך אָננעמען, אַז גאָט עמפּינדעט זיי.

הײלאַס – זיכער; אויב נישט, וואָלטן זיי דאָך נישט געקאָנט דינען פאַר אים אַלס געלעגנהייט פאַר זײַן אַקטיוויטעט.

פילאָנוס – מיר וועלן דערוויַיל נישט פאָדערן פון דיר דו זאָלסט דערקלערן, ווי אַזוי דײַן היפּאָטעזע לייגט זיך אויפן שכל, אָדער, אַז דו זאָלסט פאַרענטפערן די אַלע האַרבע שאלות און שוועריקייטן, וועלכע די דאָזיקע השערה רופט אַרויס; איך פרעג בלויז, צי די אָרדנונג און רעגל־מעסיקייט, וואָס מיר באַמערקן אין גאַנג פון אונדזערע אי־דעען אָדער אין סדר פון דער נאַטור, קאָן נישט אויך אַ צופרידנשטעלנדן אופן דערקלערט ווערן דורך דער חכמה און דעם כוח פון גאָט. און איך פרעג ווײַטער: צי איז דאָס דען נישט אַ דערנידערונג פון די דאָזיקע אַטריבוטן, ווען מען נעמט אָן די סברה, אַז אַ נישט־דענקנדיקע סובסטאַנץ באַאיינפלוסט גאָט, פירט אָן מיט אים און דערמאָנט אים ווען און וואָס ער דאַרף טון? און צולעצט: אויב איך זאָל אפילו מסכים זײַן מיט אַלץ, וואָס דו האָסט באַהויפּטעט, וועט עס דען ברענגען נוצן דײַנע צילן? מחמת עס איז שווער אײַנצוזען, ווי אַזוי די עקזיסטענץ פון אַן אויסערלע־

בער אָדער אַבסאָלוטער נישט־דענקנדיקער סובסטאַנץ, – וואָס איז נישט אָפּהענגיק פֿון דעם עמפּונדן ווערן, — זאָל קאָנען געדרונגען ווערן דורך דעם, וואָס איך וועל דיר נאָכגעבן, אַז עס זענען פֿאַראַן געוויסע זאַכן, וואָס ווערן עמפֿונדן פֿון גאָטס געדאַנק, וועלכע דינען אים אַלס געלעגנהייט אַרויסצורופֿן אידעען אין אונדז.

הילאַס – איך ווייס פּשוט נישט וואָס צו זאָגן; ווי עס ווײַזט אויס איז דער באַגריף געלעגנהייט אַקוראַט אַזוי גרונטלאָז, ווי די איבעריקע.

פֿילאָנוס — צי זעסטו נישט סוף כּל סוף אײַן, אַז אין אַלע דײַנע פֿאַרשיידענע דעפֿיניציעס פֿון טערמין מאַטעריע האָסטו בלויז געמאַכט השערות וועגן עפּעס, וועגן וואָס דו האָסט קיין אַנונג נישט, – אָן שום טעם און אָן וועלכן עס איז נוצן?

הילאַס – איך בין זיך גערן מודה, אַז וואָס ווײַטער בין איך אַלץ ווייניקער צופֿרידן מיט מײַנע באַגריפֿן, נאָך דעם ווי זיי זענען אַזוי גענוי אונטערזוכט געוואָרן. פֿונדעסטוועגן דאַכט זיך מיר נאָך אַלץ, אַז איך האָב אַ מטושטשע אַנונג, אַז עס איז פֿאָרט פֿאַראַן אַזאַ זאַך, ווי מאַטעריע.

פֿילאָנוס – איינס פֿון די ביידע, אָדער דו עמפּינדסט די עקזיסטענץ פֿון מאַטעריע אוממיטלבאַר, אָדער דו באַגרייפֿסט זי מיטלבאַר. אויב אוממיטלבאַר, זאָג מיר, כ'בעט דיך, דורך וועלכע חושים עמפּינדסטו זי? אויב מיטלבאַר, טאָ זאָג מיר, דורך וועלכן שכלדיקן פּראָצעס דרינגסטו דאָס אַרויס פֿון יענע זאַכן, וועלכע ווערן עמפּונדן אומ־

מיטלבאַר? אַזוי פיל וועגן דעם, וואָס שייך אונדזער וויסן וועגן מאַטעריע – באַזירט אויף עמפּינדונג. וואָס ווידער שייך דער מאַטעריע גופא, – פרעג איך, צי איז זי אַן אָביעקט, אַ סובסטראַטום, אַן אורזאַך, אַן אינסטרו־מענט אָדער אַ געלעגנהייט? דו האָסט זיך שוין איינגעשטעלט פאַר יעדער פון די דאָזיקע אויפפאַסונגען, בייטנ־דיק בסדר דיינע מיינונגען, אַנקליידנדיק די מאַטעריע אין דער אָדער יענער געשטאַלט. און אַלץ, וואָס דו האָסט פאָרגעשלאָגן, איז אָפּגעפרעגט און צוריקגעוויזן געוואָרן פון דיר אַליין. אויב דו האָסט עפּעס אַ נייעם אַרגומענט, וועל איך מיט פאַרגעניגן אויסהערן.

הײלאַס – איך דענק, אַז אַלץ, וואָס איך האָב גע־האַט צו זאָגן וועגן די דאָזיקע פונקטן, האָב איך שוין אַרויסגעזאָגט, און איך ווייס פשוט נישט וואָס נאָך פאָרצו־שלאָגן.

פילאָנוס – און דאָך איז דיר שווער אויפצוגעבן דיין אַלטן פאָראורטייל. אָבער כדי לייכטער מאַכן דיר דאָס שיידן זיך פון אים, שלאָג איך פאָר, אַז אַ חוץ דעם, וואָס איז ביז איצט אָנגעוויזן געוואָרן, זאָלסטו זיך אַריינטראַכטן אין פאָלגנדעם: צי אויף דעם גרונט פון דער סברה, אַז מאַטעריע עקזיסטירט, ביסטו בכוח משיג צו זיין אויף וועלכן עס איז אופן, ווי אַזוי דו ווערסט באַווירקט פון איר; אָדער, אָננעמענדיק די סברה, אַז מאַטעריע עקזיסטירט נישט, צי איז דען נישט קלאָר, אַז עס איז פונדעסטוועגן מעגלעך, דו זאָלסט באַווירקט ווערן מיט די זעלביקע

אידעען ווי איצט, און דעריבער האָסטו איצט די זעלביקע טעמים פאַרן גלויבן אין איר עקזיסטענץ?

הײלאַס – איך גיב צו, אַז עס איז מעגלעך מיר זאָלן עמפּינדן אַלע זאַכן פּונקט ווי איצט, אַפילו ווען קיין מאַטעריע זאָל אויף דער וועלט נישט זײַן. און ווען מאַטע־ריע זאָל יאָ עקזיסטירן, האָב איך נישט קיין באַגריף, ווי אַזוי זי זאָל קאָנען פּראָדוצירן אידעען אין אונדזער געדאַנק. איך גיב ווײַטער צו, אַז דו האָסט מיך פולשטענדיק איבער־צייגט דאָס עס איז אוממעגלעך עס זאָל עקזיסטירן אַזאַ זאַך ווי מאַטעריע אין איינעם פון די אויבנדערמאָנטע באַ־דייטונגען פון דעם טערמין. פונדעסטוועגן קאָן איך זיך נישט העלפן און מוז אָננעמען, אַז מאַטעריע עקזיסטירט פאַרט אין וועלכן עס איז זין. גענוי אין וואָס עס באַשטייט, פּרעטענדיר איך נישט צו באַשטימען.

פיל אָנוס – איך דערוואַרט נישט דו זאָלסט גענוי דעפינירן דעם מהות פון דאָזיקן אומבאַוווּסטן וועזן. נאָר זאָג מיר בלויז, צי איז עס אַ סובסטאַנץ; און אויב יאָ, צי קאָנסטו זיך פאָרשטעלן אַ סובסטאַנץ אָן אַקצידענטן, און אויב דו נעמסט אָן, אַז עס האָט אַקצידענטן אָדער קוואַ־ליטעטן, וויל איך דו זאָלסט מיר זאָגן, וואָס די דאָזיקע קוואַליטעטן זענען ווייניקסטנס, וואָס פאַרשטייסטו ווען דו זאָגסט, אַז די מאַטעריע איז זייער טרעגער?

הײלאַס – די דאָזיקע פּונקטן האָבן מיר שוין באַ־האַנדלט. איך האָב מער וועגן זיי נישט וואָס צו זאָגן. נאָר כדי אויסצומײַדן ווײַטערדיקע פראַגן וויל איך קלאָר מאַכן, אַז אונטער מאַטעריע פאַרשטיי איך איצט נישט קיין

סובסטאַנץ, נישט קיין אַקצידענטן, נישט קיין דענקענדיק און נישט קיין אויסגעשפרייט וועזן, און אויך נישט קיין אורזאַך, אינסטרומענט אָדער געלעגנהייט, נאָר עפּעס, וואָס איז אין גאַנצן אומבאַקאַנט און איז אַנדערש פון דעם אַלעם.

פילאָנוס – ווי עס ווײַזט אויס, אַנטהאַלט דײַן איצטיקער באַגריף וועגן מאַטעריע בלויז דעם אַלגעמיינעם, אַבסטראַקטן באַגריף פון מציאות.

הילאַס – אַט דאָס מיין איך טאַקע, איך וויל נאָך אָבער צוגעבן, אַז דער דאָזיקער אַלגעמיינער באַגריף באַ־דײַט אויך די פאַרניינונג פון אַלע איינצלנע זאַכן, קוואַ־ליטעטן אָדער אידעען, וועלכע איך בין בכוח צו עמפּינדן, זיך פאַרצושטעלן אין כוח־הדמיון, אָדער באַנעמען אויף וועלכן עס איז אופן.

פילאָנוס — ווו, שטעלסטו זיך פאָר, עקזיסטירט די דאָזיקע אומבאַקאַנטע מאַטעריע?

הילאַס – אַך, פילאָנוס! דו מיינסט, אַז דו האָסט מיך געפּאַקט, מחמת אויב איך וועל זאָגן, אַז זי עקזיסטירט אין רוים, וועסטו פון דעם דרינגען, אַז זי עקזיסטירט אין געדאַנק, ווארעם מיר האָבן דאָך אײַנגעשטימט, אַז רוים אָדער אויסגעשפרייטקייט עקזיסטירט בלויז אין געדאַנק. איך שעם זיך אָבער נישט מודה צו זײַן אין מײַן אומ־ווויסנהייט. איך ווייס נישט ווו מאַטעריע עקזיסטירט, איך בין בלויז זיכער, אַז זי עקזיסטירט נישט אין רוים. דאָ האָסטו אַ נעגאַטיוון ענטפער. און אויף אַלע ווײַטערדיקע פראַגן, וואָס דו וועסט מיר שטעלן וועגן מאַטעריע, וועל איך דיר געבן דעם זעלבן ענטפער.

פילאָנוס – אַזוי ווי דו קענסט מיר נישט זאָגן ווי זי עקזיסטירט, בעט איך דיך, לאָז מיר וויסן, אויף וואָס פאַר אַן אופן שטעלסטו זיך פאָר איר עקזיסטענץ, מיט אַנדערע ווערטער – וואָס פאַרשטייסטו ווען דו זאָגסט: זי עקזיסטירט?

הײלאַס – זי דענקט נישט און איז אויך נישט אַקטיוו, זי עמפּינדט נישט און ווערט אויך נישט עמפּונדן.

פילאָנוס – וואָס איז אָבער פאַראַן פּאָזיטיוועס אין דײַן אַבסטראַהירטן באַגריף וועגן איר עקזיסטענץ?

הײלאַס – נאָך אַ גענויער באַטראַכטונג געפין איך נישט, איך זאָל בכלל האָבן וועלכן עס איז פּאָזיטיוון באַגריף אָדער באַדײַט. איך זאָג דיר נאָך אַ מאָל, אַז איך שעם זיך נישט מודה צו זײַן אין מײַן אומוויסנהייט: נישט איך וויים די באַדײַטונג פון איר עקזיסטענץ און נישט איך וויים ווי אַזוי זי עקזיסטירט.

פילאָנוס – גוטער הײלאַס, זײַ אויך ווײַטער אַזוי אָפנהאַרציק און זאָג מיר אויפריכטיק, צי קאָנסטו פאָרמירן אַ באַשטימטן באַגריף וועגן דער מציאות בכלל, וואָס איז אָפּגעזונדערט און אויסגעשלאָסן פון אַלע דענקענדיקע און קערפּערלעכע וועזנס, און פון אַלע איינצלנע זאַכן פון יעדן מין?

הײלאַס – וואַרט אַ ווײַלע, און לאָז מיר נאָכטראַכטן. איך בין זיך מודה, פילאָנוס, אַז איך קאָן נישט. אויפן ערשטן בליק האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך האָב עפּעס אַ שוואַכן, נעפּלהאַפטן באַגריף פון ריינער, אַבסטראַקטער מציאות, אָבער נאָך אַ גענויער אונטערזוכונג

איז ער אין גאַנצן פאַרשווונדן. וואָס מער איך טראַכט וועגן דעם, אַלץ מער איבערצייגט בין איך אין דער ריכטיקייט פון מיין פאַרזיכטיקן באַשלוס צו געבן בלויז נעגאַטיווע ענטפערס און נישט צו האָבן קיין קלענסטע פרעטענזיע אויף וועלכן עס איז פּאָזיטיוון וויסן אָדער באַגריף וועגן מאַטעריע, וואָס שייך איר אַ וווּ, איר ווי אַזוי, איר מציאות, אָדער וועגן עפּעס, וואָס האָט אַ שייכות מיט איר.

פילאָנוס — הייסט עס, אַז בעת דו רעדסט וועגן דער עקזיסטענץ פון מאַטעריע, האָסטו נישט וועגן דעם קיין שום פאַרשטעלונג אין דיין געדאַנק?

הײלאַס — לחלוטין נישט.

פילאָנוס — זאָג מיר, כ׳בעט דיך, לאָמיר באַטראַכטן צי די זאַך שטעלט זיך נישט פאַר אָט אַזוי: צום ערשט, אַרויסגייענדיק פון שטאַנדפּונקט, אַז עס איז פאַראַן אַ מאַטעריעלע סובסטאַנץ, האָסטו געוואָלט האָבן, אַז די אָביעקטן, וואָס ווערן אוממיטלבאַר עמפּונדן, עקזיסטירן אומאָפּהענגיק פון געדאַנק; דערנאָך האָסטו זיך איינגעשטעלט, אַז זיי זענען אורטיפּן; נאָך דעם — אורזאַכן; ווייטער, אַז זיי זענען אינסטרומענטן, געלעגנהייטן, און צום סוף, אַן עפּעס אין אַלגעמיין, וואָס נאָך אַ גענויער דערקלערונג ווייזט עס זיך אַרויס צו זיין גאָרנישט. בכן, איז מאַטעריע גאָרנישט. ווי מיינסטו, הײלאַס, איז דאָס נישט קיין ריכטיקער רעזומע פון דיינע פּאָזיציעס אין דעם ויכוח?

הײלאַס — ווי די זאַך זאָל נישט זיין, באַשטיי איך

נאָך אַלץ אויף דעם, אַז אונדזער נישט פֿעיִקייט צו באַ־גרייפֿן אַ זאַך איז נישט קיין ראיה, אַז זי עקזיסטירט נישט.

פֿילאָנוס — איך גיב גערן צו, אַז פֿון אַן אורזאַך, פּועל־יוצא, פּלאַנמעסיקע אַקציע (operation), צייכן אָדער וועלכער עס איז אַנדערער פֿאַסירונג, מעג מען על פּי שכל אַרויסדרינגען די עקזיסטענץ פֿון אַ זאַך, וואָס ווערט נישט אוממיטלבאַר עמפֿונדן. און עס וואָלט געווען אַן אַבסורד צו אַרגומענטירן קעגן דער עקזיסטענץ פֿון אַ זאַך בלויז דערפֿאַר, וואָס מען האָט נישט וועגן איר קיין דירעקטן אָדער פּאָזיטיוון וויסן. אָבער דאָרט, ווו עס איז נישטאָ קיין סימן פֿון דעם אַלעם; ווו נישט די פֿאַרנונפֿט און נישט די געטלעכע אַנטפּלעקונג צווינגט אונדז נישט צו גלויבן אין דער עקזיסטענץ פֿון אַ זאַך; ווו מיר האָבן נישט אַפֿילו אַ רעלאַטיוון באַגריף וועגן איר; ווו מען אַבסטראַהירט פֿון עמ־פֿינדן און עמפֿונדן ווערן, פֿון גײַסט און פֿון אידעע; און ענדלעך, ווען מיר פּרעטענדירן נישט צו האָבן אַפֿילו דעם שוואַכסטן און מינדסטן באַגריף וועגן איר, — וועל איך אין אַזאַ פֿאַל זיכער נישט באַשליסן קעגן דער רעאַליטעט פֿון וועלכן עס איז באַגריף, אָדער קעגן דער עקזיסטענץ פֿון וועלכער עס איז זאַך; נאָר מײַן אויספֿיר וועט זײַן, אַז דו מיינסט לחלוטין גאָרנישט און דו באַנוצט זיך מיט ווער־טער אָן שום צוועק און אָן וועלכן עס איז זין אָדער באַ־דײַטונג. און איך לאָז עס איבער פֿאַר דיר צו באַשליסן, ווי אַזוי אַזאַ פּלוידערײַ דאַרף באַהאַנדלט ווערן.

הײַלאַס — כ׳וועל זײַן אָפֿנהאַרציק מיט דיר, פֿילאָ־נוס: ווען מען באַטראַכט דײַנע אַרגומענטן, פֿאַר זיך גופֿא,

וויַזן זיי אויס צו זיַן אומבאַשטרייטבאַר. זייער ווירקונג אויף מיר איז אָבער נישט שטאַרק גענוג, איך זאָל ווערן אין גאַנצן איבערצייַגט, און איך זאָל האָבן יענע אינערלע־כע באַפרידיקונג, וואָס באַגלייט אַ קלאָרן באַוויַז. איך פאַל נאָך אַלץ צוריק אַריַין אין דער נעפּלהאַפטער השערה וועגן אַן עפּעס, וואָס איז פאַר מיר נישט קלאָר — מאַטעריע.

פילאָנוס – צי זעסטו דען נישט איַין, הייַלאַס, אַז כּדי עס זאָל פאַרשווונדן ווערן יעדער צווייפל און עס זאָל זיך שאַפן די פולקאָמענע איבערצייַגונג פון געדאַנק, פאַ־דערט זיך די האַרמאָנישע צוזאַמענווירקונג פון צוויי פאַק־טאָרן? למשל, ווי העל עס זאָל נישט זיַן דאָס ליכט, אין וועלכן אַ זעבאַרער אָביעקט ווערט אוועקגעשטעלט, פונ־דעסטוועגן, אויב עס זאָל זיַן עפּעס אַ חסרון אין דער ראיה, אָדער אויב דאָס אויג איז נישט אָנגעשטעלט דירעקט אויף דער זאַך, וועט זי נישט געזען ווערן קלאָר. דאָס זעלבע איז אויך דאָ: ווי קלאָר אַ באַוויַז זאָל נישט באַ־גרינדעט ווערן און ווי ריכטיק ער זאָל נישט פאַרגעשטעלט ווערן, דאָך, אויב עס איז דערביַי פאַראַן אַ שמץ פון פאָר־אורטייל, אָדער אויב דער געדאַנק איז דערביַי פּאַרטייִיש פאַראינטערעסירט, קאָן מען נישט דערוואַרטן ער זאָל דאָס גלייַך קלאָר באַגרייַפן און זיך פעסט אָנהאַלטן אין אמת. ניין; עס פאָדערט זיך צייַט און מי, מען מוז בסדר וועקן און איַינהאַלטן די אויפמערקזאַמקייט דורך איבערחזרן און באַלייַכטן די זעלביקע זאַך אויף פאַרשיידענע אופנים. איך האָב דאָס שוין איין מאָל געזאָגט און איך מוז דאָס נאָך אַ מאָל מיט דיר איַינחזרן, אַז דו נעמסט זיך אָן אומפאַראַנט־

וואָרטלעכע פרייהייט, ווען דו פּרעטענדירסט זיך איינצו־שטעלן פאַר אַן עפּעס, וואָס דו ווייסט נישט וואָס דאָס איז און נישט צוליב וועלכן טעם און צוליב וועלכן צוועק דאָס עקזיסטירט. צי קאָנסטו געפינען עפּעס ענלעכס ערגעץ ווו אין דער קונסט, אין דער וויסנשאַפט, אָדער אין וועלכער עס איז מענטשלעכער סעקטע און פּראָפעסיע? אַפילו אין אַ פּשוטן געשפּרעך פון דעם נידעריקסטן סאָרט וועסטו נישט אָנטרעפן אויף עפּעס, וואָס איז אַזוי אָפן נישט באַגרינדעט און נישט פאַרנונפטיק. אָדער אפשר וועסטו נאָך אַלץ טענהן, אַז מאַטעריע עקזיסטירט, הגם אין דער זעל־בער צייט ווייסטו נישט וואָס עס וועט פאַרשטאַנען מיטן וואָרט מאַטעריע אָדער מיט איר עקזיס־טענץ? דאָס וואָלט באמת זיין איבערראַשנד, מחמת דאָס נעמט זיך בלויז פון דיין אייגענעם ווילן, עס איז נישטאָ קיין אַנדער טעם פאַרוואָס דו זאָלסט אָננעמען אַזאַ סברה. איך פאָדער דיך אויף אָנצווייזן יענע זאַך אין דער נאַטור, וואָס נויטיקט זיך אין מאַטעריע, כדי דערקלערט און פאַר־שטאַנען צו ווערן,

הײלאַס — די רעאַליטעט פון זאַכן קאָן נישט פאַרטיידיקט ווערן, סיידן מען נעמט אָן די עקזיסטענץ פון מאַטעריע. און צי מיינסטו נישט, אַז דאָס איז אַ גענוגנדער גרונט, פאַרוואָס איך זאָל עס אַזוי ערנסט פאַרטיידיקן?

פילאָנוס — די רעאַליטעט פון זאַכן! וועלכע זאַכן?! די, וואָס מיר עמפינדן דורך די חושים, אָדער די, וועלכע מיר דערקענען דורכן פאַרשטאַנד?

הײלאַס — די, וואָס מיר דערקענען דורך די חושים.

פילאָנוס — ווי מײַן הענטשקע, למשל?

הילאַס - דאָס אָדער װעלכע עס איז אַנדערע זאַך, וואָס ווערט עמפּונדן דורך די חושים.

פילאָנוס — לאָמיר זיך אָבער אָפּשטעלן אויף װעלכער עס איז איינצלנער זאַך. דער פאַקט, וואָס איך זע, באַריר און טראָג זי, איז דען נישט קיין גענוגנדער באַווײַז פאַר דער עקזיסטענץ פון דער הענטשקע? און אויב דאָס איז נישט גענוג, ווי אַזוי איז מעגלעך, איך זאָל ווערן זיכער אין דער רעאַליטעט פון דער זאַך, װעלכע איך זע באמת דאָ אויפן אָרט, דורך דעם, וואָס איך וועל אָננעמען, אַז אַ װעלכע עס איז אומבאַוווסטע זאַך, וואָס איך האָב קיינמאָל נישט געזען און קאָן קיינמאָל נישט זען, עקזיסטירט אויף אַן אומבאַוווסטן אופן, אין אַן אומבאַוווסטן אָרט, אָדער אין קיין שום אָרט נישט? ווי אַזוי קאָן די אָנגענומענע רעאַליטעט פון דעם, וואָס איז נישט באַרירבאַר, דינען אַלס באַווײַז פאַר דערווירקלעכער עקזיסטענץ פון עפּעס, וואָס איז באַרירבאַר? אָדער אַז דאָס, וואָס קאָן נישט געזען ווערן, זאָל דינען אַלס באַווײַז פאַר דער רעאַלער עקזיסטענץ פון דעם, וואָס מען קאָן זען, אָדער אַז אַן עפּעס, וואָס מען קאָן בכלל נישט עמפּינדן, זאָל באַווײַזן די רעאַלע עקזיסטענץ פון דעם, וואָס קאָן יאָ עמפּונדן ווערן? אויב דו קאָנסט דאָס דערקלערן, קאָנסטו אַלץ דערקלערן.

הילאַס — אין אַלגעמיין גענומען בין איך גענייגט צוצוגעבן, אַז די עקזיסטענץ פון מאַטעריע איז העכסט אומוואַרשײַנלעך, אָבער די קלאָרע און אַבסאָלוטע אומ־מעגלעכקייט דערפון זע איך נישט איין.

פילאָנוס – אַפילו ווען מען גיט צו, אַז מאַטעריע איז מעגלעך, קאָן זי אויף דעם גרונט אַליין פון איר מעג־לעכקייט נישט האָבן קיין גרעסערע פּרעטענזיעס אויף עקזיסטענץ, ווי אַ גאָלדענער באַרג אָדער אַ צענטאַוור.

הײלאַס – איך גיב דאָס צו, אָבער פונדעסטוועגן לײקנסטו דאָך נישט די מעגלעכקייט דערפון; און דאָס, וואָס איז מעגלעך, קאָן, אַזוי ווײַט ווי דו ווייסט, ווירקלעך עקזיסטירן.

פילאָנוס — איך לייקן, אַז דאָס איז מעגלעך; און אויב איך מאַך קיין טעות נישט, האָב איך דאָס קלאָר באַוויזן אויפן גרונט פון דעם, וואָס דו האָסט אַליין צוגע־געבן די אוממעגלעכקייט דערפון. צי ווערט דען מיטן פשוטן זין פון וואָרט מאַטעריע עפּעס אַנדערש פאַרשטאַנען, ווי אַ סובסטאַנץ, וואָס איז אויסגעשפּרייט, האַרט, האָט פיגור, איז באַוועגלעך און וואָס עקזיסטירט אומאָפּהענגיק פון גע־דאַנק? צי האָסטו דען נישט צוגעגעבן נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל, אַז דו האָסט קלאָרע טעמים פאַרוואָס דו זאָלסט לייקענען אין דער מעגלעכער עקזיסטענץ פון אַזאַ סובסטאַנץ?

הײלאַס – אמת, אָבער דאָס איז בלויז איין זין, אין וועלכן דער טערמין מאַטעריע קאָן פאַרשטאַנען ווערן.

פילאָנוס – צי איז דאָס אָבער נישט דער איינציי־קער אָנגענומענער און אמת־ריכטיקער זין פון דעם וואָרט? און אויב עס איז באַוויזן געוואָרן, אַז אין דעם זין איז מאַ־טעריע אוממעגלעך, צי איז דאָס נישט אַ גענוגנדער גרונט אָנצונעמען, אַז זי איז אַבסאָלוט אוממעגלעך? אויב נישט,

ווי אַזוי קאָן די אוממעגלעכקייט פון עפּעס בכלל באַווײַזן ווערן? ווי קאָן מען איבערהויפּט עפּעס באַווײַזן אַ מענטשן, וואָס נעמט זיך די פרײַהייט צו בײַטן דעם אָנגענומענעם באַדײַט פון ווערטער?

הײלאַס — איך האָב געמיינט, אַז פילאָזאָפן איז דערלויבט צו רעדן פּינקטלעכער ווי דעם פּשוטן מענטשן, און אַז זיי דאַרפן זיך נישט האַלטן אַלע מאָל אָן דעם אַל־געמיין־אָנגענומענעם זין פון אַ טערמין.

פילאָנוס — אָבער די נאָר־וואָס דערמאָנטע דעפיניציע איז דאָך די אַלגעמיין־אָנגענומענע צווישן די פילאָזאָפן גופא. לאָמיר דאָס אָבער לאָזן אָן אַ זײַט. צי האָסטו דען נישט געהאַט די פרײַהייט צו נוצן דעם טערמין מ אַ ט ע ר י ע אין וועלכן זין עס איז דיר נאָר געפעלן געוואָרן? צי האָסטו דען נישט אויסגענוצט די פריווילעגיע אויף יעדן מעגלעכן אופן? אָפט מאָל האָסטו געביטן אין גאַנצן דעם זין פון דער דעפיניציע, אַ מאָל האָסטו עפּעס אויס־געלאָזט אָדער צוגעגעבן, לויט ווי עס האָט זיך דיר אין יענעם מאָמענט בעסער געוואָלט, להיפּוך צו אַלע כּללים פון פאַרנונפט און לאָגיק, און צי האָט זיך אונדזער ויכּוח נישט פאַרצויגן צו לאַנג בלויז צוליב דײַן בּסדרדיקער אומבאַשטענדיקייט און נישט געריכטע מעטאָדן? און צי איז מאַטעריע נישט באַטראַכט געוואָרן אין יעדן זין באַזונ־דער, און צי האָסטו דען נישט אַליין צוגעגעבן, אַז זי איז אָפּגעפרעגט געוואָרן אין יעדן פאַל? כּדי צו באַווײַזן, אַז אַ זאַך איז אַבסאָלוט אוממעגלעך, צי קאָן מען דען פאָדערן מער, ווי באַווײַזן די אוממעגלעכקייט אירע אין יעדן איינ־

צעלנעם זין, וועלכן דו אָדער עמיצער אַנדערש קאָן פאַר־שטיין?

הײלאַס — איך בין אָבער גאָרנישט אַזוי גרינטלעך איבערצײַגט, אַז דו האָסט באַוויזן די אוממעגלעכקייט פון מאַטעריע — אין דעם לעצטן, סאַמע טונקעלן, אַבסטראַקטן און אומבאַשטימטן זין.

פילאָנוס — ווען ווערט אַ זאַך באַוויזן אַלס אומ־מעגלעך?

הײלאַס — ווען עס ווערט באַוויזן אַ ווידערשפּרוך צווישן די באַגריפן, וועלכע די דעפיניציע אַנטהאַלט.

פילאָנוס — אָבער דאָרט, ווו עס זענען בכלל קיין באַגריפן נישטאָ, קאָן מען דאָך נישט באַווײַזן קיין ווי־דערשפּרוך צווישן זיי?

הײלאַס — איך שטים אײַן.

פילאָנוס — עס איז קלאָר, אַז דאָס, וואָס דו רופסט אָן דעם טונקעלן, אומבאַשטימטן זין פון דעם וואָרט מאַ־טעריע אַנטהאַלט נישט, לויט דײַן אייגענער הסכמה נאָך, קיין שום באַגריפן בכלל, ד״ה, האָט קיין שום זין נישט אויסער אַן אומבאַוווסטן זין, וואָס איז דאָך קיין זין נישט. דו דאַרפסט דעריבער נישט דערוואַרטן, איך זאָל דיר באַ־ווײַזן אַ ווידערשפּרוך צווישן באַגריפן דאָרט, ווו עס זענען קיין באַגריפן בכלל נישטאָ, אָדער איך זאָל באַווײַזן די אוממעגלעכקייט פון מאַטעריע, פאַרשטאַנען אין אַ אומבאַ־וווסטן זין, ד״ה, אין קיין שום זין בכלל. מײַן אויפגאַבע איז בלויז געווען צו באַווײַזן, אַז דײַנע ווערטער מיינען גאָרנישט, און דאָס ביסטו געצוווּנגען געוואָרן צוצוגעבן. אַזוי, אַז

יעדער זין פון דעם ווארט מאטעריע, וואס דו האסט פאר־
געשלאגן, איז באוויזן געווארן, אז עס מיינט גארנישט; און
אויב עס מיינט יא עפעס, איז עס אן אבסורד. און אויב
דאס איז נישט קיין באפרידיקנדיקער באווייז פאר דער
אוממעגלעכקייט פון א זאך, טא זאג מיר, וואס איז יא א
באווייז.

הײלאס — איך גיב צו, אז דו האסט באוויזן די
אוממעגלעכקייט פון מאטעריע. איך זע אויך נישט איין,
וואס נאך עס קאן געזאגט ווערן צו איר פארטיידיקונג. אבער
ווי נאר איך מוז דאס אויפגעבן, הויב איך אן צו פארדעכ־
טיקן אלע מיינע אנדערע באגריפן. מחמת קיין שום זאך
האט נישט געקאנט אויסווייזן צו זיין אזוי קלאר, ווי דער
באגריף מאטעריע איז דאס געווען, און פונדעסטוועגן ווייזט
ער זיך איצט ארויס פונקט אזוי פאלש און אבסורד. אבער
איך מיין, אז פאר היינט האבן מיר שוין גענוג דיסקוטירט
וועגן דאזיקן פונקט. איך וואלט געוואלט אפגעגעבן די איבע־
ריקע צייט פון טאג אויף דורכצוטראכטן די הויפט־פונקטן
פון אונדזער היינטיקן געשפרעך, און איך וועל מיט פאר־
גניגן דיך דא טרעפן מארגן אין דער זעלבער צייט.

פילאנוס — איך וועל דיך זיכער דערווארטן.

דריטער דיאלאג

דריטער דיאַלאָג

פ י ל אָ נ ו ס — זאָג מיר, הײלאַס, וואָס איז דער פּועל־יוצא פון דײַנע נעכטיקע נאָכטראַכטענישן? צי זענען באַפעסטיקט געוואָרן בײַ דיר די מײנונגען, וועלכע דו האָסט אַרויסגעזאָגט בעת מיר זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, אָדער דו האָסט וועלכע עס איז סיבה זיי צו בײַטן?

ה ײ ל אַ ס — מײַן אויפריכטיקע מײנונג איז, אַז אַלע אונדזערע מײנונגען זענען גלײַך נישטיק און נישט זיכער דאָס, מיט וואָס מיר זענען מסכּים הײַנט, וואַרפן מיר מאָרגן אָפּ. מיר מאַכן אַ ווערזן פון וויסן, און מיר יאָגן זיך נאָך דעם אונדזער גאַנץ לעבן, אָבער, לײדער, ווײסן מיר גאָר־נישט. איך גלויב אויך נישט, אַז אין דעם לעבן איז פאַר אונדז בכלל מעגלעך עפּעס צו ווײסן אויף זיכער, אונדזערע כּחות זענען צו באַשרענקט און צו ווײניק. די נאַטור האָט אונדז זיכער נישט באַשטימט צו פאַרנעמען זיך מיט ספּעקולאַטיוון דענקען.

פ י ל אָ נ ו ס — וואָס! דו זאָגסט, הײלאַס, אַז מיר קאָנען גאָרנישט ווײסן?

ה ײ ל אַ ס — עס איז נישטאָ קײן אײנציקע זאַך אין דער וועלט, וואָס מיר זאָלן קאָנען ווײסן אירווירקלעכע נאַטור, אָדער וואָס זי איז אין זיך גופא.

פילאָנוס — ווילסטו מיר טאַקע זאָגן, אַז איך ווייס ווירקלעך נישט וואָס פייער אָדער וואַסער איז?

הילאַס — דו ווייסט, אמת, אַז פייער ווייזט אויס צו זיין הייס, און וואַסער פליסיק, דאָס באַדייט אָבער בלויז, אַז דו ווייסט וועלכע עמפינדונגען עס ווערן אַרויסגערופן אין דיין געדאַנק, ווען דיינע חוש־אָרגאַנען קומען אין באַרירונג מיט פייער אָדער וואַסער. אָבער וואָס שייך זייער אינערלעכן צוזאַמענשטעל, זייער אמתע און ווירקלעכע נאַטור, — וועגן דעם ווייסטו אַבסאָלוט גאָרנישט.

פילאָנוס - צי ווייס איך דען נישט, אַז דאָס, אויף וואָס איך שטיי, איז אַ ווירקלעכער שטיין, און דאָס, וואָס איך זע פאַר מיינע אויגן, איז אַ ווירקלעכער בוים?

הילאַס - דו ווייסט עס טאַקע? ניין, עס איז אוממעגלעך, אַז דו אָדער וועלכער עס איז אַנדערער לעבעדיקער מענטש זאָל דאָס קאָנען וויסן. דו ווייסט בלויז, אַז דו האָסט באַשטימטע אידעען אָדער דערשיינונגען אין דיין געדאַנק. וואָס אָבער האָט דאָס צו טאָן מיטן ווירקלעכן בוים אָדער שטיין? איך זאָג דיר, אַז קאָליר, פיגור און האַרטקייט, וועלכע ווערן פון דיר עמפּונדן, זענען נישט די ווירקלעכע נאַטור פון די דאַזיקע זאַכן, און אַז זיי האָבן נישט די מינדעסטע ענלעכקייט צו איר. דאָס זעלביקע קאָן געזאָגט ווערן וועגן אַלע אַנדערע ווירקלעכע זאַכן אָדער קערפּערלעכע סובסטאַנצן, וועלכע שטעלן צוזאַמען די וועלט. קיינע פון זיי אַנטהאַלט נישט אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס איז ענלעך צו די חושימדיקע קוואַליטעטן, וועלכע ווערן דורך אונדז עמפונדן. דעריבער טאָרן מיר נישט פּרעטענדירן,

אַז מיר ווייסן עפּעס אָדער אַז מיר קאָנען באַהויפּטן עפּעס פּאָזיטיווס, וואָס זיי שטעלן פאָר מיט זיך אין זייער אייגע־נער נאַטור.

פ י ל אָ נ ו ס — עס איז דאָך זיכער, היילאַס, אַז איך קאָן, למשל, אונטערשיידן גאָלד פון אײַזן; און ווי אַזוי וואָלט דאָס געווען מעגלעך, ווען איך זאָל נישט וויסן וואָס יעדער פון זיי איז אין דערווירקלעכקייט?

ה י י ל אַ ס — גלויב מיר, פילאָנוס, אַז דו קאָנסט בלויז אונטערשיידן צווישן דײַנע אייגענע אידעען. מיינסטו טאַקע, אַז די געלקייט, דאָס געוויכט און די אַנדערע חוש־קוואַליטעטן געפינען זיך ווירקלעך אינם גאָלד? זיי עקזיס־טירן נאָר אין שייכות צו די חושים, זיי האָבן אָבער נישט קיין אַבסאָלוטע עקזיסטענץ אין דער נאַטור. ווען דו זאָלסט פּרובירן פונאַנדערצוטיילן די מינים פון ווירקלעכע זאַכן, לויט ווי זיי דערשײַנען אין דײַן געדאַנק, וועסטו פילײַכט האַנדלען פונקט אַזוי קלוג, ווי יענער, וואָס וואָלט באַ־שלאָסן, אַז צוויי מענטשן זענען פון פאַרשיידענע מינים מחמת דעם, וואָס זייערע מלבושים זענען נישט פון זעלבן קאָליר.

פ י ל אָ נ ו ס — ווי עס ווײַזט אויס, ווערן מיר אין גאַנצן אָפּגעפּטרט מיט די דערשײַנונגען פון די זאַכן, און דערצו זענען זיי נאָך פאַלש אויך. דאָס פלייש, וואָס איך עס, און די מלבושים, וואָס איך טראָג, אַנטהאַלטן אין זיך נישט קיין שום זאַך, וואָס איז ענלעך צו דעם, וואָס איך זע און באַריר.

ה י י ל אַ ס — אַזוי איז דאָס.

פילאָנוס — צי איז דאָס אָבער נישט מאָדנע, וואָס די גאַנצע וועלט ווערט אַזוי אָפּגענאַרט און אַלע זענען אַזוי נאַריש צו גלויבן זייערע אייגענע חושים? און הגם איך פאַרשטיי נישט פונוואַנעט דאָס נעמט זיך, איז אָבער אַ פאַקט, אַז מענטשן עסן, טרינקען און שלאָפן, דערפילן אַלע פונקציעס פון לעבן אַזוי באַקוועם און גרינג, ווי זיי וואָלטן ווירקלעך קענען די זאַכן, מיט וועלכע זיי באַשעפטיקן זיך.

היילאַס — מענטשן האַנדלען טאַקע אַזוי; דו ווייסט דאָך אָבער, אַז פאַר פּשוטע האַנדלונגען נויטיקט מען זיך נישט אין פיינע ניואַנסן פון ספּעקולאַטיוון וויסן. דעריבער בלייבן טאַקע פּשוטע מענטשן ביי זייערע טעותן, און באַמיען זיך ווי עס איז נאָכצוקומען די פאָדערונג פון טאָגטעגלעכן לעבן. פילאָזאָפן אָבער ווייסן בעסער.

פילאָנוס — דו מיינסט, אַז זיי ווייסן דאָס זיי ווייסן גאָרנישט?

היילאַס — דאָס איז די העכסטע מדרגה און שלימות פון מענטשלעכן וויסן.

פילאָנוס—צי ביסטו אָבער די גאַנצע צייט ערנסט, היילאַס? און צי ביסטו באמת איבערצייגט, אַז דו ווייסט נישט קיין שום ווירקלעכע זאַך אין דער וועלט? שטעל זיך פאָר, אַז דו ווילסט עפּעס שרייבן, וועסטו דען נישט בעטן מען זאָל דיר דערלאַנגען אַ פּעדער, טינט און פּאַפּיר, פּונקט ווי אַן אַנדערער מענטש? און צי ווייסטו דען נישט, וואָס עס איז דאָס, וואָס דו פאַרלאַנגסט?

היילאַס — ווי אָפט וועל איך דיר מוזן איבערחזרן, אַז איך ווייס נישט די ווירקלעכע נאַטור פון וועלכער עס

איז איינצלנער זאַך אין דעם אוניווערס? עס איז אמת, אַז ביי געוויסע געלעגנהייטן וועל איך זיך באַנוצן מיט פען, טינט און פּאַפּיר, אָבער וואָס עס איז די אמתע נאַטור פון יעדער איינער פון אָט די זאַכן, זאָג איך בפירוש, אַז איך ווייס נישט. און דאָס זעלביקע איז אמת וועגן יעדער קערפּערלעכער זאַך. און נאָך מער, נישט נאָר מיר ווייסן גאָר־נישט וועגן דער אמתער און ווירקלעכער נאַטור פון זאַכן, — מיר ווייסן אפילו נישט צי זיי עקזיסטירן. מען קאָן נישט לייקענען, אַז מיר עמפּינדן געוויסע דערשיינונ־גען אָדער אידעען, דערפון איז אָבער נישט געדרונגען, אַז קערפּערס האָבן אַ ווירקלעכע עקזיסטענץ. און איצט, ווען איך טראַכט זיך אין דעם אַריין, מוז איך, אין הסכם מיט די הנחות, וואָס איך האָב פריער צוגעגעבן, אָננעמען די סברה, אַז עס איז אוממעגלעך דאָס וועלכע עס איז ווירק־לעך־קערפּערלעכע זאַך זאָל עקזיסטירן אין דער נאַטור.

פילאָנוס — איך בין דערשטוינט פון דיין שטע־לונג. צי קאָן דען געמאָלט זיין עפּעס מער ווילדס און איבערטריבנס, ווי די מיינונגען, פאַר וועלכע דו שטעלסט זיך איצט איין, און צי איז דען נישט קלאָר, אַז דו ווערסט דערצו פאַרפירט דורך דעם גלויבן אין אַ מאַטעריע־לע סובסטאַנץ? דאָס איז די סיבה, וואָס דו חלומסט בסדר וועגן דער אומבאַקאַנטער נאַטור פון יעדער זאַך. אָט דער גלויבן פירט דערצו, זאָלסט פאַנאַנדערטיילן צווישן דער רעאַליטעט און די חושימדיקע דערשיינונגען פון זאַכן. ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דיין נישט וויסן דאָס, וואָס יעדער איינער ווייסט גאַנץ קלאָר. אָבער דאָס איז נאָך נישט

אַלץ. נישט בלויז דו ווייסט נישט די אמתע נאַטור פון יעדער זאַך, נאָר דו ווייסט אפילו נישט צי עפּעס עקזיסטירט אין דערווירקלעכקייט, אָדער צי עס איז בכלל פאַראַן אַן אמתע נאַטור, ווײַל דו שרײַבסט צו דײַנע מאַטעריעלע וועזנס אַן אַבסאָלוטע אָדער דרויסנדיקע עקזיסטענץ, און אין דעם, לויט דײַן מיינונג, באַשטייט זייער רעאַליטעט. און אַזוי ווי דו ווערסט סוף כּל סוף געצוווּנגען צוצוגעבן, אַז אַזאַ עק־זיסטענץ איז אָדער אַן אָפֿענער ווידערשפּרוך אָדער לחלוטין גאָרנישט, איז פון דעם געדרונגען, אַז דו ביסט אויך גע־צוווּנגען אַרונטערצוריַיסן דײַן אייגענע היפּאָטעזע פון מאַ־טעריעלער סובסטאַנץ און דו מוזט פּאָזיטיוו פאַרלייי־קענען די רעאַלע עקזיסטענץ פון וועלכן עס איז טייל פון דעם אוניווערס. און אַזוי אַרום פאַלסטו אַרײַן אין אַ תּהום פון שרעקלעכסטן סקעפּטיציזם, אין וועלכן אַ מענטש האָט זיך ווען עס איז געפֿונען. זאָג מיר, הילאַס, צי איז נישט אמת, וואָס איך זאָג?

הילאַס — איך בין מסכּים מיט דיר. מאַטעריעלע סובסטאַנץ האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זײַן בלויז אַ היפּאָטעזע און דערצו נאָך אַ פאַלשע און אַ גרונטלאָזע. איך וועל ווײַטער נישט פאַרלירן קיין וואָרט פאַר איר פאַרטייי־דיקונג. אָבער וואָס פאַר אַ היפּאָטעזע דו זאָלסט נישט פאָרשלאָגן אָדער וואָס פאַר אַ פּלאַן, — וואָס זאָל דער־קלערן זאַכן, — דו וועסט נישט פאַרלייגן אַנשטאָט דער מאַטעריעלער סובסטאַנץ, צווייפל איך נישט, אַז זי וועט זיך אַרויסווײַזן אַקוראַט אַזוי פאַלש. דערלויב מיר דיר צו שטעלן פראַגן, ד״ה, לאָז מיך דיר אָפּצאָלן מיט דײַן איי־

גענער מטבע, און איך פֿאַרזיכער דיר, אַז איך וועל דיך דערפֿירן דורך אַלע צווייפֿלונגען און ווידערשפּרוכן צום זעלבן צושטאַנד פֿון סקעפּטיציזם, אין וועלכן איך געפֿין זיך איצט.

פֿילאָנוס — איך פֿאַרזיכער דיר, הײַלאַס, אַז איך האָב בכלל נישט קיין שום פּרעטענזיעס צו מאַכן וועלכע עס איז היפּאָטעזן. איך בין פֿון פּראָסטן לײַם געקנאָטן, און איך בין פּשוט געוווינט צו גלויבן מײַנע אייגענע חושים, און איך נעם זאַכן, ווי איך געפֿין זיי. אָפּן גערעדט: איך מיין, אַז ווירקלעכע זאַכן זענען דווקא די זאַכן, וועלכע איך זע, באַריר און עמפּפֿינד דורך מײַנע חושים. די דאָזיקע זאַכן קען איך, און געפֿינענדיק, אַז זיי באַפֿרידיקן אַלע פֿאָדערונגען און צוועקן אין לעבן, זע איך נישט אײַן פֿאַר־וואָס איך זאָל זיך באַמיִען זוכן וועלכע עס איז אַנדערע אומבאַקאַנטע וועזנס. איין שטיקל חושימדיק ברויט, למשל, וועט שטילן מײַן הונגער בעסער, ווי צען טויזנט מאָל אַזוי פֿיל נישט חושימדיקס, נישט פֿאַרשטאַנענס, רעאַלס ברויט, וועגן וועלכן דו רעדסט. פּונקט די זעלביקע מיינונג האָב איך וועגן קאָלירן און אַנדערע חושימדיקע קוואַליטעטן: אַז זיי געפֿינען זיך אין די אָביעקטן. איך קאָן זיך בשום אופֿן נישט באַפֿרײַען פֿון געדאַנק, אַז שניי איז ווײַס און פֿײַער איז הייס. דו, וואָס פֿאַרשטייסט אונטער פֿײַער און שניי געוויסע אויסערלעכע סובסטאַנצן, וואָס עמפּפֿינדן נישט און ווערן נישט עמפּפֿונדן, ביסט ווירקלעך גערעכט ווען דו לייקנסט, אַז ווײַסקייט און היץ זענען זייערע אײַנגעבוירענע צושטאַנדן. אָבער איך, וואָס פֿאַרשטיי אונ־

טער די ווערטער זאַכן, וואָס איך זע און באַריר, מוז טראַכטן אַזוי ווי אַנדערע פּשוטע מענטשן. און אַזוי ווי איך בין נישט קיין סקעפּטיקער בנוגע דער נאַטור פון זאַכן, צווייפל איך אויך נישט אין זייער עקזיסטענץ. אַז אַ זאַך זאָל ווירקלעך עמפּונדן ווערן דורך די חושים און זאָל אין דער זעלביקער צייט ווירקלעך נישט עקזיסטירן, איז פאַר מיר אַ קלאָרער ווידערשפּרוך; מחמת איך קאָן נישט אָפּ-טיילן אָדער אַבסטראַהירן, אפילו אין געדאַנק, די עקזיס-טענץ פון חושימדיקע זאַכן פון זייער עמפּונדן ווערן. האָלץ, שטיינער, פייער, וואַסער, פלייש, אייזן און ענלעכע זאַכן, וואָס איך רוף אָן מיט אַ נאָמען און רעד וועגן זיי, זענען זאַכן, וואָס איך קען. איך וואָלט וועגן זיי קיין שום ידיעה נישט געהאַט, ווען איך וואָלט זיי נישט עמפּונדן דורך די חושים; און זאַכן, וואָס ווערן עמפּונדן דורך די חושים, ווערן עמפּונדן אוממיטלבאַר; און זאַכן, וואָס ווערן אוממיטלבאַר עמפּונדן, זענען אידעען; און אידעען קאָנען נישט עקזיס-טירן אומאָפּהענגיק פון געדאַנק; זייער עקזיסטענץ באַ-שטייט דעריבער אין זייער עמפּונדן ווערן; דערפון דרינגט אַרויס, אַז ווען זיי ווערן ווירקלעך עמפּונדן, קאָן מען נישט ספקן אין זייער עקזיסטענץ. זאָל נעמען אַ סוף צו דעם גאַנצן סקעפּטיציזם, מיט די אַלע לעכערלעכע פילאָזאָפי-שע ספקות! עס איז דאָך ממש אַ געלעכטער, אַ פילאָזאָף זאָל צווייפלען אין דער עקזיסטענץ פון די חושימדיקע זאַכן, סיידן מען זאָל אים דאָס באַווייזן פון דער אמתדיקייט פון גאָט, אָדער צו פּרעטענדירן, אַז אונדזער וויסן בנוגע דעם דאָזיקן פּונקט דערגרייכט נישט די מדרגה פון באַווייז אָדער אוממיטל-

באַרן וויסן. איך מעג שוין פאַר איינס צווייפלען אין מײַן אייגענער עקזיסטענץ, אויב איך צווייפל אין דער עקזיסטענץ פון די זאַכן, וואָס איך זע און באַריר אין דער ווירקלעכקייט.

הײלאַס — נישט געאײַלט, פילאָנוס; דו זאָגסט, אַז דו קאָנסט נישט באַגרייפן, ווי אַזוי חושימדיקע זאַכן זאָלן עקזיסטירן אומאָפּהענגיק פון געדאַנק, נישט אמת?

פילאָנוס — יאָ.

הײלאַס — שטעל זיך פאָר, דו ווערסט פאַרניכטעט, קאָנסטו נישט באַגרייפן די מעגלעכקייט, אַז זאַכן, וואָס ווערן עמפּפונדן דורך די חושים, זאָלן נאָך אַלץ עקזיסטירן?

פילאָנוס - איך קאָן דאָס באַגרײַפן, אָבער דאַן וועלן זיי מוזן עקזיסטירן אין אַ אַנדער געדאַנק. ווען איך לייקן די עקזיסטענץ פון חושימדיקע זאַכן מחוץ פון געדאַנק, מיין איך נישט דוקא מיין געדאַנק, נאָר אַלע געדאַנקען. עס איז קלאָר, אַז זיי עקזיסטירן מחוץ מײַן געדאַנק, ווײַל דורך דער דערפאַרונג געפין איך, אַז זיי זענען אומאָפּהענגיק פון אים. עס מוז, דעריבער, זײַן אַ וואָסער עס איז אַנדערער געדאַנק, אין וועלכן זיי זאָלן עקזיסטירן אין די צייטן, וואָס זענען צווישן איין עמפּפינדונג מײַנער און דער צווייטער, אַזוי ווי זיי האָבן עקזיסטירט פאַר מײַן געבורט און וועלן עקזיסטירן נאָך מײַן אַזוי גערופענער פאַרניכטונג. און אַזוי ווי דאָס זעלביקע איז אמת בנוגע אַלע אַנדערע באַגרענעצטע, באַשאַפענע גייסטיקע וועזנס, דרינגט פון דעם אויף אַ נויטווענדיקן אופן, אַז עס איז פאַראַן אַן אַלאָנוועזנדער אייביקער געדאַנק, וואָס

ווייסט און באַגרייפט אַלע זאַכן און אַנטפּלעקט זיי צו אונדז אויף אַזאַ אופן און לויט אַזעלכע געזעצן, וועלכע ער אַליין האָט באַשטימט, און וואָס ווערן פון אונדז אָנגערופן די געזעצן פון דער נאַטור.

הײלאַס - זאָג מיר, פילאָנוס, זענען אַלע אונדזערע אידעען דורכויס אומטעטיקע וועזנס, אָדער ציי אַנטהאַלטן זיי אין זיך אַ וועלכן עס איז אַקטיוון כּוח?

פילאָנוס-זיי זענען אין גאַנצן פּאַסיוו און נישט אַקטיוו.

הײלאַס — און ציי איז נישט גאָט אַן אַקטיווער כּוח, אַ וועזן פון ריינער טעטיקייט?

פילאָנוס — איך בין מסכּים.

הײלאַס — דערפון איז געדרונגען, אַז קיין שום אידעע קאָן נישט זיין ענלעך צו דער נאַטור פון גאָט און קאָן זי נישט רעפּרעזענטירן.

פילאָנוס — איך בין מסכּים.

הײלאַס - און אַזוי ווי דו קאָנסט נישט האָבן קיין אידעע פון גאָטס געדאַנק, טאָ ווי אַזוי קאָנסטו באַגרײַפן די מעגלעכקייט, אַז זאַכן זאָלן עקזיסטירן אין זײַן געדאַנק? און אויב דו קאָנסט יאָ באַגרייפן גאָטס געדאַנק, אַפילו ווען דו האָסט וועגן אים קיין שום אידעע נישט, טאָ פאַרוואָס זאָל מיר נישט זײַן דערלויבט צו באַגרײַפן די עקזיסטענץ פון מאַטעריע, נישט געקוקט וואָס איך האָב וועגן איר קיין שום אידעע נישט?

פילאָנוס — וואָס שייך דײַן ערשטער פראַגע, גיב איך צו, אַז אייגנטלעך האָב איך נישט קיין שום אידעע וועגן גאָט אָדער וועלכן עס איז אַנדער גייסטיק וועזן; מחמת

זיי זענען אַקטיוו, קאָנען זיי דעריבער נישט רעפּרעזענטירט ווערן דורך זאַכן, וואָס זענען פולשטענדיק פּאַסיוו, אַזוי ווי דאָס זענען אונדזערע אידעען. פונדעסטוועגן ווייס איך, אַז איך, וואָס בין אַ גייסטיק וועזן, אָדער אַ דענקנדיקע סובסטאַנץ, עקזיסטיר. און איך בין פונקט אַזוי זיכער אין דעם וויסן פון מײַן אייגענער עקזיסטענץ, ווי איך בין זיכער אין דעם וויסן פון דער עקזיסטענץ פון מײַנע אידעען. ווײַטער ווייס איך, וואָס איך מיין מיט דעם טערמין איך און איך זעלבסט; און דאָס ווייס איך אוממיטלבאַר אָדער אינטואיטיוו, הגם איך עמפּפינד זיי נישט אויף דעם זעלביקן אופן, ווי איך עמפּפינד אַ דרײַעק, אַ קאָליר אָדער אַ קלאַנג. געדאַנק, גייסט אָדער נשמה איז דער אומטײלבאַרער, נישט־אויסגעשפּרייטער עפּעס, וואָס דענקט, האַנדלט און עמפּפינדט. איך זאָג אומטײַלבאַר מחמת איך זאָג נישט־אויסגעשפּרייט; און איך זאָג נישט־אויסגעשפּרייט, מחמת זאַכן, וואָס זענען אויסגעשפּרייט, באַוועגלעך און האָבן פיגור, זענען אידעען; און דאָס, וואָס עמפּפינדט אידעען, וואָס דענקט און האָט אַ ווילן, איז דאָך אַליין נישט קיין אידעע אָדער ענלעך צו אַן אידעע. אידעען זענען זאַכן, וואָס זענען נישט טעטיק און ווערן עמפּפונדן. און גייסטיקע וועזנס זענען אַ מין וועזנס, וואָס זענען אין גאַנצן אַנדערש פון זיי. דעריבער זאָג איך נישט, אַז מײַן נשמה איז אַן אידעע אָדער ענלעך צו אַן אידעע. דאָך, ווען מען געברויכט דאָס וואָרט אידעע אין אַ ברייטערן זין, קאָן מען זאָגן, אַז מײַן נשמה גיט מיר אַן אידעע, ד״ה, אַ פאָרשטעלונג אָדער עפּעס, וואָס איז ענלעך צו גאָט,

הגם אין אַ זייער נישט גענוגנדער מאָס. מחמת דער גאַנצער באַגריף וועגן גאָט, וואָס איך פאַרמאָג, נעמט זיך פון נאָכ־טראַכטן וועגן מײַן אייגענער נשמה, איך פאַרגרעסער אירע כּחות און באַזײַטיק אירע חסרונות. דעריבער, הגם איך האָב נישט קיין פּאַסיווע אידעע וועגן גאָט, האָב איך דאָך אין זיך אַ געוויסן מין אַקטיוו־דענקנדיקע פאַרשטעלונג פון דער געטלעכקייט. און הגם איך עמפּינד אים נישט דורך די חושים, האָב איך פונדעסטוועגן אַ השגה וועגן אים, ד״ה, איך ווייס אים דורך דעם פאַרשטאַנד און דורך דעם באַטראַכטן מײַנע אייגענע כּחות. וועגן מײַן אייגענעם גע־דאַנק און וועגן מײַנע אייגענע אידעען האָב איך אַן אומ־מיטלבאַר וויסן, און מיט זייער הילף קאָן איך אויפפאַסן מיטלבאַר די מעגלעכע עקזיסטענץ פון אַנדערע גייסטיקע וועזנס און אידעען. ווײַטער: פון מײַן אייגענעם זײַן און פון דעם, וואָס איך געפין, אַז איך און מײַנע אידעען זענען אָפּהענגיק, איז דער שכל מחייב דעם שלוס, אַז גאָט עק־זיסטירט און אַז אַלע באַשאַפענע וועזנס זענען אין גאָטס געדאַנק. אָט דאָס איז מײַן ענטפער אויף דײַן ערשטער שאלה. וואָס שייך דער צווייטער, רעכן איך, אַז דו קאָנסט זי שוין איצט אַליין פאַרענטפערן. וואָרעם וואָס שייך מאַ־טעריע, איז נישט דו עמפּינדסט זי אָביעקטיוו, ווי דו עמ־פינדסט אַ נישט אַקטיוו וועזן אָדער אידעע; נישט דו קענסט זי אויף דעם אופן, ווי דו קענסט זיך זעלבסט, ד״ה, דורך נאָכטראַכטן וועגן דײַנע אייגענע אַקטיוויטעטן; דו קאָנסט זי אויך נישט באַגרייפן מיטלבאַר דורך אַ פאַרגלײַך צו איינעם פון די צוויי אופנים פון דערקענטעניש, און דו

קאָנסט זי אויך נישט אַרויסדרינגען דורך אַ געדאַנקלעכן פּראָצעס פון דעם, וואָס דו ווייסט אוממיטלבאַר. צוליב די אַלע טעמים איז דער ענין מאַטעריע אין גאַנצן אַנדערש פון דעם ענין געטלעכקייט.

הײלאַס — דו זאָגסט, אַז דײַן אײגענע נשמה גיט דיר אַ געוויסן מין אידעע אָדער פאָרשטעלונג פון גאָט. אָבער אין דער זעלביקער צײַט ביסטו מודה, אַז אין געהעריקן זין פון וואָרט האָסטו נישט קיין אידעע פון דײַן אייגענער נשמה. דו באַשטעטיקסט אַפילו, אַז גײַסטיקע וועזנס זענען אַ מין וועזנס, וואָס זענען אין גאַנצן אַנדערש פון אידעען. דערפון איז געדרונגען, אַז קיין אידעע קאָן נישט זײַן ענלעך צו אַ גײַסטיק וועזן. דעריבער האָבן מיר נישט קיין אידעע פון קיין גײַסטיק וועזן. דו ביסט פונדעסטוועגן מודה, אַז עס איז פאַראַן אַ גײַסטיקע סובסטאַנץ, אַפילו ווען דו האָסט פון איר קיין אידעע נישט, און דאָך לייקנסטו, אַז עס קאָן זײַן אַזאַ זאַך ווי מאַטעריעלע סובסטאַנץ, מחמת דו האָסט וועגן איר נישט קיין באַגריף אָדער אידעע. איז דאָס אויסגעהאַלטן? כּדי דו זאָלסט זײַן קאָנסעקווענט, מוזטו אָדער צוגעבן די מעגלעכקייט פון מאַטעריע אָדער לייקענען די מעגלעכקייט פון גײַסט. וואָס זאָגסטו צו דעם?

פילאָנוס — ערשטנס וויל איך פעסטשטעלן, אַז איך לייקן אין דער עקזיסטענץ פון מאַטעריעלער סובסטאַנץ נישט דערפאַר, ווײַל איך האָב וועגן איר קיין באַגריף נישט, נאָר דערפאַר, וואָס דער באַגריף וועגן איר איז נישט אויסגעהאַלטן; אָדער, מיט אַנדערע ווערטער, ווײַל

עס איז אַ אינערלעכע סתירה, עס זאָל איבערהויפּט זײַן אַ באַגריף וועגן איר. אַזוי ווײַט ווי מײַן וויסן גייט איז מעגלעך, אַז אַ סך זאַכן זאָלן עקזיסטירן, וואָס נישט איך און נישט קיין אַנדערער מענטש זאָלן קאָנען האָבן אַ וועלכן עס איז באַגריף אָדער אידעע וועגן זיי. אָבער די דאָזיקע זאַכן מוזן זײַן מעגלעך, ד"ה, זייער דעפיניציע טאָר נישט אַנטהאַלטן קיין ווידערשפּרוך. צווייטנס וויל איך פעסטשטעלן, אַז הגם מיר גלויבן דאָס זאַכן, וואָס מיר קאָנען נישט עמפינדן, עקזיסטירן, פונדעסטוועגן דאַרפן מיר נישט גלויבן אין דער עקזיסטענץ פון אַ געוויסער זאַך, סײַדן מיר האָבן אַ גרונט צו גלויבן אין דעם; איך האָב אָבער נישט קיין סיבה צו גלויבן אין דער עקזיסטענץ פון מאַטעריע. איך האָב נישט וועגן איר קיין אוממיטלבאַרע דערקענטעניש; פון מײַנע עמפינדונגען, אידעען, באַגריפן, האַנדלונגען אָדער לײַדנשאַפטן קאָן איך נישט אוממיטלבאַר אַרויסדרינגען אַ נישט-דענקנדיקע, אַ נישט-עמפינדנדיקע, פּאַסיווע סובסטאַנץ-נישט ווי אַ מעגלעכע דעדוקציע און נישט ווי אַ נויטווענדיקן שלוס. דאַקעגן, וואָס שייך דער עקזיסטענץ פון מײַן זעלבסט, ד"ה, מײַן אייגענע נשמה, מײַן גדאַנק, אָדער דער דענקנדיקער פּרינציפּ אין מיר, דאָס ווייס איך קלאָר דורך באַטראַכטן מײַנע אייגענע כּחות. דו וועסט מיר אַנטשולדיקן, וואָס איך חזר איבער דעם זעלביקן ענטפער אויף די זעלביקע אָפּווענדונגען. אין דעם עצם באַגריף אָדער דעפיניציע פון מאַטעריעלער סובסטאַנץ איז פאַראַן אַן אָפּענער ווידערשפּרוך און אַ נישט-אויסגעהאַלטנקייט. דאָס קאָן אָבער נישט געזאָגט ווערן וועגן דעם באַגריף גײַסט. אַז

אידעען זאָלן עקזיסטירן אין עפּעס, וואָס עמפּינדט נישט, אָדער אַז זיי זאָלן פּראָדוצירט ווערן דורך עפּעס, וואָס טוט גאָרנישט, איז אַ ווידערשפּרוך. עס איז אָבער נישט קיין ווידערשפּרוך ווען מען זאָגט, אַז אַ זאַך, וואָס עמפּינדט, איז דער טרעגער פון אידעען, אָדער אַ זאַך, וואָס איז אַקטיוו, איז זייער סיבה. איך בין מודה, אַז מיר האָבן נישט קיין אומטיטלבאַרן באַוויַיז און אויך נישט קיין שכלדיקן באַוויַיז פאַר דער עקזיסטענץ פון אַנדערע באַגרענעצטע גײַסטיקע וועזנס; פונדעסטוועגן איז פון דעם נישט געדרונגען, אַז אַזעלכע גײַסטיקע וועזנס געהערן צו דער זעלביקער קאַטעגאָריע, ווי מאַטעריעלע סובסטאַנצן. מחמת אָננעמען די עקזיסטענץ פון מאַטעריע איז אַ ווידערשפּרוך אין זיך גופא, און דאָס איז נישט דער פאַל מיט גײַסטיקע וועזנס. בעת מאַטעריע קאָן מען פאַר קיין פאַל נישט אַרויסדרינגען על פּי שכל, איז פאַר גײַסטיקע וועזנס יאָ פאַראַן אַזאַ מעגלעכקייט. אויב מיר זעען סימנים און רעזולטאַטן, וואָס ווײַזן דײַטלעך אָן אויף דער עקזיסטענץ פון באַגרענעצטע כּחות, ווי מיר זענען, האָבן מיר נישט קיין שום סימן אָדער אָנדײַטונג, וואָס זאָל אונדז פירן צו אַ שכלדיקן גלויבן אין מאַטעריע. צום שלוס וויל איך זאָגן, אַז איך האָב אַ השגה וועגן אַ גײַסטיק וועזן, הגם אין שטרענגן זין פון וואָרט האָב איך וועגן אים קיין אידעע נישט. איך עמפּינד אים נישט ווי אַן אידעע אָדער דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ אידעע, איך קען אים אָבער דורך באַטראַכטן מײַנע אייגענע כּחות.

הילאַס — נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דו האָסט

דאָ געזאָגט, ווײַזט זיך מיר אויס, אַז אין הסכּם מיט דײַן אייגענעם אָרט דענקען, און אַלס פּועל־יוצא פון דײַנע איי־גענע גרונט־הנחות, דאַרף מען צזיען דעם שלוס, אַז דו ביסט בלויז אַ סיסטעם פון שוועבנדיקע אידעען, אָן וועל־כער עס איז סובסטאַנץ, וואָס זאָל זיי אויפהאַלטן. ווערטער טאָרן נישט גענוצט ווערן אָן אַ באַדײַטונג. און אַזוי ווי ספּיריטועלע סובסטאַנץ האָט אין זיך נישט מער באַדײַטונג, ווי מאַטעריעלע סובסטאַנץ, מוז מען פאַרוואַרפן איינע אַזוי גוט, ווי די אַנדערע.

פילאָנוס — ווי אָפט דאַרף איך איבערחזרן, אַז איך ווייס וועגן מײַן אייגענער עקזיסטענץ אָדער איך האָב דעם באַוווסטזײַן פון איר און אַז איך זעלבסט בין נישט מײַנע אידעען, נאָר עפּעס אַנדערש: אַ דענקנדיקער, אַקטי־ווער פּרינציפּ, וואָס עמפּינדט, ווייסט, האָט אַ ווילן און אָפּערירט מיט אידעען. איך ווייס, אַז איך, איינער און דער זעלביקער זעלבסט, עמפּינד בײדע: אי קאָלירן, אי קלאַנ־גען, און אַז קאָלירן קאָנען נישט עמפּינדן קלאַנגען און קלאַנגען קאָנען נישט עמפּינדן קאָלירן; דערפון איז געדרונ־גען, אַז איך בין אַ אינדיווידועלער פּרינציפּ, וואָס איז אַנ־דערש פון קאָלירן און קלאַנגען, און איבער דעם זעלביקן טעם אַנדערש פון אַלע אַנדערע חושימדיקע זאַכן און פּאַ־סיווע אידעען. אָבער איך האָב נישט דעם באַוווסטזײַן, אויפן זעלביקן אופן, פון דער עקזיסטענץ אָדער דעם מהות פון מאַטעריע. אין קעגנטייל, איך ווייס, אַז קיין שום זאַך, וואָס אַנטהאַלט אַ ווידערשפּרוך אין זיך גופא, קאָן נישט עקזיסטירן, און אַז די עקזיסטענץ פון מאַטעריע אַנטהאַלט

אין זיך אַ ווידערשפּרוך. חוץ דעם ווייס איך וואָס איך מיין, ווען איך זאָג, אַז עס איז פאַראַן אַ גײַסטיקע סובסטאַנץ אָדער אַן עפּעס, וואָס טראָגט אידעען, דאָס מיינט, אַז אַ גײַסטיק וועזן ווייסט און עמפּפינדט אידעען. איך ווייס אָבער נישט, וואָס דאָס מיינט, ווען מען זאָגט, אַז אַ נישט־עמ־פּינדנדיקע סובסטאַנץ אַנטהאַלט אין זיך גופא און טראָגט אידעען אָדער אורטיפּן פון אידעען. דעריבער, ווען מען נעמט די זאַך אַלס גאַנצעס, איז דער פּאַל גײַסטיקע סוב־סטאַנץ אין גאַנצן אַנדערש פון מאַטעריע.

הײלאַס — איך בין מודה, אַז אין דאָזיקן פּונקט האָסטו מיך איבערצײַגט. צי גלייבסטו אָבער באמת, אַז דיווירקלעכע עקזיסטענץ פון חושימדיקע זאַכן באַשטייט אין זייער אַקטועלן עמפּפונדן ווערן? אויב אַזוי, ווי קומט דאָס, וואָס אַלע מענטשן מאַכן אַ נפקא־מינה צווישן זיי ביידע? פרעג דעם ערשטן מענטשן, וואָס דו וועסט אַנטרעפן, און ער וועט דיר זאָגן, אַז עמפּפונדן ווערן איז איין זאַך און עקזיסטירן איז אַן אַנדערע זאַך.

פילאָנוס — וואָס שייך דעם אמת פון מײַנע אַנ־שויאונגען, הײלאַס, בין איך גרייט זיך צו פאַרלאָזן אויפן שכל הישר פון פּשוטע מענטשן. פרעג דעם גערטנער, פאַר־וואָס ער גלויבט, אַז יענער קאַרשן־בוים עקזיסטירט אין גאָרטן, און ער וועט דיר ענטפערן, מחמת ער זעט און באַרירט אים; קורץ, מחמת ער עמפּפינדט אים דורך זײַנע חושים. פרעג אים, פאַרוואָס ער גלויבט, אַז קיין אָראַנזש־בוים איז דאָרט נישט פאַראַן, און ער וועט דיר ענטפערן, מחמת ער עמפּפינדט אים נישט. דאָס, וואָס ער עמפּפינדט

מיט די חושים, באַצייכנט ער אַלס ווירקלעכע זאַך און זאָגט, אַז עס איז, ד״ה, אַז עס עקזיסטירט; אָבער דאָס, וואָס איז נישט עמפּינדבאַר, דאָס, זאָגט ער, האָט נישט קיין עקזיסטענץ.

הײלאַס — יאָ, פילאָנוס, איך גיב צו, אַז די עקזיס־טענץ פון חושימדיקע זאַכן באַשטייט אין דעם, וואָס זיי זענען עמפּינדבאַר, אָבער נישט אין זייער אַקטועלן עמ־פונדן ווערן.

פילאָנוס – און וואָס איז דען עמפּינדבאַר אויסער אַן אידעע? און צי קאָן אַן אידעע עקזיסטירן, סײַדן זי ווערט אַקטועל עמפּונדן? דאָס זענען דאָך פראַגן, וועגן וועלכע מיר האָבן זיך שוין לאַנג געאייניקט.

הײלאַס – אָבער ווי אמתדיק דײַן מיינונג זאָל נישט זײַן, דאָך וועסטו זיכער נישט לייקענען, אַז זי פאַרמאָגט עפּעס אַזוינס, וואָס שאָקירט און געפינט זיך אין סתירה צום פּשוטן מענטשלעכן פאַרשטאַנד. פרעג וועלכן מענטשן דו ווילסט, צי יענער בוים דאָרט עקזיסטירט מחוץ זײַן געדאַנק, וועסטו הערן וואָס פאַר אַן ענטפער ער וועט דיר געבן.

פילאָנוס – דעם זעלבן, וואָס איך וואָלט געוועזן געגעבן, נעמלעך, אַז ער עקזיסטירט מחוץ זײַן געדאַנק. אַ גוטער קריסט וועט אָבער זיכער נישט ווערן אויפגעצי־טערט, ווען מען וועט אים זאָגן, אַז דער ווירקלעכער בוים, וואָס עקזיסטירט אומאָפּהענגיק פון זײַן געדאַנק, איז באמת באַוווסט צו, און ווערט באַגריפן פון (ד״ה, ער עקזיס־טירט אין) דעם אומענדלעכן געדאַנק פון גאָט. עס איז

מעגלעך, אַז אויף דעם ערשטן בליק וועט ער נישט וויסן וועגן דעם דירעקטן און אוממיטלבאַרן באַוויַז, וואָס איז פאַראַן דערפאַר, נעמלעך, אַז די סאַמע עקזיסטענץ פון אַ בוים, אָדער פון וועלכער עס איז אַנדערער חושימדיקער זאַך, איז מחייב די סברה, אַז עס איז פאַראַן אַ געדאַנק, ווו זיי געפינען זיך. אָבער די באַהויפּטונג גופא קאָן ער נישט באַשטרייטן. דער שטרייטפונקט צווישן די מאַטעריאַליסטן און מיר באַשטייט נישט אין דעם, צי זאַכן האָבן אַ ווירק־לעכע עקזיסטענץ מחוץ דעם געדאַנק פון דעם אָדער יע־נעם מענטשן, נאָר אין דעם, צי זיי האָבן אַן אַבסאָלו־טע עקזיסטענץ, וואָס איז אַנדערש פון זייער עמפונדן ווערן פון גאָט און איז מחוץ פון יעדן געדאַנק. מאַנכע געצנדינער און פילאָזאָפן האָבן טאַקע אַזוי באַהויפּטעט, אָבער יעדער איינער, וואָס זיַן באַגריף וועגן גאָט איז אין הסכם מיט די הייליקע שריפטן, וועט האָבן אַן אַנדער מיינונג וועגן דעם.

הײלאַס — אָבער וואָס איז, לויט דיַין שיטה נאָך, די נפקא־מינה צווישן ווירקלעכע זאַכן און פוסטע פאַנ־טאַזיעס פון כוח־הדמיון אָדער חלומות, וואָס געפינען זיך דאָך אַלע גליַיך אין געדאַנק?

פילאָנוס - די אידעען, וואָס ווערן פאַרמירט דורך דעם כוח־הדמיון, זענען בלאַס און אומבאַשטימט; הוץ דעם זענען זיי אין גאַנצן אָפּהענגיק פון ווילן. אָבער די אידעען, וואָס ווערן עמפונדן דורך די חושים, ד״ה, ווירקלעכע זאַכן, זענען לעבעדיקער און קלאָרער; און היות זיי ווערן איַינגעקריצט אין דעם געדאַנק דורך אַ גיַיס־

טיק ווענן, וואָס איז אַנדערש פון אונדז, זענען זיי נישט אויף אַן ענלעכן אופן אָפּהענגיק פון אונדזער ווילן. עס איז דעריבער נישטאָ קיין געפאַר, מען זאָל זיי פאַרבײַטן מיט די פריערדיקע; און עס איז פאַראַן פונקט אַזוי ווייניק געפאַר, מען זאָל זיי פאַרבײַטן מיט זעונגען פון אַ חלום, וועלכע זענען טונקל, נישט רעגלמעסיק און פאַרפּלאָנטערט. און הגם עס דאַכט זיך אָפּטמאָל, אַז זיי קומען אַרויס לעבעדיק און נאַטירלעך, דאָך, צוליב דעם, וואָס זיי זענען נישט פאַרבונדן און ווערן נישט אַ טייל פון אונדזערע האַנדלונגען, וואָס קומען פריער און נאָך דעם חלום, קאָנען מיר זיי לײַכט אונטערשיידן פון ווירקלעכקייטן. קורץ, עס איז קלאָר, אַז יעדער מעטאָד, וואָס דו וועסט אָנווענדן, כּדי צו אונטערשיידן זאַכן פון פּוסטע פאַנטאַזיעס לויט דײַן שיטה נאָך, וועט אויך זײַן גילטיק לויט מײַן שיטה נאָך, מחמת איך נעם אָן, אַז דו וועסט זיך מוזן באַנוצן מיט אַזאַ אונטערשייד, וואָס קאָן עמפּפונדן ווערן, און איך נעם בײַ דיר נישט אַוועק קיין זאַך, וואָס דו קאָנסט עמפּפינדן.

ה י ל אַ ס — אָבער נאָך אַלעמען, פילאָנוס, האַלטסטו דאָך, אַז אין דער וועלט איז נישטאָ קיין אַנדער זאַך, חוץ גײַסטיקע וועזנס און אידעען. און דו מוזט דאָך צוגעבן, אַז דאָס קלינגט זייער משונהדיק.

פ י ל אָ נ ו ס — איך בין מודה, אַז דאָס וואָרט אידעע, מחמת עס ווערט געוויינלעך נישט באַנוצט צו באַצייכענען ז אַ ך, קלינגט אַביסל מאָדנע. איך באַנוץ זיך אָבער מיטן דאָזיקן אויסדרוק דערפאַר, מחמת דער דאָזי־

קער טערמין אַנטהאַלט אין זיך אַ נויטווענדיקע שייכות צום געדאַנק; איצט ווערט ער געוויינלעך באַנוצט פון פילאָ־זאָפן צו באַצייכענען די אוממיטלבאַרע אָביעקטן פון דעם פאַרשטאַנד. אָבער ווי מאָדנע די באַהויפּטונג זאָל נישט קלינגען, אויסגעדריקט אין ווערטער, דאָך אַנטהאַלט זי נישט אין איר באַדײַטונג עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל זײַן אַזוי שטאַרק פרעמד און שאָקירנדיק, ווײַל אין תּוך גענומען וויל זי בלויז זאָגן, אַז עס זענען פאַראַן זאַכן, וואָס עמ־פינדן, און זאַכן, וואָס ווערן עמפּפונדן; אָדער, אַז יעדעס נישט דענקנדיק וועזן מוז, אַלס פּועל־יוצא פון דער עצם נאַטור פון זײַן עקזיסטענץ, עמפּפונדן ווערן פון וועלכן עס איז געדאַנק; אויב נישט פון אַ ענדלעכן, באַשאַפענעם געדאַנק, איז זיכער פון דעם אומענדלעכן געדאַנק פון גאָט, אין וועלכן „מיר לעבן, באַוועגן זיך און האָבן אונ־דזער עקזיסטענץ". צי קלינגט דאָס נישט ווייניקער מאָד־גע ווי די באַהויפּטונג, אַז חושימדיקע קוואַליטעטן געפי־נען זיך נישט אויף די אָביעקטן, אָדער, אַז מיר קאָנען נישט זײַן זיכער אין דער עקזיסטענץ פון זאַכן, אָדער, אַז מיר ווייסן גאָרנישט וועגן זייערווירקלעכער נאַטור — הגם מיר זעען, באַרירן און עמפּפינדן זיי מיט אַלע אונדזערע חושים?

הײלאַס — צי מוזן מיר פון דעם נישט דרינגען, אַז עס זענען נישט פאַראַן אַזעלכע זאַכן ווי פיזישע און קערפּערלעכע אורזאַכן; אַז בלויז אַ גײַסטיק וועזן איז די אוממיטלבאַרע אורזאַך פון אַלע דערשײַנונגען אין דער נאַטור? צי קאָן דען זײַן אַ גרעסערער אומזין פון דעם?

פילאָנוס — יאָ, עס קאָן. עס איז אַן אומענדלעך

גרעסערער אומזין צו זאָגן, אַז אַ זאַך, וואָס איז טויט, ווירקט אויפֿן געדאַנק, און אַז דאָס, וואָס קאָן נישט עמ־פינדן, איז די אורזאַך פֿון אונדזערע עמפּפינדונגען, נישט רעכענענדיק זיך מיט אויסגעהאַלטנקייט און נישט נעמענ־דיק אין אַכט די אַלט־באַקאַנטע אַקסיאָמע, אַז קיין זאַך קאָן נישט געבן דער צווייטער דאָס, וואָס זי באַזיצט נישט אַליין. חוץ דעם, דאָס, וואָס וויזט זיך דיר אויס צו זײַן אַזאַ אומזין – איבער וועלכן טעם ווייס איך נישט, – איז נישט עפּעס אַנדערש ווי דאָס, וואָס ווערט באַהויפּטעט אין די הייליקע שריפֿטן אין הונדערט שטעלן. דאָרט ווערט גאָט פֿאָרגעשטעלט אַלס דער איינ־ציקער און אוממיטלבאַרער שעפֿער פֿון אַלע די פּאַסירונ־גען, וועלכע מאַנכע געצנדינער און פֿילאָזאָפֿן זענען גע־נייגט זיי צוצושרײַבן דער נאַטור, מאַטעריע, דעם שיקזאַל אָדער אַן ענלעכן נישט־דענקנדיקן פּרינציפּ. דאָס איז אויך אַזוי וויט די געוויינלעכע שפּראַך פֿון די הייליקע שריפֿטן, אַז עס זענען נישט נויטיק קיין ציטאַטן דאָס צו באַשטע־טיקן.

הײלאַס – דו ווייסט מסתּמא נישט, פֿילאָנוס, אַז מיט דעם, וואָס דו מאַכסט גאָט פֿאַר דעם אוממיטלבאַרן באַשאַפֿער פֿון אַלע באַוועגונגען אין דער נאַטור, מאַכסטו אים דערמיט פֿאַר דעם באַשאַפֿער פֿון מאָרד, גאָטלעסטע־רונג, זנות און ענלעכע שרעקלעכע זינד.

פֿילאָנוס — כּדי דאָס צו פֿאַרענטפֿערן, וויל איך ערשטנס באַמערקן, אַז וואָס שייך דאָס וואַרפֿן אויף עמעצן די שולד, איז קיין נפֿקא־מינה נישט צי איינער באַגייט אַן

עבירה מיט אָדער אָן אַן אינסטרומענט. דעריבער, אויב דו נעמסט אָן, אַז גאָט ווירקט דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ אינסטרומענט אָדער געלעגנהייט, וואָס מען רופט מאַ־טעריע, מאַכסטו אים פּונקט אַזוי פאַר דעם באַשאַפער פון זינד, ווי איך, וואָס האַלט, אַז גאָט איז דער אוממיטל־באַרער כּוח אין אַלע פאַסירונגען, וועלכע ווערן געוויינלעך צוגעשריבן דער נאַטור. איך וויל ווײַטער באַמערקן, אַז זינד אין מאָראַלישע פאַרדאָרבנקייט באַשטייט נישט אין אויסערלעכער פיזישער אַקטיוויטעט אָדער באַוועגונג, נאָר דאָס איז דעם ווילנס אינערלעכער אָפּנויג פון די געזעצן פון פאַרנונפט און רעליגיע. עס איז קלאָר, אַז הרגענען דעם שונא אין מלחמה אָדער דאָס טויטן אַ פאַרברעכער דורך דעם געזעץ, איז נישט פאַררעכנט פאַר אַ זינד, הגם דער אויסערלעכער אַקט איז פּונקט דער זעלביקער, ווי אין פאַל פון מאָרד. און אַזוי ווי זינד באַשטייט נישט אין דער פיזישער אַקטיוויטעט, איז דעריבער, ווען מיר מאַכן גאָט פאַר דער אוממיטלבאַרער אורזאַך פון אַזעלכע אַקטיווי־טעטן, מאַכן מיר אים נישט דערמיט פאַר דעם באַשאַפער פון זינד. און צום סוף וויל איך באַמערקן, אַז איך האָב קיינמאָל נישט געזאָגט, דאָס גאָט איז דער איינציקער כּוח, וואָס פּראָדוצירט אַלע באַוועגונגען אין קערפּערס. עס איז אמת, אַז איך האָב געלייקנט די עקזיסטענץ פון וועלכע עס איז אַנדערע כּחות, אַ חוץ גײַסטיקע וועזנס; דאָס איז אָבער דורכאויס אין הסכּם מיט דער אָנשויונג, אַז גײַס־טיק שכלדיקע וועזנס קאָנען פּראָדוצירן באַוועגונגען און באַנוצן זייערע כּחות אין אַ באַגרענעצטער מאָס; אמת, די

דאָזיקע כּחות באַקומען זיי טאַקע, סוף־כּל־סוף, פון גאָט, אָבער דירעקט זענען זיי אונטערגעוואָרפן זייער אייגענעם ווילן, און דאָס איז געווג, זיי זאָלן זײַן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייערע זינדיקע מעשים.

היילאַס – פילאָנוס, דער הויפּטפּונקט פון דײַן אָנשויונג ליגט אין דײַן אָפּלייקענען מאַטעריע אָדער קערפּערלעכע סובסטאַנץ. און קיינמאָל וועסטו מיך נישט איבערצײַגן, אַז דאָס איז נישט אין ווידערשפּרוך צו דער אוניווערסאַל־אָנגענומענער מיינונג פון דער מענטשהייט. וואָלט אונדזער ויכּוח באַדאַרפט אַנטשיידן ווערן דורך אַ מערהייט פון שטימען, בין איך זיכער, אַז דו וואָלסט דעם דאָזיקן פּונקט אויפגעגעבן נאָך איידער דו וואָלסט זיי געציילט.

פילאָנוס — איך וואָלט געוואָלט, אַז אונדזערע ביידנס מיינונגען זאָלן פּינקטלעך פאָרמולירט ווערן און אַז מען זאָל דאָס איבערלאָזן פאַרן אורטייל פון מענטשן, וואָס פאַרמאָגן אַ פּשוטן, גלײַכן שכל, אָן די פאָראורטיילן פון העכערער בילדונג. זאָל מען מיך פאָרשטעלן אַלס דעם יעניקן, וואָס געטרויט זײַנע חושים און דענקט, אַז ער ווייסט די זאַכן וואָס ער זעט און באַרירט, און וואָס האָט נישט קיין ספקות וועגן זייער עקזיסטענץ; און דו זאָלסט פּינקטלעך פאָרמולירן אַלע דײַנע ספקות, פּאַראַדאָקסן און דײַן גאַנצן סקעפּטיציזם, — דאַן וועל איך גערן אָננעמען די אַנטשיידונג פון וועלכן עס איז אומפּאַרטייאישן מענטשן. אַז עס איז נישט פאַראַן קיין סובסטאַנץ, אויסער אַ גײַסטיק וועזן, ווו אידעען זאָלן קאָנען עקזיסטירן, דאָס איז

פאַר מיר קלאָר; און אַז די אָביעקטן, וועלכע ווערן אומ־מיטלבאַר עמפּונדן, זענען אידעען, דערין זענען אַלע מודה. און אַז חושימדיקע קוואַליטעטן זענען אָביעקטן, וואָס ווערן אוממיטלבאַר עמפּונדן, דאָס קאָן אויך קיינער נישט לייקענען. דעריבער איז פון דעם קלאָר געדרונגען, אַז עס קאָן נישט זײַן קיין סובסטראַטום פאַר די דאָזיקע קוואַליטעטן, אויסער אַ גײַסטיק וועזן אין וועלכן זיי עקזיסטירן, נישט אויף דעם אופן פון אַ מאָדוס אָדער אייגנשאַפט, נאָר ווי אַ זאַך, וואָס ווערט עמפּונדן דורך דעם, וואָס עמפּינדט זי. איך לייקן, דעריבער, אַז עס איז פאַראַן אַ וועלכער עס איז נישט־דענקנדיקער סובסטראַטום פאַר חושימדיקע אָביעקטן, און אין דעם זין לייקן איך די עקזיסטענץ פון יעדער מאַטעריעלער סובסטאַנץ. און אויב אונטער מאַטעריעלע סובסטאַנץ ווערט פאַרשטאַנען בלויז חושימדיקער קערפּער — דאָס, וואָס ווערט געזען און באַרירט (און איך דערוועג זיך צו זאָגן, אַז דער טייל פון דער מענטשהייט, וואָס איז נישט פילאָזאָפיש געביל־דעט, מיינט מיט דעם נישט עפּעס אַנדערש), — בין איך דאָן מער זיכער אין דער עקזיסטענץ פון מאַטעריע, ווי די אָדער וועלכער עס איז אַנדערער פילאָזאָף, וואָס פּרעטענ־דירט דערין צו גלייבן. אויב די מיינונג, וואָס איך פאַר־טרעט, פאַרמאָגט אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס שטויסט אָפּ מענטשן פון איר, נעמט עס זיך פון דער מיספאַרשטענ־דעניש, אַז איך לייקן די ווירקלעכקייט פון חושימדיקע זאַכן. אָבער אַזוי ווי אין אמתן איז דאָך שולדיק דערין די און נישט איך, איז במילא געדרונגען, אַז זיי ווײַכן אָפּ פון

דײַנע מיינונגען און נישט פון מײַנע. איך מאַך דעריבער די באַהויפּטונג, אַז איך בין פונקט אַזוי זיכער אין דער עקזיסטענץ פון קערפּערלעכע סובסטאַנצן (פאַרשטייענדיק דערבײַ די זאַכן, וועלכע איך עמפּינד דורך די חושים), ווי איך בין זיכער אין מײַן אייגענער עקזיסטענץ; און ווען מען איז מיט דעם מסכּים, וועלן ס׳רובֿ מענטשן מער נישט טראַכטן און אויך נישט האַלטן פאַר נויטיק זיך צו קימערן וועגן גורל פון יענע אומבאַוווּסטע נאַטורן און פילאָזאָפישע פּילפּולים, אין וועלכע טייל מענטשן זענען אַזוי פאַרנאַרט.

הײַלאַס – וואָס וועסטו זאָגן צו דעם: אַזוי ווי לויט דײַן שיטה נאָך אורטיילן מענטשן וועגן דער ווירקלעכקייט פון זאַכן לויט דער גבֿית־עדות פון זייערע חושים, טאָ ווי איז עס מעגלעך, אַז אַ מענטש זאָל האָבן אַ טעות ווען ער זאָגט, אַז די לבֿנה איז אַ גלאַט־לײַכטנדיקע פלאַך, וואָס איז אומגעפער צוועלף צאָל אין דיאַמעטער; אָדער אַז אַ פּירעקיקער טורעם, ווען ער ווערט געזען פון דער ווײַטנס, זאָל אויסזען קײַלעכדיק; אָדער אַז אַ רודער, מיט איין עק אין וואַסער, זאָל אויסזען איבערגעבראָכן?

פילאָנוס — וואָס שייך אידעען, וועלכע ווערן ווירקלעך עמפּונדן, אין דעם מאַכט ער קיין טעות נישט, — דער טעות ליגט אין די שלוסן, וועלכע ער דרינגט פון זײַנע איצטיקע עמפּינדונגען. לאָמיר נעמען דעם פאַל פון רודער; דאָס, וואָס דער מענטש עמפּינדט אוממיטלבאַר דורך דעם חוש־הראיה, איז זיכער איבערגעבראָכן, און אין

דעם איז ער גערעכט. אויב אָבער ער וועט פון דעם ציען דעם שלוס, אַז ווען ער וועט דעם רודער אַרויסנעמען פון וואַסער, וועט ער אויך דאַן עמפינדן די זעלביקע איבער־געבראָכנקייט, אָדער אַז זײַן באַריר־חוש וועט אַפעקטירט ווערן אויף דעם זעלביקן אופן, ווי ער ווערט אַפעקטירט פון אַ איבערגעבראָכענער זאַך, וועט ער האָבן אַ טעות. דעם זעלבן טעות וועט ער אויך מאַכן, ווען קוקנדיק אויף דער לבנה אָדער אַ טורעם פון אײַן אָרט, וועט ער פון דעם דרינגען, אַז ווען ער וועט זיך דערנענטערן צו זיי, וועט ער אַפעקטירט ווערן פון די זעלביקע אידעען פון וועלכע ער ווערט איצט אַפעקטירט. דאָס, וואָס ער עמ־פינדט איצט און אוממיטלבאַר, אין דעם איז קיין טעות נישט פאַראַן (עס איז דאָך אַ קלאָרער ווידערשפּרוך אָנצו־עמען, אַז אין דעם זאָל ער האָבן אַ טעות), נאָר דער טעות ליגט אין דעם פאַלשן אורטייל, וואָס ער מאַכט בנוגע די אידעען, וועלכע ער שטעלט זיך פאָר, אַז זיי זענען פאַר־בונדן מיט די אידעען, וועלכע ער עמפינדט אוממיטל־באַר; מיט אַנדערע ווערטער: אין פאַלשן אורטייל וועגן די אידעען, וועלכע ער שטעלט זיך פאָר, ווי אַזוי זיי וועלן עמפונדן ווערן אונטער אַנדערע באַדינגונגען — אויפן סמך פון די איצטיקע עמפינדונגען. דער פאַל איז דער זעלבי־קער בנוגע דער קאָפּערניקאַנישער סיסטעם. מיר עמפינדן דאָ נישט וועלכע עס איז באַוועגונג פון דער ערד; אָבער עס וואָלט געווען אַ טעות פון דעם צו שליסן, אַז אין פאַל ווען מיר וואָלטן זיך געפונען אויף דער זעלביקער ווײַט־קייט פון דער ערד, ווי מיר זענען איצט פון די אַנדערע

פלאַנעטן, וואָלטן מיר דאַן אויך נישט עמפּונדן איר באַ־וועגונג.

הײלאַס — איך פאַרשטײ דיך, און מוז אויך צו־געבן, אַז דאָס, וואָס דו זאָגסט, ליגט זיך גאַנץ גוט אויפן שכל. דערלויב מיר אָבער דיך צו דערמאָנען וועגן איין פּונקט. כ'בעט דיך, פילאָנוס, צי ביסטו פריער נישט גע־ווען אַזוי זיכער, אַז מאַטעריע עקזיסטירט, ווי דו ביסט איצט זיכער, אַז זי עקזיסטירט נישט?

פילאָנוס — דאָס איז אמת. אָבער די נפקא־מינה ליגט אין דעם: פריער האָט מײַן זיכערקייט באַזירט אויף אַ פאָראורטייל, אָן וועלכער עס איז אונטערזוכונג; איצט אָבער איז מײַן זיכערקייט געקומען נאָך אַן אונטערזוכונג, וואָס איז באַזירט אויף באַווײַזן.

הײלאַס — נאָך אַלעמען ווײַזט אויס, אַז אונדזער ויכּוח איז מער וועגן ווערטער, ווי וועגן זאַכן. מיר שטימען אײַן וועגן דער זאַך, אָבער מיר גייען זיך פאַנאַנדער וועגן דעם נאָמען. אַז מיר ווערן אַפעקטירט פון דרויסן מיט אידעען, דאָס איז קלאָר; עס איז אויך נישט ווייניקער קלאָר, אַז עס מוזן זײַן (איך וועל זיי נישט אָנרופן אור־טיפּן, אָבער) כּחות, וואָס זענען אומאָפּהענגיק פון געדאַנק און זענען ענלעך צו די דאָזיקע אידעען. און אַזוי ווי די דאָזיקע כּחות קאָנען נישט עקזיסטירן פון זיך אַליין, מוזן מיר אָננעמען, אַז זיי האָבן אַ סובסטראַטום, וואָס האַלט זיי אויף; און וועלכן איך רוף אָן מאַטעריע און דו רופסט אָן גײַסטיק וועזן. דאָס איז די גאַנצע נפקא־מינה.

פילאָנוס — זאָג מיר, הײלאַס, איז דאָס דאָזיקע

מעבטיקע ווען אָדער סובסטראַטום פון כּחות אויסגע־שפּרייט?

הײלאַס — עס באַזיצט נישט קיין אויסגעשפּרייטקייט; עס האָט אָבער דעם כּוח צו דערוועקן אין דיר די אידעע פון אויסגעשפּרייטקייט.

פילאָנוס — הייסט עס, אַז אין זיך גופא איז עס נישט אויסגעשפּרייט?

הײלאַס — דאָס גיב איך צו.

פילאָנוס — איז עס אויך אַקטיוו?

הײלאַס — בלי ספק. אַנישט, ווי אַזוי קאָנען מיר עס צושרײַבן כּחות?

פילאָנוס — איצט לאָז מיר דיר שטעלן צוויי שאלות: ערשטנס, צי איז עס אין הסכּם מיט דער אַלגעמיינער פּראַקטיק פון פילאָזאָפן אָדער אַנדערע מענטשן, אָנצורופן מיטן נאָמען מאַטעריע עפּעס אַזוינס, וואָס איז אַ נישט־אויסגעשפּרייט, אַקטיוו ווען? צווייטנס, צי איז נישט לעכערלעך און אַבסורד צו נוצן נעמען להיפּוך צום אַלגע־מיינעם געברויך פון דער שפּראַך?

הײלאַס — נו גוט, זאָל מען עס נישט רופן מאַ־טעריע, אויב דו ווילסט דוקא אַזוי, נאָר לאָמיר דאָס באַצײַ־כענען אַלס אַ וועלכע עס איז דריטע נאַטור, וואָס איז אַנדערש פון מאַטעריע און גייסטיק ווען. צי איז דען פאַראַן אַ גרונט פאַרוואָס עס זאָל אָנגערופן ווערן גייסטיק ווען? אַנטהאַלט דען נישט דער באַגריף פון גייסטיק ווען דעם געדאַנק, אַז עס דענקט פּונקט אַזוי גוט ווי עס איז אַקטיוו און נישט־אויסגעשפּרייט?

פילאָנוס – דאָס איז מײַן טעם; מחמת מײַן מיינונג איז, אַז איך דאַרף האָבן עפּעס אַ באַגריף וועגן דער באַדײַטונג פון דעם, וואָס איך זאָג. איך האָב אָבער נישט קיין באַגריף וועגן וועלכער עס איז אַקטיוויטעט, וואָס איז אָפּגעטײלט פון דעם ווילנס־כּוח; איך קאָן אויך נישט באַגרײַפן, אַז דער ווילנס־כּוח זאָל זײַן ערגעץ אַנדערש, אַ חוץ אין אַ גײַסטיק וועזן; דעריבער, ווען איך רעד פון אַ אַקטיוו וועזן, בין איך געצוווּנגען צו מיינען אַ גײַסטיק וועזן. אויסער דעם, וואָס קאָן נאָך זײַן קלאָרער פון דעם, אַז אַ זאַך, וואָס אַנטהאַלט נישט קיין אידעען אין זיך גופא, קאָן זי זיי מיר נישט איבערגעבן; און אויב זי האָט אידעען, מוז זי זיכער זײַן אַ גײַסטיק וועזן. כּדי צו מאַכן דעם פּונקט נאָך קלאָרער פאַר דיר, אויב אַזאַ זאַך איז מעגלעך, בין איך אײן אײן דעה מיט דיר: אַז אַזוי ווי מיר ווערן אַפעקטירט פון דרויסן, מוזן מיר אָננעמען, אַז עס זענען פאַראַן דרויסנדיקע כּחות אין אַ וועזן, וואָס איז אַנדערש פון אונדז. אַזוי ווײַט שטימען מיר איין. אָבער מיר גייען זיך פאַנאַנדער וועגן דעם מין פון דאָזיקן מעכטיקן וועזן. איך וויל האָבן, אַז דאָס איז אַ גײַסטיק וועזן, און דו, אַז דאָס איז מאַטעריע, אָדער איך ווייס נישט וואָס פאַר (איך קאָן אויך צוגעבן, אַז דו ווייסט אויך נישט) אַ דריטע נאַטור. אַזוי אַרום באַווײַז איך, אַז עס איז אַ גײַסטיק וועזן. פון די ווירקונגען, וואָס איך זע, אַז זיי זענען פּראָדוצירט, דרינג איך, אַז עס זענען פאַראַן אַקטיוויטעטן; און מחמת עס זענען פאַראַן אַקטיוויטעטן, זענען פאַראַן ווילנס־כּחות; און מחמת עס זענען פאַראַן ווילנס־כּחות, מוז איך אָננעמען, אַז עס איז פאַראַן אַ ווילן. ווײַטער: די זאַכן, וועלכע

איך עמפּינד - זיי אָדער זייערע אורטיפּן — מוזן האָבן אַן עקזיסטענץ דרויסן פון מײַן געדאַנק. אָבער אַזוי ווי זיי זע־נען אידעען, קאָנען זיי אָדער זייערע אורטיפּן נישט עקזיס־טירן אויף קיין אַנדער אופן סײַדן אין אַ פאַרשטאַנד; דע־ריבער מוז איך אָננעמען, אַז עס איז פאַראַן אַ פאַרשטאַנד. אָבער ווילן און פאַרשטאַנד שטעלן צוזאַמען, אין שטרענגסטן זין, אַ געדאַנק אָדער גייסטיק וועזן. דעריבער איז די מעבטיקע אורזאַך פון מײַן אידעע, אין דעם שטרענגן געברויך פון שפּראַך, אַ גייסטיק וועזן.

הײלאַס - און איצט מיינסטו דאָך געוויס, אַז דו האָסט דעם פּונקט אין גאַנצן געמאַכט קלאָר, נישט באַ־מערקנדיק דערבײַ, אַז דאָס, וואָס דו שלאָגסט פאָר, פירט דירעקט צו אַ ווידערשפּרוך. צי איז דען נישט קיין אַבסורד זיך פאָרצושטעלן אַ וועלכע עס איז אומפּאַלקאָ־מענהייט אין גאָט?

פילאָנוס - בלי ספק.

הײלאַס - צי לײַדן פּײַן איז אַן אומפּאַלקאָמענ־הייט?

פילאָנוס - געוויס.

הײלאַס — ווערן מיר נישטטייל מאָל אַפעקטירט מיט פּײַן און אומבאַקוועמלעכקייט דורך אַ וועלכן ס'איז אַנדער וועזן?

פילאָנוס — יאָ.

הײלאַס - און צי האָסטו דען נישט געזאָגט, אַז דאָס דאָזיקע וועזן איז אַ גייסטיק וועזן, און צי איז נישט דאָס דאָזיקע גייסטיקע וועזן גאָט?

פילאָנוס — איך בין דאָס מודה.

הייל אַס — אָבער דו האָסט דאָך באַהויפּטעט, אַז וואָס פאַר אַ אידעען מיר זאָלן נישט עמפינדן פון דרויסן, זענען זיי אין דעם געדאַנק, וועלכער אַפעקטירט אונדז מיט זיי. די אידעען פון פּײַן און אומבאַקוועמלעכקייט זענען, דעריבער, פאַראַן אין גאָט. אָדער, אין אַנדערע ווערטער, גאָט לײַדט שמערץ, ד״ה, אַז עס איז פאַראַן אַן אומפאָלקאָמענ־הייט אין דער געטלעכער נאַטור, וואָס, לויט ווי דו האָסט אַליין צוגעגעבן, איז עס אַן אַבסורד. אַזוי אַרום פאַלסטו אַרײַן אין אַ בולטן ווידערשפּרוך.

פילאָנוס — אַז גאָט ווייסט און פאַרשטייט אַלע זאַכן, און אַז ער ווייסט, צווישן אַנדערע זאַכן, וואָס שמערץ איז, אַפילו יעדן מין שמערצהאַפטע עמפינדונג, און וואָס עס מיינט פאַר זײַנע באַשעפענישן צו לײַדן פּײַן, — וועגן דעם איז בײַ מיר קיין שאלה נישט. אָבער אַז גאָט, הגם ער ווייסט און פאַראורזאַכט טיילמאָל פּײַנלעכע עמפינדונ־גען אין אונדז, זאָל אַליין קאָנען לײַדן פּײַן, דאָס לייקן איך פּאָזיטיוו. מיר, וואָס זענען באַגרענעצטע און אָפּהענ־גיקע גייסטיקע וועזנס, זענען אויסגעזעצט צו אײַנדרוקן פון די חושים, וועלכע זענען פאָלגן פון אַ דרויסנדיקן כּוח, און די דאָזיקע אײַנדרוקן, פּראָדוצירט קעגן אונדזער ווילן, זע־נען טיילמאָל פּײַנלעך און אומבאַקוועם. אָבער גאָט, וועמען קיין דרויסנדיק וועזן קאָן נישט אַפעקטירן, וואָס עמפינדט קיין זאַך נישט דורך די חושים, ווי מיר טוען עס, וועמענס ווילן איז אַבסאָלוט און אומאָפּהענגיק, וואָס פאַראורזאַכט אַלע זאַכן און וואָס איז נישט אויסגעזעצט צו קיין קעג־

נערשאַפט אָדער ווידערשטאַנד, — אַזאַ ווען, איז דאָך קלאָר, קאָן אין גאַנצן נישט לײַדן, און קאָן אויך נישט אַפעקטירט ווערן מיט וועלכער עס איז פײַנלעכער עמפּינדונג, אָדער מיט וועלכער עס איז עמפּינדונג בכלל. מיר זענען צוגעשמידט צו אַ קערפּער, ד״ה, אונדזערע עמפּינדונגען זענען פאַרבונדן מיט קערפּערלעכע באַוועגונגען. דורך דעם געזעץ פון אונדזער נאַטור ווערן מיר אַפעקטירט בײַ יעדער פאַרענדערונג אין דער נערוון־סיסטעם פון אונדזער חושימדיקן קערפּער; דער חושימדיקער קערפּער, ווען מען באַטראַכט אים ריכטיק, איז נישט עפּעס אַנדערש ווי אַ צוזאַמענשטעל פון אַזעלכע קוואַליטעטן אָדער אידעען, וואָס האָבן נישט קיין עקזיסטענץ באַזונדער פון זייער עמפּפונדן ווערן דורך אַ גײַסט. אַזוי אַרום קומט אויס, אַז די דאָזיקע פאַרבינדונג פון עמפּינדונגען מיט קערפּערלעכע באַוועגונגען איז נישט עפּעס מער, ווי אַ צופּאַסונג אין דעם סדר פון דער נאַטור צווישן צוויי גרופּן אידעען אָדער זאַכן, וואָס זענען אוממיטלבאַר עמפּפינדבאַר. אָבער גאָט איז אַ ריין גײַסטיק וועזן, פרײַ פון אַלע אַזעלכע צוגעפּאַסטקייטן אָדער נאַטירלעכע צוגעבונדנקייטן. אין גאָטס גײַסט קומען נישט פאַר קיין שום קערפּערלעכע באַוועגונגען, באַגלייט פון עמפּינדונגען פון פּײַן אָדער פאַרגעניגן. צו וויסן אַלץ, וואָס איז דערקענבאַר, איז געוויס אַ פאָלקאָמענהייט; אָבער צו דולדן אָדער לײַדן אָדער פילן עפּעס דורך די חושים, איז אַן אומפאָלקאָמענהייט. דאָס ערשטע, זאָג איך, שטימט מיט גאָט, אָבער נישט דאָס לעצטע. גאָט ווייסט אָדער האָט אידעען: אָבער זײַנע אידעען קריגט ער נישט דורך די

חושים אַזוי ווי מיר. דאָך, וואָס דו מאַכסט נישט קיין אונ־טערשייד דאָרט, ווו עס איז פאַראַן אַזאַ קלאָרע נפקא־מינה, איז די סיבה פון דעם, וואָס דיר דאַכט זיך, אַז דו זעסט אַן אַבסורדיטעט דאָרט, ווו אַזאַ איז נישט פאַראַן.

הײלאַס — אָבער די גאַנצע צייט האָסטו נישט גע־נומען אין באַטראַכט, אַז עס איז באַוויזן געוואָרן, דאָס די קוואַנטיטעט פון מאַטעריע איז אין פּראָפּאָרץ צו דער שווערקראַפט פון קערפּער. און וואָס קאָן זיך קעגנשטעלן אַ באַווייז?

פילאָנוס — לאָמיר זען ווי אַזוי דו באַווייזט דעם דאָזיקן פּונקט.

הײלאַס — איך נעם אָן דעם פּרינציפּ, אַז די מאָ־מענטן אָדער קוואַנטיטעטן פון באַוועגונג (מאָמענטום) אין קערפּער זענען אין דירעקטער פּראָפּאָרץ צו דעם פּראָדוקט, וואָס באַקומט זיך דורך כּפלען די קוואַנטיטעט פון מאַ־טעריע (מאַסע) פון אַ באַוועגלעכן קערפּער אויף זיין גע־שווינדקייט (Velocity). דעריבער איז פון דעם געדרונגען, אַז ווען די געשווינדקייטן פון קערפּערס זענען גלייך, זע־נען די קוואַנטיטעטן פון באַוועגונג אין דירעקטער פּראָפּאָרץ צו דער קוואַנטיטעט פון מאַטעריע אין יעדן פון זיי. עס איז אָבער פעסטגעשטעלט געוואָרן דורך דערפאַרונג, אַז אַלע קערפּערס (אויסשליסנדיק די קליינע אומגלייכהייטן, וואָס זענען אַ פּועל־יוצא פון דעם לופט־ווידערשטאַנד) פאַלן מיט דער גלייכער געשווינדקייט; דעריבער איז די באַוועגונג פון פאַלנדיקע קערפּערס, און ממילא זייער שווער־קראַפט, וואָס איז די אורזאַך אָדער דער פּרינציפּ פון דער

דאַזיקער באַוועגונג, פּראָפּאָרציאָנעל צו דער קוואַנטיטעט פון מאַטעריע. אַזוי ווערט דער פּונקט באַוויזן.

פ י ל אָ נ ו ס — דו נעמסט אָן פאַר אַ זעלבסטפאַר־שטענדלעכן פּרינציפּ, אַז די קוואַנטיטעט פון באַוועגונג פון וועלכן עס איז קערפּער איז פּראָפּאָרציאָנעל צו דער גע־שווינדקייט געכּפּלט אויף דער קוואַנטיטעט פון מאַטעריע; און דאָס ווערט באַנוצט צו באַווײַזן די באַהויפּטונג, פון וועלכער עס ווערט אַרויסגעדרונגען די עקזיסטענץ פון מ אַ ט ע ר י ע. זאָג מיר, צי מיינט דאָס נישט אַרגומענטירן אין אַ קרײַז? *).

ה י י ל אַ ס — אין דער פּרעמיזע וויל איך בלויז זאָגן, אַז די קוואַנטיטעט פון באַוועגונג איז פּראָפּאָרציאָנעל צום פּראָדוקט פון געשווינדקייט געכּפּלט אויף אויסגעשפּרייט־קייט און האַרטקייט.

פ י ל אָ נ ו ס - ווען מיר וועלן אַפילו אָננעמען, אַז דאָס איז אמת, וועט פונדעסטוועגן פון דעם נישט זײַן גע־דרונגען, אַז שווערקראַפט איז פּראָפּאָרציאָנעל צו דער קוואַנטיטעט פון מ אַ ט ע ר י ע, אין דײַן פילאָזאָפישן זין פון וואָרט; סײַדן דו נעמסט אָן פאַר זיכער, אַז דער אומ־באַוווסטער ס ו ב ס ט ר אַ ט ו ם, אָדער וואָס פאַר אַ נאָמען דו זאָלסט עס נישט געבן, איז פּראָפּאָרציאָנעל צו די דאָזיקע חושימדיקע קוואַליטעטן; און דאָס וואָלט הייסן, אַז דאָס,

*) אַרגומענטירן אין אַ קרייז מיינט: אַ פעלערהאַפטע פאָרם פון אַרגו־מענטירן, ווו די ערשטע זאַך איז געדרונגען פון דער צווייטער און די צווייטע איז צוריק געדרונגען פון דער ע־שטער. (איבערזעצער).

וואָס ווערט געפרעגט, נעמסטו אָן אָן שום באַווײַז. אַז עס איז פֿאַראַן גרויס און האַרטקייט אָדער ווידערשטאַנד, וואָס ווערן עמפֿונדן פֿון די חושים, דאָס גיב איך גערן צו; פֿונקט אַזוי וועל איך נישט באַשטרייטן, אַז עס איז מעגלעך דאָס שווערקראַפֿט איז פּראָפּאָרציאָנעל צו די דאָזיקע חושימדיקע קוואַליטעטן. אָבער אַז וועלכע עס איז פֿון די דאָזיקע קוואַליטעטן, ווי זיי ווערן פֿון אונדז עמפֿונדן, אָדער די כּחות, וואָס פּראָדוצירן זיי, זאָלן עקזיסטירן אין אַ מאַטעריעלן סובסטראַטום — דאָס לייקן איך, און דו האָלטסט, אַז עס איז אמת. אָבער טראָץ דײַנע באַמיִונגען דאָס צו באַווײַזן, האָסטו דאָס נאָך אַלץ נישט באַוויזן.

הײַלאַס — איך וועל זיך וועגן דעם פֿונקט ווײַטער נישט אײַנשטעלן. גלויבסטו אָבער אַז דו וועסט מיך איבערצײַגן, דאָס די נאַטור־פֿילאָזאָפֿן האָבן די גאַנצע צײַט געחלומט? זאָג מיר נאָר, וואָס וועט ווערן פֿון אַלע זייערע היפּאָטעזן און דערקלערונגען וועגן פֿענאָמענען, וואָס זענען באַגרינדעט אויף דער סברה, אַז מאַטעריע עקזיסטירט?

פֿילאָנוס — וואָס פֿאַרשטייסטו, הײַלאַס, אונטער פֿענאָמענען?

הײַלאַס — איך מיין די דערשײַנונגען, וועלכע איך עמפֿינד דורך מײַנע חושים.

פֿילאָנוס — און די דערשײַנונגען, וואָס ווערן עמפֿונדן דורך די חושים — צי זענען זיי דען נישט קיין אידעען?

הײלאַס – איך האָב דיר דאָס שוין געזאָגט אַ הונ־דערט מאָל.

פילאָנוס — הייסט עס, אַז דערקלערן פענאָמענען מיינט וויַזן, ווי אַזוי מיר ווערן אַפעקטירט מיט אידע־ען לויט דעם אופן און סדר ווי זיי ווערן איַנגעקריצט אין אונדזערע חושים? איז דאָס נישט אַזוי?

הײלאַס – יאָ.

פילאָנוס – איצט, אויב דו קאָנסט באַוויַזן, אַז וועלכער עס איז פילאָזאָף האָט דערקלערט ווי אַזוי וועל־כע עס איז אידעע ווערט פּראָדוצירט אין אונדזער געדאַנק דורך דער הילף פון מאַטעריע, וועל איך אויף שטענדיק אָנטשוויַגן ווערן, און וועל נישט נעמען מער אין באַטראַכט אַלץ, וואָס איז ביז אַהער געזאָגט געוואָרן קעגן דעם; אָבער אויב דו קאָנסט דאָס נישט באַוויַזן, איז אומ־זיסט די מי מיט דעם צו דערקלערן פענאָמענען. אַז אַ וועזן, וואָס באַזיצט וויסן און ווילן, זאָל פּראָדוצירן און אַרויסברענגען אידעען, קאָן מען לײַכט פאַרשטיין. אָבער אַז אַ וועזן, וואָס באַזיצט לחלוטין נישט די דאָזיקע פעי־קייטן, זאָל זיַן בכוח צו פּראָדוצירן אידעען, אָדער זאָל אויף וועלכן עס איז אופן אַפעקטירן דעם פאַרשטאַנד, דאָס קען איך קיינמאָל נישט פאַרשטיין. איך זאָג, אַז אפילו ווען מיר וואָלטן געהאַט אַ וועלכן עס איז פּאָזיטיוון באַגריף וועגן מאַטעריע, אפילו ווען מיר וואָלטן געוווּסט אירע קוואַליטעטן און וואָלטן געקאָנט באַנעמען איר עקזיסטענץ, וואָלט זי נאָך אַלץ געווען וויַט פון דערקלערן זאַכן, מחמת זי איז אַליין די אומדערקלערבאַרסטע זאַך אין דער

וועלט. און פונדעסטוועגן דאַרף מען פון דעם אַלעם נישט מאַכן דעם אויספיר, אַז די פילאָזאָפן האָבן די גאַנצע צייט גאָרנישט אויפגעטאָן, ווייל דורך באָאבאַכטן און טראַכטן וועגן די פאַרבינדונגען פון אידעען, געפינען זיי אויס די געזעצן און מעטאָדן פון דער נאַטור, און דאָס איז אַ טייל פון נוצלעכן און אינטערעסאַנטן וויסן.

הילאַס — צי קאָן מען דען, נאָך אַלעמען, אָננעמען די סברה, אַז גאָט זאָל אָפּנאַרן די גאַנצע מענטשהייט? צי שטעלסטו זיך פאָר, אַז גאָט זאָל האָבן פאַראורזאַכט די גאַנצע וועלט זאָל גלויבן אין דער עקזיסטענץ פון מאַטעריע, בעת אזא זאַך איז בכלל נישטאָ?

פילאָנוס - איך רעכן, אַז דו וועסט נישט באַהויפּטן, דאָס יעדע אַלגעמיין־פאַרשפּרייטע מיינונג, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון פאָראורטייל, לײַדנשאַפט אָדער געדאַנקלאָזיקייט, האָט אַלס באַשאַפער גאָט. די מיינונגען, וועלכע ווערן צוגעשריבן גאָט אַלס זייער באַשאַפער, מוזן זײַן איינס פון די ביידע: אָדער ער האָט זיי אונדז אַנטפּלעקט דורך איבערנאַטירלעכער התגלות, אָדער מחמת עס איז אַזוי קלאָר צו אונדזערע נאַטירלעכע כחות, וועלכע זענען באַשאַפן און אונדז געגעבן געוואָרן פון גאָט, אַז עס איז אוממעגלעך מיר זאָלן מיט דעם נישט מספים זײַן. אָבער וווּ איז די התגלות, אָדער וווּ איז דער באַווײַז, וואָס צווינגט אונדז צו גלויבן אין מאַטעריע? נײַן, פון וואַנען נעמט זיך בײַ דיר די סברה, אַז אַלע מענטשן נעמען אָן די עקזיסטענץ פון מאַטעריע, פאַרשטאַנען אַלס עפּעס, וואָס איז אַנדערש פון דעם, וואָס מיר עמ־

פינדן דורך אונדזערע חושים; אָדער, צי זענען ווירקלעך פאַראַן אַזעלכע, וואָס האַלטן אַזוי, אויסער איינ־ציקע פילאָזאָפן, וועלכע ווייסן נישט וואָס זיי ווילן. דיין פראַגע באַזירט אויף דער הנחה, אַז די פונקטן זענען קלאָר; און דעריבער, ווען דו וועסט זיי קלאָר מאַכן, וועל איך זיך האַלטן פאַרפליכטעט דיר ווײַטער צו ענטפערן. דערווײַל וועט זײַן גענוג ווען איך וועל דיר זאָגן, אַז איך גלויב אין גאַנצן נישט דאָס גאָט נאַרט אָפּ די מענטשהייט.

הײַלאַס — אָבער די נײַקייט, פילאָנוס, די נײַקייט דערפון! אין דעם ליגט די געפאַר. נײַע באַגריפן מוזן אַלע מאָל אָנטרעפן אויף אַ ווידערשטאַנד; זיי צעטרייסלען דעם מענטשלעכן געדאַנק און קיינער ווייסט נישט צו וואָס דאָס קאָן פירן.

פילאָנוס — איך הויב נישט אָן צו פאַרשטיין פאַר־וואָס מען זאָל אָננעמען, אַז דאָס אָפּזאָגן זיך פון אַ באַגריף, וואָס האָט נישט קיין באַגרינדונג נישט אין די חושים, נישט אין דער פאַרנונפט און נישט אין גאָטס געבאָט, זאָל צע־טרייסלען דעם גלויבן אין אַזעלכע מיינונגען, וואָס באַזירן אויף אַלע אָדער אַ טייל פון די דאָזיקע גרונטן. אַז נײַע איינפירונגען אין רעגירונג און רעליגיע זענען געפערלעך, און מען דאַרף זיך זיי אַנטקעגנשטעלן, מיט דעם בין איך גערן מסכּים. צי איז דען אָבער פאַראַן אַן ענלעכער טעם פאַרוואָס זיי זאָלן באַקעמפט ווערן אין דער פילאָזאָפיע? דאָס דערקענען עפּעס, וואָס איז פריער געווען אומבאַקאַנט, איז אַ נײַעס אין דער דערקענטעניש. און אויב אַלע אַזעלכע

ניַקייטן וואָלטן געווען פאַרבאָטן, וואָלטן מענטשן*) נישט געווען געמאַכט אַזאַ מערקווירדיקן פאַרשריט אין קונסט און וויסנשאַפטן. אָבער עס איז נישט מיַין אויפגאַבע צו פאַרטיידיקן ניַקייטן און פּאַראַדאָקסן. אַז די קוואַליטעטן, וואָס מיר עמפינדן, געפינען זיך נישט אין די אָביעקטן, אַז מיר טאָרן נישט גלויבן אין אונדזערע חושים, אַז מיר ווייסן גאָרנישט וועגן דערווירקלעכער נאַטור פון זאַכן און מיר קאָנען קיינמאָל נישט זיַין זיכער אפילו צי זיי עקזיסטירן, אַז ווירקלעכע קאָלירן און קלאַנגען זענען נישט עפּעס אַנדערש ווי געוויסע אומבאַוווסטע פיגורן און באַוועגונגען, אַז באַוועגונגען זענען, אין זיך גופא, נישט שנעל און נישט לאַנגזאַם, אַז אין קערפּערס איז פאַראַן אַבסאָלוטע אויסגעשפּרייטקייט, אָן וועלכער עס איז פּאַרטיקולאַרער גרויס אָדער פיגור, אַז אַ זאַך, וואָס איז זינלאָז, געדאַנקלאָז און נישט אַקטיוו, זאָל ווירקן אויף אַ גייסטיק וועזן, אַז דאָס קלענסטע טיילכל פון אַ קערפּער זאָל אַנטהאַלטן אין זיך אַן אומענדלעכע צאָל אויסגעשפּרייטע טיילן — דאָס זענען די ניַקייטן, דאָס זענען די מאָדנע באַגריפן, וועלכע צעטרייסלען די עכטע, אומפאַרדאָרבענע אורטיילס-קראַפט פון דער גאַנצער מענטשהייט; און אויב מען לאָזט זיי איין מאָל צו, פאַרפלאָנטערן זיי דעם געדאַנק אין אַן אומענדלעכער צאָל ספקות און שוועריקייטן. און קעגן די דאָזיקע און אַנדערע ענלעכע ניַקייטן פּרוביר איך צו פאַרטיידיקן

*) אין ענגלישן טעקסט פעלט דאָס וואָרט „נישט", מיר נעמען אָן, אַז עס איז אַ דרוקפעלער. (איבערזעצער).

דעם שכל הישר. עס איז אמת, אַז בײַם דורכפירן די דאָזיקע אויפגאַבע וועל איך אפשר געפינען פאַר נויטיק זיך צו באַנוצן מיט אייניקע אומדירעקטע אויסדרוקן און נישט געוויינלעכע שפּראַך־פאָרמען. אָבער ווען מײַנע באַגריפן וועלן איינמאָל גרינטלעך פאַרשטאַנען ווערן, וועט מען אײַנזען, אַז דאָס אויסערגעוויינלעכסטע, וואָס זיי אַנטהאַלטן אין זיך, איז אין דער ווירקלעכקייט נישט מער ווי אַט־וואָס: עס איז אַבסאָלוט אוממעגלעך, און עס איז אַ קלאָרער ווידערשפּרוך אָנצונעמען, אַז אַ וועלכעס נישט איז נישט־דענקנדיק וועזן זאָל עקזיסטירן אומאָפּהענגיק פון אַ געדאַנק, וואָס עמפּינדט אים, און אויב אַזאַ באַגריף איז מאָדנע, אויסטערליש, איז עס אַ חרפּה פאַר דער הײַנטיקער צײַט און פאַר אַ קריסטלעך לאַנד.

היילאַס — דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן די מעגלעכע שוועריקייטן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט אַנדערע מיינונגען. דײַן אויפגאַבע איז צו פאַרטיידיקן דײַנע אייגענע מיינונגען. צי איז דען נישט קלאָר, אַז דו ווילסט פאַרוואַנדלען אַלע זאַכן אין אידעען? און דאָס טוסט דו, וועלכער שעמט זיך נישט מיך צו באַשולדיקן אין סקעפּטיציזם. דאָס איז דאָך אַזוי קלאָר, אַז מען קאָן עס נישט באַשטרײַטן.

פילאָנוס — דו פאַרשטייסט מיך שלעכט. איך וויל נישט פאַרוואַנדלען זאַכן אין אידעען, נאָר גיכער אידעען אין זאַכן; מחמת יענע אָביעקטן, וואָס ווערן אומיטלבאַר עמפּפונדן, און וואָס לויט דײַן מיינונג נאָך זענען זיי בלויז דערשײַנונגען פון זאַכן, באַטראַכט איך פאַר די ווירקלעכע זאַכן גופא.

הילאַס - זאָגן! דו מעגסט באַהויפּטן וואָס דיר געפעלט, עס איז אָבער זיכער, אַז דו לאָזט אונדז גאָרנישט איבער, אַ חוץ די ליידיקע פאָרמען פון זאַכן, דאָס דרויסנ־דיקע בלויז, וואָס קומט אין באַרירונג מיט די חושים.

פילאָנוס — דאָס, וואָס דו באַצייכנסט אַלס ליי־דיקע פאָרמען און דאָס דרויסנדיקע פון זאַכן, ווײַזט זיך מיר אויס, אַז דאָס זענען באמת די זאַכן גופא. זיי זענען אויך נישט ליידיק אָדער אומפאָרענדיקט, סײַדן מען נעמט אָן דײַן סברה, אַז מאַטעריע איז דער עצמדיקער טייל פון אַלע קערפּערלעכע זאַכן. מיר ביידע שטימען דעריבער אײַן אין דעם, אַז מיר עמפּינדן בלויז חושימדיקע פאָרמען, מיר גייען זיך אָבער פאַנאַנדער אָט אין וואָס: דו ווילסט האָבן, אַז זיי זענען ליידיקע דערשײַנונגען, און איך האַלט, אַז זיי זענעןווירקלעכע זאַכן. קורץ, דו געטרויסט נישט דײַנע חושים, און איך געטרוי זיי יאָ.

הילאַס - דו זאָגסט, אַז דו גלויבסט דײַנע חושים, און ווי עס ווײַזט אויס נעמסטו זיך איבער דערמיט, וואָס אין דאָזיקן פונקט שטימסטו אײַן מיט די פּשוטע מענטשן. לויט דײַן מיינונג נאָך קומט דעריבער אויס, אַז די אמתע נאַטור פון אַ זאַך ווערט אַנטדעקט דורך די חושים. אויב אַזוי טאָ פון וואַנען נעמט זיך די נישט־אײַנשטימיקייט? פאַרוואָס ווערן די זעלביקע פיגור, ווי אויך אַלע אַנדערע חושימדיקע קוואַליטעטן עמפּונדן אויף אַלע מעגלעכע אופנים? און פאַרוואָס זאָלן מיר זיך באַנוצן מיט אַ מיק־ראָסקאָפּ, כדי בעסער צו אַנטדעקן די אמתע נאַטור פון אַ

קערפּער, אויב מען וואָלט עס געקאָנט אויסגעפינען מיטן הוילן אויג?

פּילאָנוס — פּרעציז גערעדט, הילאַס, זעען מיר נישט דעם זעלביקן אָביעקט, וועלכן מיר באַרידן; מיר עמפּינדן אויך נישט דורך אַ מיקראָסקאָפּ דעם זעלבן אָב־יעקט, וועלכן מיר האָבן עמפּונדן דורך דעם הוילן אויג. ווען מיר וואָלטן אָבער יעדע פאַרענדערונג באַטראַכט פאַר גענוג אויף צו שאַפן אַ נײַעם מין אָדער אַ נײַעם אינדיוויד, דאַן וואָלט די אומענדלעכע צאָל, אָדער די צעמישעניש פון נעמען געמאַכט די שפּראַך אומפּראַקטיש. כּדי אויסצו־מײַדן די און אַנדערע אומבאַקוועמלעכקייטן, וואָס וועלכן קלאָר ווערן נאָך אַביסל איבערלייגונג, פאַרבינדן מענטשן מערערע אידעען, וואָס ווערן אויפגענומען דורך די פאַרשיי־דענע חושים, אָדער דורך דעם זעלביקן חוש אין פאַרשיי־דענע צײַטן, אָדער אין פאַרשיידענע אומשטענדן. פונדעסט־וועגן באַמערקט מען אָבער, אַז עס איז פאַראַן אַ פאַרבינ־דונג צווישן זיי אין דער נאַטור, ענטוועדער אין שייכות צו זייער גלײַכצײַטיקער עקזיסטענץ, אָדער זייער נאָכפאָלגן איינע דער אַנדערער; אַט די אַלע פאַרבינדונגען רופן זיי אָן מיט איין נאָמען און באַטראַכטן עס פאַר איין זאַך. דערפון איז געדרונגען, אַז ווען איך פאַרש מיט מײַנע אַנ־דערע חושים אַ זאַך, וואָס איך האָב געזען, איז עס נישט צוליב דעם, כּדי איך זאָל בעסער פאַרשטיין דעם זעלביקן אָביעקט, וועלכן איך האָב פריער עמפּונדן דורך דעם חוש־הראיה, מחמת דער אָביעקט פון איין חוש ווערט נישט עמ־פּונדן דורך אַנדערע חושים. און ווען איך קוק דורך אַ

מיקראָסקאָפּ, איז עס נישט צוליב דעם, איך זאָל זען קלע־
רער דאָס, וואָס איך האָב שוין עמפּונדן מיט מײַן הוילן
אויג; מחמת דער אָביעקט, וואָס ווערט עמפּונדן דורך אַ
מיקראָסקאָפּ, איז גאַנץ אַנדערש פון דעם, וואָס מען זעט
מיטן הוילן אויג. אָבער אין ביידע פאַלן איז מײַן ציל
בלויז אויסצוגעפינען וועלכע אידעען עס זענען פאַרבונדן
צוזאַמען; און וואָס מער אַ מענטש ווייסט וועגן די פאַר־
בינדונגען פון אידעען, אַלץ פאַר אַ גרעסערן קענער פון
דער נאַטור ווערט ער פאַררעכנט. דעריבער, וואָס מאַכט
עס אויס אויב אונדזערע אידעען זענען פאַרענדערלעך;
וואָס מאַכט עס אויס אויב אונדזערע חושים ווערן נישט
אַפעקטירט בײַ אַלע אומשטענדן מיט די זעלביקע דער־
שײַנונגען? פון דעם איז נישט געדרונגען, אַז מען קאָן זיי
נישט מרויען; אָדער אַז זיי זענען נישט אין האַרמאָניע מיט
זיך זעלבסט אָדער מיט וועלכער עס איז אַנדערער זאַך;
צו אַזאַ מסקנא קאָן מען בלויז קומען אויפן סמך פון דײַן
פאַראויס־אָנגענומענעם באַגריף פון (איך ווייס נישט וואָס
פאַר) איין־איינציקער, אומפאַרענדערטער, אומעמפּינדבאַרער,
ווירקלעכער נאַטור, וואָס אַנטשפּרעכט יעדער נאָמען פון
זאַכן. עס ווײַזט אויס, אַז דער פאַראורטייל נעמט זיך פון
דעם נישט ריכטיק פאַרשטיין די געוויינלעכע שפּראַך פון
מענטשן, וועלכע רעדן וועגן אַ סך פאַרשיידענע אידעען,
אַלס פאַראייניקטע אין איין זאַך דורכן געדאַנק. און עס איז
ווירקלעך פאַראַן אַ גרונט אָנצונעמען, אַז עטלעכע פאַלשע
מיינונגען פון די פילאָזאָפן קאָנען צוגעשריבן ווערן צום
זעלביקן מקור, מחמת זיי האָבן אָנגעפאַנגען צו בויען זייע־

רע סיסטעמען נישט אַזוי אויף באַגריפן, ווי אויף ווערטער, וועלכע זענען פאַרמידט געוואָרן פון פאָלק בלויז פאַר באַקוועמלעכקייט וועגן און כּדי לײַכט צו דערלײדיקן די טעטיקייטן פון טאָג־טעגלעכן לעבן, נישט נעמענדיק דערבײַ אין באַטראַכט, וועלכע עס איז פילאָזאָפישע ספּעקולאַציע.

היילאַס — מיר דוכט זיך, אַז איך פאַרשטיי וואָס דו מיינסט.

פילאָנוס — לויט דיר קומט אויס, אַז די אידעען, וועלכע מיר עמפּינדן דורך אונדזערע חושים, זענען נישט קייןווירקלעכע זאַכן, נאָר בילדער אָדער קאָפּיעס פון זיי. אונדזער וויסן איז דעריבער ווירקלעך אויף אַזוי ווײַט, אויף וויפל אונדזערע אידעען זענען אמתע שטעלפאַרטרעטער פון די אָריגינאַלן. אָבער אַזוי ווי עס איז אומבאַוווּסט, וואָס די אָנגענומענע אָריגינאַלן זענען אין זיך גופא, איז אוממעגלעך צו וויסן אויף ווי ווײַט אונדזערע אידעען זענען ענלעך אָדער צי זיי זענען בכלל ענלעך צו זיי. מיר קאָנען דעריבער נישט זײַן זיכער צי מיר האָבן וועלכן עס איז ווירקלעכן וויסן. ווײַטער, אַזוי ווי אונדזערע אידעען האַלטן זיך אין שטענדיקן בײַטן, אָן וועלכער עס איז ענדערונג אין די אָנגענומענע ווירקלעכע זאַכן, איז דערפון נויטווענדיקערהייט געדרונגען, אַז זיי קאָנען נישט אַלע זײַן אמתע קאָפּיעס פון די ווירקלעכע זאַכן, און אויב אַ טייל זענען יאָ אמתע קאָפּיעס און די איבעריקע נישט, דאַן איז אוממעגלעך צו אונטערשיידן איינע פון די אַנדע־

רע. און דאָס רופט אַרויס בײַ אונדז נאָך אַ גרעסערע אומ־
זיכערקייט. און ווען מיר באַטראַכטן דעם פּונקט ווײַטער,
קאָנען מיר נישט באַגרייפן, ווי אַזוי אַן אידעע אָדער עפּעס,
וואָס איז ענלעך צו אַן אידעע, זאָל האָבן אַן אַבסאָלוטע
עקזיסטענץ מחוץ דעם געדאַנק; לויט דײַן שיטה נאָך איז
דעריבער נישט פאַרשטענדלעך, ווי אַזוי עס קאָן עקזיסטירן
אין דער נאַטור אַ וועלכע נישט איז רעאַלע זאַך. דער
פּועל־יוצא פון דעם אַלעם איז, אַז מיר פאַלן אַרײַן אין אַ
האָפנונגסלאָזן און הפקרדיקן סקעפּטיציזם. איצט דערלויב
מיר דיר צו שטעלן עטלעכע פראַגעס. ערשטנס, צי שטאַמט
נישט דײַן גאַנצער סקעפּטיציזם פון דעם, וואָס דו שרײַבסט
צו אידעען צו געוויסע אַבסאָלוט־עקזיסטירנדיקע, נישט־
עמפּפונדענע סובסטאַנצן, אַלס זייערע אָריגינאַלן? צווייטנס,
צי קריגסטו דײַן וויסן וועגן די דאָזיקע אומבאַוווסטע אָרי־
גינאַלן דורך דײַנע חושים אָדער דורך דײַן פאַרנונפט? און
אויב דו באַקומסט זיי נישט פון ביידע, צי איז נישט קיין
אַבסורד אָנצונעמען, אַז זיי עקזיסטירן? דריטנס, צי גע־
פינסטו נאָך אַ גענויער אונטערזוכונג, אַז עס ווערט עפּעס
דײַטלעכעס באַגריפן אָדער פאַרשטאַנען מיט די ווערטער
אַבסאָלוטע אָדער דרויסנדיקע עקזיסטענץ
פון נישט־עמפּינדנדיקע סובסטאַנצן? און צום
סוף – נאָך דעם ווי מען האָט באַטראַכט די פּרעמיזן,— צי
איז דען נישט דער קליגסטער וועג נאָכצופאָלגן די נאַטור,
געטרויען דײַנע חושים, לאָזן אַן אַ זײַט אַלע זאָרגפולע גע־
דאַנקען וועגן אומבאַוווסטע נאַטורן אָדער סובסטאַנצן, און
אָננעמען, צוזאַמען מיטן פּשוטן פאָלק, אַז דיווירקלעכע

זאָגן זענען די יעניקע, וועלכע ווערן עמפּונדן דורך די חושים?

הילאַס — איך וויל דערווייל נישט נעמען אויף זיך די אויפגאַבע צו פאַרענטפערן פראַגן. איך וואָלט בעסער געוואָלט זען ווי אַזוי דו וועסט ענטפערן אויף דעם, וואָס איך וועל דיך פרעגן. זאָג מיר, צי זענען דען נישט די אָביעקטן, וואָס ווערן עמפּונדן דורך די חושים פון איינעם, פונקט אַזוי עמפּינדבאַר פאַר אַנדערע, וואָס זענען דאָ דערביי? אויב עס וואָלטן דאָ געווען אַ הונדערט מענטשן, וואָלטן זיי אַלע געזען דעם גאָרטן, די ביימער, די בלומען, ווי איך זע זיי. זיי ווערן אָבער נישט אַפעקטירט אויף דעם זעלביקן אופן פון די אידעען, וועלכע איך פאַרמיד אין מיין כוח־הדמיון. צי באַווייזט דאָס נישט, אַז עס איז פאַראַן אַן אונטערשייד צווישן ערשטן און צווייטן סאָרט אָביעקטן?

פילאָנוס — איך גיב צו, אַז עס איז אַזוי. איך האָב אויך קיינמאָל נישט געלייקנט, אַז עס איז דאָ אַ נפקא־מינה צווישן די אָביעקטן פון די חושים און די אָביעקטן פון כוח־הדמיון. אָבער וואָס ווילסטו פון דעם דרינגען? דו קאָנסט דאָך נישט באַהויפּטן, אַז חושימדיקע אָביעקטן עקזיסטירן אומעמפּונדן דערפאַר, וואָס זיי ווערן עמפּונדן דורך אַ סך מענטשן.

הילאַס — איך גיב צו, אַז איך קאָן גאָרנישט געווינען פון דער דאָזיקער איינווענדונג; עס פירט מיך אָבער צו אַן אַנדערער פראַגע. צי איז דאָס דען נישט דיין

מיינונג, אַז דורך אונדזערע חושים עמפינדן מיר בלויז די אידעען, וואָס עקזיסטירן אין אונדזער געדאַנק?

פילאָנוס — יאָ.

היילאַס — אָבער די זעלבע אידעע, וועלכע געפינט זיך אין מײַן געדאַנק, קאָן דאָך נישט זײַן אין דײַן אָדער אין וועלכן עס איז אַנדערן געדאַנק. צי איז דען דערפון נישט געדרונגען, אין הסכם מיט דײַנע אייגענע גרונט־הנחות, אַז עס איז נישט מעגלעך פאַר וועלכע עס איז צוויי מענטשן צו זען די זעלביקע זאַך? און צי איז דאָס דען נישט אַן אַבסורד פון העכסטן גראַד?

פילאָנוס — אויב דער טערמין דער זעלבער זאָל פאַרשטאַנען ווערן אין זײַן פשוטן אָנגענומענעם באַדײַט, איז זיכער (און עס איז לחלוטין נישט אין קעגנזאַץ צו די גרונט־יסודות, וואָס איך נעם אָן), אַז פאַרשיידענע מענטשן קאָנען עמפינדן די זעלבע זאַך; אָדער אַז די זעלבע זאַך אָדער אידעע עקזיסטירט אין פאַרשיידענע געדאַנקען. דער באַדײַט פון ווערטער האָט זיך אײַנגעשטעלט אויף אַ ווילקירלעכן אופן; און אַזוי ווי מענטשן זענען געוווינט צו געברויכן דאָס וואָרט דער זעלבער דאָרט, ווו מען עמפינדט נישט קיין אונטערשייד אָדער פאַרענדערונג – און עס איז נישט מײַן אויפגאַבע צו ענדערן זייערע עמפינדונגען,– איז דערפון געדרונגען, אַז אַזוי ווי מענטשן האָבן ביז אַהער געזאָגט עטלעכע האָבן געזען די זעלבע זאַכן, מעגן זיי נאָך אַלץ, בײַ ענלעכע געלעגנהייטן, ווײַטער באַנוצן די זעלבע פראַזע, און נישט עובר זײַן דערבײַ אויף דעם געהעריקן געברויך פון שפּראַך אָדער אויף דעם אמת

פון זאַכן. אָבער אויב דער טערמין דער זעלבער ווערט געברויכט אין אָנגענומענעם באַדײַט פון די פילאָזאָפן, וועלבע פרעטענדירן צו האָבן אַן אַבסטראַהירטן באַגריף וועגן אידענטיטעט, ווענדט זיך אָן זייערע פאַרשיידענע דעפיניציעס פון דעם דאָזיקן באַגריף (מחמת עס איז נאָך נישט באַשטימט אין וואָס די דאָזיקע פילאָזאָפישע אידענטיטעט באַשטייט), צי עס איז יאָ אָדער נישט מעגלעך פאַר פאַרשיידענע מענטשן צו עמפינדן די זעלבע זאַך. אָבער צי די פילאָזאָפן האַלטן יאָ פאַר פאַסיק אָנצורופן אַ זאַך די זעלבע אָדער נישט,—איז, לויט מײַן מיינונג, פון קליינער וויכטיקייט. לאָמיר זיך פאָרשטעלן עטלעבע מענטשן צוזאַמען, וועלבע זענען אַלע באַגאַבט מיט די זעלבע פעיקייטן, און זיי וועלן דעריבער אַפעקטירט ווערן אויף אַן ענלעכן אופן דורך זייערע חושים; און לאָמיר זיך ווײַטער פאָרשטעלן, אַז די זעלבע מענטשן האָבן נאָך נישט געלערנט דעם געברויך פון שפּראַך; איז קיין ספק נישט, אַז זייערע עמפינדונגען וועלן זיך פאַרגלײַכן. הגם עס איז מעגלעך, אַז ווען זיי וועלן זיך שפּעטער אויסלערנען צו באַנוצן די שפּראַך, וועלן אַ טייל פון זיי, נעמענדיק אין באַטראַכט די איינפאָרמיקייט פון דאָס עמפונדענע, דאָס אָנרופן די זעלבע זאַך; בעת די אַנדערע, וועלבע וועלן באַטאָנען די פאַרשיידנאַרטיקייט פון די מענטשן, וואָס האָבן עס עמפונדן, וועלן עס, מעגלעך, אָנרופן פאַרשיידענע זאַכן. אָבער ווער זעט דען נישט אײַן, אַז דער גאַנצער ויכּוח פירט זיך איבער אַ וואָרט? נעמלעך, צי דאָס, וואָס ווערט עמפונדן פון פאַרשיידענע מענטשן, זאָל מען קאָנען אָנרופן

מיטן טערמין דער זעלבער. אָדער שטעל זיך פאָר אַ הויז, וועמענס דרויסנדיקע ווענט עס בלײַבן אומפאַרענדערט, און אַלע צימערן ווערן אין גאַנצן אַרויסגעריסן און איבערגעבויט אויפסנײַ, און דו זאָלסט עס אָנרופן דאָס זעלבע און איך זאָל זאָגן, אַז עס איז נישט דאָס זעלבע הויז, — ווען מיר דען, טראָץ אַלעם, נישט אײַנשטימען פולשטענדיק אין אונדזערע געדאַנקען וועגן דעם הויז, ווען עס ווערט באַטראַכט פאַר זיך גופא? און צי וועט דען נישט דער גאַנצער אונטערשייד באַשטיין אין אַ קלאַנג? אויב דו וועסט טענהן, אַז מיר צעגייען זיך אין אונדזערע באַגריפן, מחמת צו דײַן אידעע פון דעם הויז האָסטו נאָך צוגעגעבן די איינפאַכע אַבסטראַהירטע אידעע פון אידענטיטעט, בעת איך האָב דאָס נישט געטאָן,— וועל איך דיר ענטפערן, אַז איך ווייס נישט וואָס דו פאַרשטייסט אונטער אַבסטראַהירטע אידעע פון אידענטיטעט, און וועל פאָדערן דו זאָלסט אַרײַנקוקן אין דײַנע אייגענע געדאַנקען און זײַן זיכער צי דו פאַרשטייסט דאָס אַליין. פאַרוואָס ביסטו אַזוי שטיל, הילאַס? צי ביסטו נאָך אַלץ נישט איבערצײַגט, אַז מענטשן קאָנען שטרייטן וועגן אידענטיטעט און אַנדערשקייט אָן וועלכער עס איז ווירקלעכער נפקא־מינה אין זייערע געדאַנקען און מיינונגען, ווען מען שיידט זיי אָפּ פון נעמען? טראַכט זיך גוט אַרײַן אין דעם, וואָס איך וועל דיר ווײַטער זאָגן: וואָס שייך דעם פונקט, וועלכן מיר באַהאַנדלען איצט, איז קיין נפקא־מינה נישט צי מיר נעמען אָן אַז מאַטעריע עקזיסטירט אָדער נישט. מחמת די מאַטעריאַליסטן גופא אָנערקענען דאָך, אַז

דאָס, וואָס מיר עמפּינדן אוממיטלבאַר דורך די חושים, זענען אונדזערע אייגענע אידעען. און דעריבער: די שווערי־קייט, אויף וועלכער דו ווײַזט אָן, אַז עס איז אוממעגלעך פֿאַר וועלכע עס איז צוויי מענטשן צו זען די זעלבע זאַך, טרעפֿט די מאַטעריאַליסטן פּונקט אַזוי, ווי מיר.

היילאַס — זיי נעמען אָבער אָן, אַז עס איז פֿאַראַן אַן אויסערלעכער אורטיפּ, וועמען זיי שרײַבן צו זייערע פֿאַרשיידענע אידעען; מען קאָן דעריבער באמת זאָגן וועגן זיי, אַז זיי עמפּינדן די זעלבע זאַכן.

פֿילאָנוס — אויך לויט מײַן שיטה נאָך מעגסטו (נישט דערמאָנענדיק דעם פֿאַקט, אַז דו האָסט זיך שוין איינמאָל אָפּגעזאָגט פֿון די דאָזיקע אורטיפּן) אָננעמען די עקזיסטענץ פֿון אַן אויסערלעכן אורטיפּ; דערבײַ פֿאַרשטיי איך דאָס וואָרט אויסערלעך אין שייכות צו דײַן אייגענעם געדאַנק, הגם אין אמתן מוז מען אָננעמען, אַז ער עקזיסטירט אין געדאַנק, וואָס באַגרייפֿט אַלע זאַכן. און אַזאַ באַגריף פֿון אורטיפּ קאָן פֿאַרענטפֿערן אַלע פֿראַגן וועגן אידענטיטעט פּונקט אַזוי גוט, ווי ווען ער וואָלט עק־זיסטירט מחוץ פֿון וועלכן עס איז געדאַנק. און איך בין זיכער, אַז דו אַליין וועסט נישט זאָגן, אַז דאָס איז ווייניקער פֿאַרשטענדלעך.

היילאַס — דו האָסט מיך באמת קלאָר איבער־צייגט, אַז איינס פֿון די ביידע: אָדער אין תּוך פֿון דער זאַך איז קיין שווערי קייט בכלל נישטאָ, און אויב עס איז יאָ פֿאַראַן אַ שווערי קייט, טרעפֿט זי ביידע מיינונגען גלײַך.

פילאָנוס — אָבער דאָס, וואָס טרעפט צוויי קעגנ־געזעצטע מיינונגען גלייך, קאָן נישט זיין קיין באַווייז קעגן קיין איינער פון זיי.

היילאַס — איך בין דאָס מודה. אָבער נאָך אַלע־מען, פילאָנוס, ווען איך באַטראַכט דעם תּמצית פון אַלע דיינע אויסזעצונגען קעגן סקעפּטיציזם, באַשטייט עס נישט מער ווי אין דעם: מיר זענען זיכער, אַז מיר זעען, הערן און באַרירן באמת, קורץ, אַז מיר ווערן אַפעקטירט דורך חושימדיקע איינדרוקן.

פילאָנוס — וואָס־זשע קאָן דאָ אונדז מער אינטע־רעסירן? איך זע די דאָזיקע קאַרש, איך באַריר זי, איך פּאַרזוך זי, און איך בין זיכער, אַז גאָרנישט קאָן נישט געזען, באַרירט אָדער פּאַרזוכט ווערן; דעריבער האָט זי אַ ווירקלעכע עקזיסטענץ. נעם אַוועק די עמפּינ־דונגען פון ווייכקייט, פייכטקייט, רויטקייט, שאַרפקייט, און עס איז מער נישטאָ קיין קאַרש. און אַזוי ווי דאָס איז אַ וועזן, וואָס איז נישט עפּעס אַנדערש פון עמפּינדונג, זאָג איך דעריבער, אַז אַ קאַרש איז נישט עפּעס אַנדערש ווי אַ בינטל חושימדיקע איינדרוקן אָדער אידעען, עמפּפונדן דורך פאַרשיידענע חושים, און די דאָזיקע אידעען ווערן פאַ־רייניקט אין איין זאַך (אָדער ווערן אָנגערופן מיט איין נאָ־מען) דורכן געדאַנק, מחמת מיר באַמערקן, אַז זיי באַגלייטן איינע די אַנדערע. למשל, ווען דער גומען ווערט אַפעקטירט דורך אַ געוויסן געשמאַק, ווערט דער חוש־הראיה אַפעקטירט דורך אַ רויטן קאָליר, דער טאַפּ־חוש ווערט אַפעקטירט דורך רונדקייט, ווייכקייט, אאַ״וו. דעריבער, ווען איך זע,

באַריר און פאַרזוך אַלע צוזאַמען אויף אַ באַשטימטן אופן, בין איך זיכער, אַז די קאַרש עקזיסטירט אָדער, אַז זי איזווירקלעך; לויט מײַן מיינונג איז איר ווירקלעכקייט נישט אָפּגעזונדערט פון די דאָזיקע עמפּינדונגען, אָבער אויב מיט דעם וואָרט קאַרש מיינסטו עפּעס אַן אומבאַקאַנטע נאַטור, וואָס איז אַנדערש פון אַלע חושימדיקע קוואַליטעטן, און מיט איר עקזיסטענץ פאַרשטייסטו עפּעס, וואָס איז אַנדערש פון איר עמפּפונדן ווערן, — דאַן גלויב איך באמת, אַז נישט דו, נישט איך און אויך נישט קיין אַנדערער מענטש קאָן זײַן זיכער אין איר עקזיסטענץ.

הײלאַס — אָבער וואָס וועסטו זאָגן, פילאָנוס, ווען געגנוי די זעלבע אַרגומענטן, וועלכע דו האָסט געברויכט קעגן דער סברה, אַז חושימדיקע זאַכן עקזיסטירן אין אַ מאַטעריעלן סובסטראַטום, וועל איך ברענגען קעגן דער סברה, אַז חושימדיקע זאַכן עקזיסטירן אין אַ געדאַנק?

פילאָנוס – ווען איך וועל פאַרשטיין דײַנע אַרגומענטן, וועסטו דאַן הערן, וואָס איך האָב צו זאָגן וועגן דעם.

הײלאַס — איז דער געדאַנק אויסגעשפּרייט אָדער נישט אויסגעשפּרייט?

פילאָנוס – נישט אויסגעשפּרייט, בלי ספק.

הײלאַס — צי איז דאָס דען נישט דײַן מיינונג, אַז די זאַכן, וועלכע דו עמפּינדסט, זענען אין דײַן געדאַנק?

פילאָנוס – אַזוי איז דאָס.

הײלאַס — װײַטער, צי האָב איך דיך נישט גע־הערט רעדן װעגן חושימדיקע אײַנדרוקן?

פילאָנוס — איך גלויב, אַז יאָ.

הײלאַס — דערקלער מיר איצט, פילאָנוס, װי אַזוי איז דאָס מעגלעך, אַז אין דײַן געדאַנק זאָל זיך געפינען פלאַץ פאַר אַלע בוימער און הײַזער, זיי זאָלן קאָנען עק־זיסטירן אין אים? צי איז מעגלעך, אַז אויסגעשפּרייטע זאַכן זאָלן זיך געפינען אין דעם, װאָס איז נישט אויסגע־שפּרייט? אָדער, צי דאַרפן מיר זיך פאָרשטעלן, אַז אַ זאַך, װאָס האָט נישט קיין פעסטע געשטאַלט, קאָן אויפנעמען אײַנדרוקן? דו קאָנסט דאָך נישט זאָגן, אַז אָביעקטן געפי־נען זיך אין דײַן געדאַנק אויפן זעלבן אופן, װי ביכער גע־פינען זיך אין דײַן שטודיר־צימער; אָדער, אַז זאַכן זענען אײַנגעקריצט אין געדאַנק, װי די פיגור פון אַ זיגל אין װאַקס. טאָ אין װאָס פאַר אַ זין דאַרפן מיר פאַרשטיין די דאָזיקע באַהויפּטונגען? דערקלער מיר דאָס, אויב דו קאָנסט, און איך װעל דאַן זײַן אימשטאַנד צו ענטפערן אויף אַלע יענע פראַגן, װאָס דו האָסט מיר פריער געשטעלט װעגן מײַן סובסטראַטום.

פילאָנוס — הער זיך אײַן, הײלאַס: װען איך זאָג, אַז אָביעקטן עקזיסטירן אין געדאַנק, אָדער, אַז זיי זענען אײַנגעקריצט אין די חושים, װיל איך נישט פאַרשטאַנען װערן אין מגושמדיקן, װערטערלעכן זין פון װאָרט; אַזוי װי מען זאָגט, אַ שטײַגער, אַז קערפּערס עקזיסטירן אין אַ געװיסן פּלאַץ, אָדער אַ זיגל לאָזט איבער זײַן געשטאַלט אין װאַקס. מײַן מיינונג איז בלויז, אַז דער געדאַנק באַ־

גרייפט אָדער עמפינדט זיי, און אַז ער ווערט אַפעקטירט פון דרויסן, ד״ה, דורך אַ וועזן, וואָס איז אַנדערש פון גע־דאַנק גופא. דאָס איז מײַן ענטפער אויף דײַן פראַגע; און איצט וואָלט איך גערן געוואָלט וויסן, ווי אַזוי מײַן אויפ־קלערונג קאָן דיר דינען בײַם פאַרשטענדלעך מאַכן דײַן גרונט־הנחה וועגן אַ נישט־עמפינדנדיקן מאַטעריעלן סובּ־סטראַטום.

הײלאַס – יאָ, אויב דאָס איז אַלץ, וואָס דו מיינסט, בין איך מודה, אַז איך זע נישט אײַן, וואָס פאַר אַ נוצן מען קאָן דערפון מאַכן. צי האָסטו אָבער בײַ דער דאָזיקער אויסטײַטשונג נישט מיסבּרויכט די שפּראַך?

פילאָנוס – לחלוטין נישט. איך דערלויב זיך נישט עפּעס אַנדערש, ווי דאָס, וואָס ווערט געוויינטלעך גע־בּרויכט, און ווי דו ווייסט, איז דאָס דערלויבט לויט די כּללים פון דער שפּראַך. עס איז אַ געוויינטלעכע זאַך, פי־לאָזאָפן זאָלן רעדן וועגן אוממיטלבּאַרע אָביעקטן פון פאַר־שטאַנד, ווי וועגן זאַכן, וואָס עקזיסטירן אין געדאַנק. עס איז אויך אין דעם נישט פאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס איז נישט אין הסכּם מיט די געוויינטלעכע פאַרגלײַך־פאַרמען פון שפּראַך; דער גרעסטער טייל פון געדאַנקלעכע אַקטי־וויטעטן ווערן באַצייכנט מיט ווערטער, וואָס זענען גע־באָרגט בײַ חושימדיקע זאַכן, ווי עס איז קלאָר פון די טערמינען באַגרייפן, איבּערלייגן, איבּערדרייען אאַ״וו; ווען זיי ווערן אָנגעווענדט אויפן געדאַנק, טאָרן זיי נישט פאַרשטאַנען ווערן אין זייער מגושמדיקן, אור־שפּרינגלעכן זין.

הײלאַס – איך בין מודה, דו האָסט מיך אין גאַנצן צופרידנגעשטעלט בנוגע דעם דאָזיקן פונקט. עס פאַרבלײַבט אָבער נאָך פאַרט איין גרויסע שוועריקייט, װעלכע איך װײס נישט װי אַזוי דו װעסט זי בײַקומען. און זי איז װירקלעך פון אַזאַ װיכטיקייט, אַז אויב עס זאָל זיך דיר אײַנגעבן צו לײזן אַלע אַנדערע שוועריקייטן, אַ חוץ די דאָזיקע, דאַן דאַרפסטו נישט דערוואַרטן איך זאָל װערן אַן אָנהענגער פון דײַנע פרינציפּן.

פילאָנוס – זאָג מיר, אין װאָס באַשטײט די גוואַלטיקע שוועריקייט?

הײלאַס – די מעשה־בראשית, װי זי װערט באַשריבן אין חומש, װײַזט מיר אויס צו זײַן אין סתירה מיט דײַנע באַגריפן. משה דערציילט אונדז װעגן דער בריאה; פרעגט זיך, אַ בריאה פון װאָס? פון אידעען? זיכער נישט; נאָר פון זאַכן, פון װירקלעכע זאַכן, האַרטע קערפּערלעכע סובסטאַנצן. אויב דו קאָנסט דאָס אויסגלײַכן מיט דײַנע גרונט־הנחות, איז מעגלעך, אַז אויך איך װעל מיט דיר אײַנשטימען.

פילאָנוס – משה דערמאָנט די זון, לבנה און שטערן, ערד און ים, פלאַנצן און חיות. אַז די אַלע זאַכן האָבן אַ װירקלעכע עקזיסטענץ, און זענען אין אָנפאַנג באַשאַפן געװאָרן פון גאָט, דערין איז בײַ מיר קיין ספק נישט. אויב אונטער אידעען פאַרשטײסטו פיקציעס און פאַנטאַזיעס פון געדאַנק, דאַן זענען די זאַכן, װאָס װערן דערמאָנט פון משהן, נישט קיין אידעען. אויב אונטער אידעען פאַרשטײסטו אָבער אוממיטלבאַרע אָביעקטן פון פאַר־

שטאַנד אָדער חושימדיקע זאַכן, וואָס קאָנען נישט עקזיס־טירן אומעמפונדן אָדער מחוץ פון אַ געדאַנק בכלל, דאַן זע־נען די דאָזיקע זאַכן אידעען. צי דו רופסט זיי אָבער יאָ אָדער נישט מיטן נאָמען *אידעען*, איז קיין גרויסע נפקא־מינה נישט. דער אונטערשייד איז בלויז אין נאָמען. און עס מאַכט נישט אויס, צי מען האַלט זיך אָן דאָזיקן נאָמען, אָדער מען זאָגט זיך אָפּ פון אים, — דער זין, דער אמת און דיווירקלעכקייט פון זאַכן בלייבן אַלץ די זעלבע. אין דער געוויינטלעכער שפּראַך ווערן די אָביעקטן פון אונדזערע חושים נישט אָנגערופן *אידעען*, נאָר *זאַכן*. קאָנסט זיי וויי־טער אַזוי אָנרופן מיטן באַדינג, דו זאָלסט זיי נישט צושרייבן אַ וועלכע עס איז אַבסאָלוטע אויסערלעכע עקזיסטענץ. איבער אַ וואָרט וועל איך זיך קיינמאָל מיט דיר נישט קריגן. דעריבער גיב איך צו, אַז די בריאה איז אַ בריאה פון זאַכן, פון *ווירקלעכע* זאַכן. דאָס איז אויך קיין פאַל נישט אין קעגנזאַץ צו מיינע פּרינציפּן, ווי דאָס איז קלאָר פון דעם, וואָס איך האָב איצט געזאָגט; און עס וואָלט אויך פאַר דיר קלאָר געווען אפילו אָן מיין איצטערדיקער אויפ־קלערונג, ווען דו וואָלסט נישט פאַרגעסן דאָס, וואָס איז אַזוי אָפט געזאָגט געוואָרן פריער. אָבער וואָס שייך האַרטער קערפּערלעכער סובסטאַנץ, וואָלט איך געוואָלט, דו זאָלסט מיר באַווייזן, ווו זי ווערט ביי משהן דערמאָנט. אָבער אויב זי ווערט אפילו פון אים, אָדער פון וועלכן עס איז אַנדערן נביא, יאָ דערמאָנט, וועט נאָך אַלץ זיין דיין אויפגאַבע צו באַווייזן, אַז די דאָזיקע ווערטער ווערן נישט געברויכט אין פּשוטן אָנגענומענעם באַדייט פון חושימדיקע זאַכן, נאָר אין

דעם פילאָזאָפישן באַדייט פון מאַטעריע, אָדער פון אַן אומבאַקאַנטן עפּעס, וואָס האָט אַן אַבסאָלוטע עקזיסטענץ. ערשט דאַן (און נאָר דאַן), ווען דו וועסט באַווייזן די דאָזיקע פונקטן, וועסטו קאָנען אַריינברענגען אין אונדזער ויכּוח דעם אויטאָריטעט פון משהן.

הײלאַס – עס איז אומזיסט צו שטרייטן וועגן אַ פּונקט, וואָס איז אַזוי קלאָר. איך קאָן דאָס איבערלאָזן פאַר דיין אייגענעם געוויסן. ביסטו דען נישט איבערצייגט, אַז עס איז פאַראַן עפּעס אַ באַזונדערע סתּירה צווישן משהס באַריכט פון דער בריאה און דיינע באַגריפן?

פילאָנוס – אויב יעדע מעגלעכע אויסטייטשונג פון ערשטן קאַפּיטל פון בראשית וועט זיין אין הסכּם מיט מיינע פּרינציפּן, אַזוי גוט ווי מיט אַנדערע פּרינציפּן, דאַן איז קיין באַזונדערע סתּירה אין דעם נישטאָ. עס איז אָבער נישט פאַראַן קיין איין אויסטייטשונג, וואָס דו זאָלסט זי נישט קאָנען אָננעמען, אויב דו נעמסט אָן מיינע פּרינציפּן. מחמת אויסער גייסטיקע וועזנס באַגרייפסטו בלויז אידעען, און איך לייקן נישט זייער עקזיסטענץ, און דו פּרעטענדירסט נישט, אַז זיי עקזיסטירן אומאָפּהענגיק פון געדאַנק.

הײלאַס — גיב מיר וועלכע עס איז אויסטייטשונג פון ערשטן קאַפּיטל בראשית, וואָס דו קאָנסט אָננעמען.

פילאָנוס—איך שטעל מיר פאָר, אַז ווען איך וואָלט געווען דערביי, בעת גאָט האָט געשאַפן די וועלט, וואָלט איך געווען געזען ווי אַזוי זאַכן באַקומען זייער עקזיסטענץ — ד״ה, ווי אַזוי זיי ווערן עמפּינדבאַר — אין דעם סדר, ווי עס ווערט דערציילט ביי דעם הייליקן געשיכטשרייבער. איך

האָבּ אַלעמאָל געגלויבּט אין מעשה־בּראשית, ווי אַזוי זי ווערט דערציילט אין חומש, און איך געפין אויך איצט נישט קיין ענדערונג אין דעם אופן פון מיין גלויבּן. ווען עס ווערט געזאָגט, אַז זאַכן פאַנגען אָן אָדער ענדיקן זייער עקזיסטענץ, פאַרשטייען מיר דאָס נישט אין שייכות צו גאָט, נאָר אין שייכות צו זיינע בּרואים. אַלע אָבּיעקטן זענען פון אייבּיק אָן בּאַוווּסט צו גאָט, דאָס הייסט, מיט אַנדערע ווערטער, אַז זיי האָבּן אָן אייבּיקע עקזיסטענץ אין גאָטס געדאַנק. אָבּער ווען זאַכן, וואָס זענען פריער נישט עמפינדבּאַר צו געשאַפענע וועזנס, ווערן, דורך גאָטס בּאַפעל, יאָ עמפינדבּאַר צו זיי, דאַן זאָגן מיר, אַז זיי הויבּן אָן אַ רעלאַטיווע עקזיסטענץ לגבּי דעם געדאַנק פון געשאַפענע וועזנס. דעריבּער, ווען איך לייען אין חומש דעם בּאַריכט פון דער בּריאה, פאַרשטיי איך אונטער דעם, אַז די פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט זענען שטופּעסוויז געוואָרן עמפינדבּאַר צו ענדלעכע גייסטיקע וועזנס, וואָס זענען בּאַגאַבּט מיט די נויטיקע פעאי־קייטן דערפאַר; אַזוי אַרום, אַז ווער נאָר פון דעם מין, וואָס איז געווען דערביי, האָט זיי בּאמת עמפונדן. דאָס איז דער בּוכשטעבּלעכער קלאָרער זין, וואָס איך פאַרשטיי אין די ווערטער פון די הייליקע שריפטן, אין וועלכע עס איז נישט פאַראַן קיין רמז אָדער געדאַנק פון אַ סובּסטראַטום, אַן אינסטרומענט, אַ געלעגנהייט, אָדער אַן אַבּסאָלוטע עקזיסטענץ. און איך צווייפל נישט, אַז בּיי אַ גענויער אונטערזוכונג וועט זיך אַרויסווייזן, אַז דאָס רוב פּשוטע, ערלעכע מענטשן, וועלכע גלויבּן אין מעשה־בּראשית, טראַכטן נישט אַנדערש וועגן די דאָזיקע זאַכן, ווי איך. און

וואָס פאַר אַ מעטאַפיזישע באַגריפן דו לייגסט אַריַין אין בראשית, קאָנסטו נאָר אַליין וויסן.

הײלאַס — אָבער, פילאָנוס, דו באַמערקסט נישט, וויַיזט אויס, אַז דו טיילסט איַין די געשאַפענע זאַכן אין אָנפאַנג בלויז אַ רעלאַטיווע, און שליסלעך אַ באַדינגטע עקזיסטענץ, ד״ה, געבויט אויף דער סברה, אַז עס זענען געווען מענטשן זיי צו עמפינדן. אָן דעם מענטשן, קומט אויס, קאָן די אַבסאָלוטע עקזיסטענץ נישט אַקטואַליזירט ווערן, און דערין איז דער סוף פון דעם בריאה־אַקט. צי איז דעריבער פון דעם נישט קלאָר, אַז לויט דיַין שיטה נאָך איז די באַשאַפונג פון נישט־לעבעדיקע זאַכן אוממעג־לעך פריער פאַר דעם מענטשן? און צי איז דען דאָס נישט אַ דירעקטער ווידערשפּרוך צו משהס באַריכט?

פילאָנוס — אויף דעם וועל איך ענטפערן, ערשטנס — אַז געשאַפענע וועזנס קאָנען אָנהויבן זייער עק־זיסטענץ אין גערדאַנק נישט נאָר פון מענטשן, נאָר אויך פון אַנדערע באַשאַפענע פאַרשטאַנדיקע וועזנס. דו וועסט דערי־בער נישט קאָנען אויפוויַיזן קיין סתירה צווישן משהן און מיַינע באַגריפן, סיַידן דו וועסט צוערשט באַוויַיזן, אַז פריער פאַרן מענטשן האָט נישט עקזיסטירט קיין אַנדער מין ענדלעכע, באַשאַפענע גייסטיקע וועזנס. צווייטנס, זאָג איך, אַז אין פאַל ווען מיר זאָלן אויפפאַסן דעם אַקט פון בריאה אַזוי ווי מיר קאָנען אים זיך איצט פאָרשטעלן: אַ שטח פון פלאַנצן אָדער גרינסן פון אַלע מינים, וואָס זענען פראָ־דוצירט געוואָרן דורך אַן אומזעבאַרן כוח אין אַ מדבר, ווו קיינער איז נישט געווען דערביַי, — איז אַזאַ אופן פון דער־

קלערן אָדער באַגרייפן אויך אין הסכּם מיט מײַנע פּרינ־ציפּן, מחמת זיי נעמען בײַ דיר נישט אַוועק קיין שום זאַך, וואָס קאָן באַנומען ווערן מיט די חושים אָדער וואָס מען קאָן זיך פאָרשטעלן אין כּוח־הדמיון; און אַז דאָס שטימט גענוי מיט די פּשוטע, נאַטירלעכע און אומפּאַר־דאָרבענע באַגריפן פון דער מענטשהייט; און אַז דאָס מאַכט קלאָר, אַז אַלע זאַכן זענען אָפּהענגיק פון גאָט; און שליס־לעך פאַרמאָגט עס אַלע גוטע ווירקונגען אָדער אײַנפלוסן, וואָס אַ וויכטיקער עיקר פון אונדזער אמונה קאָן האָבן, ווײַל עס מאַכט מענטשן עניוותדיק, דאַנקבאַר און אונטערטעניק צו זייער באַשאַפער. איך וויל נאָך צוגעבן צו דעם, אַז אין דער דאָזיקער נאַקעטער אויפפאַסונג פון זאַכן, אויסגע־טאָן פון ווערטער, וועסטו נישט געפינען אַ וועלכן עס איז באַגריף, וואָס דו רופסט אָן די אַקטועלקייט פון אַבסאָלוטער עקזיסטענץ. דו קאָנסט באמת אויפ־הויבן אַ שטויב מיט די דאָזיקע טערמינען, און אַזוי אַרום צוועקלאָז פאַרלענגערן אונדזער ויכּוח. איך בעט דיך אָבער, דו זאָלסט רויק אַרײַנקוקן אין דײַנע אייגענע געדאַנקען און דאָן מיר זאָגן, אויב זיי זענען נישט קיין נוצלאָזער און אומפאַרשטענדלעכער זשאַרגאָן.

הײלאַס — איך בין מודה, אַז איך האָב נישט קיין זייער קלאָרן באַגריף וועגן די דאָזיקע טערמינען. אָבער וואָס וועסטו ענטפערן אויף דעם: צי זאָגסטו דען נישט, אַז די עקזיסטענץ פון חושימדיקע זאַכן באַשטייט אין זייער זײַן אין אַ געדאַנק? און צי זענען דען נישט אַלע זאַכן אייביק געווען אין געדאַנק פון גאָט? צי האָבן זיי

דען דעריבער נישט עקזיסטירט, לויט דײַן מיינונג נאָך, פון אייביק אָן? און ווי אַזוי קאָן דאָס, וואָס עקזיסטירט פון אייביק אָן, באַשאַפן ווערן אין צײַט? צי קאָן אַ װעלכע עס איז פראַגע בעסער און קלאָרער פאָרמולירט ווערן, ווי די, וואָס איך שטעל איצט?

פילאָנוס — צי האַלטסטו נישט, אַז גאָט האָט געוווסט אַלע זאַכן פון אייביק אָן?

היילאַס — זיכער.

פילאָנוס — האָבן זיי דאָך פון תּמיד אָן עקזיסטירט אין גאָטס אינטעלעקט.

היילאַס — דאָס בין איך מודה.

פילאָנוס — דעריבער קומט אויס, לויט ווי דו ביסט אַליין מודה, אַז קיין זאַך איז נישט נײַ, אָדער האָט נישט קײַן אָנפאַנג לגבי גאָטס געדאַנק. שטימען מיר, הייסט עס, איין אין דעם דאָזיקן פונקט.

היילאַס — טאָ ווי אַזוי זאָלן מיר דערקלערן די בריאה?

פילאָנוס — צי דאַרפן מיר נישט פאַרשטיין די בריאה בלויז אין שײַכות צו ענדלעכע גײַסטיקע וועזנס, און אַזוי אַרום זאָגן מיט רעכט, אַז אין שײַכות צו אונדז האָבן זאַכן אָנגעהויבן זייער עקזיסטענץ אָדער זענען באַשאַפן געוואָרן, ווען גאָט האָט באַפוילן זיי זאָלן ווערן עמפּינדבאַר צו אינטעליגענטע ברואים לויטן סדר און אופן, וועלכן ער האָט דענסטמאָל פעסטגעשטעלט, און וואָס מיר רופן איצט אָן די געזעצן פון דער נאַטור? דו קאָנסט דאָס אָנרופן אַ רעלאַטיווע אָדער באַדינג־

גטע עקזיסטענץ, אויב עס געפעלט דיר אַזוי. אָבער אַזוי לאַנג ווי דאָס פאַרשאַפט אונדז דעם נאַטירלעכסטן, קלאָרסטן און בוכשטעבלעכסטן זין פון משהס געשיכטע פון דער בריאה; אַזוי לאַנג ווי עס דינט די רעליגיעזע צוועקן פון דאָזיקן וויכטיקן עיקר פון אונדזער אמונה; קורץ, אַזוי לאַנג ווי דו קאָנסט נישט אָנגעבן קיין אַנדער זין אָדער באַדייט אָנשטאָט מיַין דערקלערונג, זע איך נישט איַין פאַרוואָס מיר זאָלן זי אָפּוואַרפן? אפשר כּדי צו־פרידנצושטעלן עפּעס אַ לעבערלעכן סקעפּטישן קאַפּריז, וואָס מאַכט יעדע זאַך פאַר זינלאָז און אומפאַרשטענדלעך? דו וועסט נישט זאָגן, בין איך זיכער, אַז דאָס איז וועגן גאָטס כּבוד וועגן. מחמת, ווען מען דערלויבט די סברה, אַז עס איז מעגלעך און באַגרייפלעך, דאָס די קערפּערלע־בע וועלט זאָל קאָנען האָבן אַן אַבסאָלוטע עקזיסטענץ נישט נאָר מחוץ פון די געדאַנקען פון אַלע באַשאַפענע גיַיסטיקע וועזנס, נאָר אויך מחוץ פון גאָטס געדאַנק, — ווי אַזוי קאָן דאָס דינען אַלס באַוויַיז פאַר דער אומענדלעכ־קייט אָדער אַלוויסנהייט פון גאָט, אָדער פאַר דער נויט־ווענדיקער און אוממיטלבאַרער אָפּהענגיקייט פון אַלע זאַכן פון אים? פאַרקערט, צי זעט דאָס נישט גיבער אויס, ווי אַ פאַרמינערונג פון די דאָזיקע אַטריבוטן?

הײַלאַס — נו גוט; וואָס זאָגסטו אָבער, פילאָנוס, בנוגע דעם דאָזיקן באַפעל פון גאָט, וואָס מאַכט אַלע זאַכן עמפּינדבאַר? איז דען נישט קלאָר, אַז ענטוועדער גאָט האָט פון אייביק אָן אויסגעפירט דעם דאָזיקן באַפעל, אָדער, אַז אין אַ געוויסער ציַיט האָט ער אָנגעהויבן צו וועלן

דאָס, וואָס ער האָט אין דערווירקלעכקייט פריער נישט געוואָלט, נאָר בלויז געהאַט אין זינען צו ווען? אויב דאָס ערשטע איז ריכטיק, דאַן האָט דאָך נישט געקאָנט זײַן קיין אַקט פון בריאה אָדער אַן אָנפאַנג פון עקזיסטענץ פון ענד־לעכע זאַכן; אויב דאָס צווייטע איז ריכטיק, דאַן מוזן מיר אָננעמען, אַז אין גאָט איז פאָרגעקומען עפּעס נײַעס, און דאָס איז כולל דעם געדאַנק פון פאַרענדערונג; און יעדע פאַרענדערונג באַדייט אומפאָלקאָמענהייט.

פילאָנוס – איך בעט דיך, הײַלאַס, באַטראַכט נאָר ווזהין דאָס פירט: איז דען נישט קלאָר, אַז די דאָזיקע אײַנווענדונג האַלט אויס קעגן בריאה אין יעדן זין; נאָך מער, זי האַלט אויס קעגן אַלע אַנדערע מעשים פון גאָט, וועלכע מיר קאָנען דערקענען אין ליכט פון דער נאַטור? מיר קאָנען קיין איינע פון זײַנע מעשים נישט באַגרײַפן, סײַדן אַלס געשעענישן אין צײַט, וואָס האָבן אַן אָנפאַנג. גאָט איז אַ וועזן פון למעלה מן השכלדיקע און אומבאַגרענעצטע פאָלקאָמענהייטן. זײַן נאַטור איז דע־ריבער אומבאַגרײַפבאַר פאַר ענדלעכע גײַסטיקע וועזנס. מען קאָן דעריבער נישט דערוואַרטן, אַז אַ וועלכער עס איז מענטש, אַ מאַטעריאַליסט אָדער נישט־מאַטעריאַליסט, זאָל האָבן פּינקטלעך־ריכטיקע באַגריפן וועגן גאָט, זײַנע אַטריבוטן און דעם אופן פון זײַן ווירקן. אויב דו ווילסט עפּעס אַרויסדרינגען קעגן מיר, דאַרפסטו זיך נישט שטיצן אויף דער אומפאָלקאָמענהייט פון אונדזערע באַגריפן וועגן דער געטלעכער נאַטור, מחמת דאָס איז אומפאַרמײַדלעך לויט אַלע שיטות נאָך; דו דאַרפסט זיך יאָ שטיצן אויף מײַן

לײקענען די מאַטעריע, אָבער װעגן דעם איז אין דײַן אײַנ־װענדונג נישטאָ קײן אײן װאָרט, נישט דירעקט און נישט אומדירעקט.

הײלאַס – איך מוז מודה זײַן, אַז דײַן אױפֿגאַבע איז צו דערקלערן בלױז די שװעריקײטן, װעלכע זענען אַ פּועל־יוצא פֿון דײַן לײקענען אין דער עקזיסטענץ פֿון מאַטעריע, און זענען כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן דאָזיקן באַ־גריף. אױך אַזױ װײַט ביסטו געראַטן. אָבער איך קאָן זיך פֿאָרט נישט באַפֿרײַען פֿון דעם געדאַנק, אַז עס איז פֿאַראַן עפּעס אַן אײגנטימלעכע סתּירה צװישן דער בריאה און דײַן אָנשױונג; הגם איך װײס נישט גענױ אין װאָס די סתּירה באַשטײט.

פֿילאָנוס – אין װאָס גײט דיר? צי אָנערקען איך דען נישט אַ צװײ־אופֿנימדיקן צושטאַנד פֿון זאַכן – אײנעם אַן אָפּבילדערישן אָדער אַ נאַטירלעכן, און דעם צװײטן אַן אורבילדערישן און אײביקן? דער ערשטער איז באַשאַפֿן געװאָרן אין צײַט, דער צװײטער עקזיסטירט פֿון אײביק אָן אין גאָטס געדאַנק. צי שטימט דאָס נישט מיט די גע־װײנטלעכע באַגריפֿן פֿון די טעאָלאָגן? אָדער צי באַדאַרף מען נאָך עפּעס מער, כּדי צו באַגרײַפֿן די בריאה? אָבער דו ביסט חושד עפּעס אַן אײגנטימלעכע סתּירה, הגם דו װײסט נישט אין װאָס זי באַשטײט. כּדי צו באַזײַטיקן יעדן מעגלעכן צװײפֿל, באַטראַכט בלױז דעם פֿאָלגנדן אײנ־ציקן פּונקט. אײנס פֿון די בײדע: אױב דו האַלטסט, אַז די בריאה איז נישט באַגרײַפֿבאַר לױט קײן שום היפּאָטע־זע, דאַן האָט נישט קײן זין צו געפֿינען חסרונות און באַ־

שטרייטן וועלכע עס איז איינצלנע מיינונג אויפן דאָזיקן סמך; קאָנסטו ווידער יאָ באַגרייפן די בריאה, פאַרוואָס זשע נישט אויף דעם גרונט פון מײַנע פרינציפן, ווײַל לויט זיי ווערט דאָך נישט אויסגעשלאָסן קיין זאַך, וואָס איז באַגרייפבאַר. די גאַנצע צײַט פון אונדזער ויכּוח האָסטו געהאַט די פולע פרײַהייט זיך צו באַנוצן מיט די חושים, מיטן כּוח־הדמיון און פאַרשטאַנד. דעריבער, וואָס נאָר דו האָסט געקאָנט באַנעמען, מיטלבאַר אָדער אוממיטלבאַר, דורך דײַנע חושים אָדער דורך לאָגישע שלוסן, אויפן סמך פונם גבֿית־עדות פון די חושים; וואָס נאָר דו קאָנסט עמפינדן, זיך פאָרשטעלן אין כּוח־הדמיון אָדער פאַרשטיין, — אָט דאָס בלײַבט נאָך אַלץ דײַן אייגנטום. דעריבער, אויב דער באַגריף פון דער בריאה, וואָס דו האָסט זיך געשאַפן אויפן גרונט פון אַנדערע פרינציפן, איז פאַרשטענדלעך, — ווײַל איך אָנווײַזן, אַז עס איז פונקט אַזוי פאַרשטענדלעך אויפן גרונט פון מײַנע פרינציפן; און אויב דער באַגריף איז נישט פאַרשטענדלעך, האַלט איך, אַז דאָס איז בכלל קיין באַגריף נישט און דו פאַרלירסט גאָרנישט דערבײַ, ווען דו זאָגסט זיך אָפּ פון אים. און ווירקלעך, פאַר מיר איז גאַנץ קלאָר, אַז די השערה פון מאַטעריע, ד״ה אַ זאַך, וואָס איז אין גאַנצן אומבאַוווּסט און אומבאַגרייפבאַר, קאָן אונדז נישט העלפן צו באַגרייפן וועלכע נישט איז זאַך. און איך האָף, אַז נאָך דעם ווי איך האָב באַוויזן, אַז די עקזיסטענץ פון מאַטעריע מאַכט נישט די בריאה באַגרייפבאַר, וועט שוין נישט נייטיק זײַן צו באַווײַזן, אַז די נישט־באַגרייפבאַרקייט פון דער בריאה אָן מאַטעריע קאָן נישט דינען

אַלס אַ באַווײַז קעגן דער נישט-עקזיסטענץ פון מאַטעריע.

הײלאַס — איך בין מודה, פילאָנוס, אַז אין דאָ-זיקן פּונקט וועגן דער בריאה האָסטו מיך במעט באַפרײַדיקט.

פילאָנוס — איך וואָלט גערן געוואָלט וויסן, פאַר-וואָס דו ביסט נישט אין גאַנצן באַפרידיקט. אמת, דו רעדסט מיר וועגן אַ ווידערשפּרוך צווישן משהס געשיכטע און דעם אי־מאַטעריאַליזם, דו ווײסט אָבער נישט אין וואָס ער באַשטײט. איז דאָס פאַרנינפטיק, הײלאַס? קאָנסטו דערוואַרטן, אַז איך זאָל לײזן אַ שוועריקײט, נישט וויסנ-דיק אין וואָס זי באַשטײט? לאָמיר דאָס אָבער אַלץ לאָזן אָן אַ זײַט, — צי קאָן מען נישט קלערן, אַז דו ביסט זי-כער, דאָס עס איז נישט פאַראַן קײן סתירה צווישן די אָנ-גענומענע באַגריפן פון די מאַטעריאַליסטן און דער הײלי-קער שריפט?

הײלאַס — אַזוי מײן איך.

פילאָנוס — צי דאַרף דער היסטאָרישער טײל פון חומש פאַרשטאַנען ווערן אין אַ פּשוטן קלאָרן זין, אָדער אין אַ מעטאַפיזישן און נישט-געוויינטלעכן זין?

הײלאַס — בלי ספק, — אין אַ קלאָרן זין.

פילאָנוס — ווען משה רעדט וועגן קרײַטעכצער, ערד, וואַסער אא״וו, אַז זײ זענען באַשאַפן געוואָרן פון גאָט, צי גלויבסטו נישט, אַז יעדער נישט פילאָזאָפישער לײענער וועט אונטער דעם פאַרשטײן די חושימדיקע זאַכן, וואָס ווערן געוויינטלעך באַצײכנט מיט די דאָזיקע ווער-טער?

הײלאַס — איך קאָן אַנדערש נישט אָננעמען.

פילאָנוס - און צי לײקנט דען נישט די מאַטע־ריאַליסטישע לערע די װירקלעכע עקזיסטענץ פון אַלע אי־דעען אָדער זאַכן, װאָס װערן עמפּונדן דורך די חושים?

הײלאַס - דאָס האָב איך שוין פּרוּער צוגעגעבן.

פילאָנוס - די בריאה איז אַזױ אַרום, לויט זײער שיטה נאָך, נישט געװען אַ בריאה פון חושימדיקע זאַכן, װאָס האָבן בלויז אַ רעלאַטיװע עקזיסטענץ, נאָר פון געװי־סע אומבאַװוּסטע נאַטורן, װאָס האָבן אַן אַבסאָלוטע עקזיס־טענץ, אין װעלכער די בריאה קאָן זיך פאַרענדיקן.

הײלאַס - אמת.

פילאָנוס - איז דען דעריבער נישט קלאָר, אַז די, װאָס נעמען אָן מאַטעריע, פאַרניכטן דעם פשוטן קלאָרן זין פון משהס װערטער, מיט װעלכע זײערע באַגריפן זע־נען לחלוטין נישט אין הסכם, און אַנשטאָט דעם צװינגען זײ אַרויף אויף אונדז - איך װײס נישט װאָס, - אַן עפּעס, װאָס איז פּונקט אַזױ אומפאַרשטענדלעך פאַר זײ, װי פאַר מיר?

הײלאַס — איך קאָן דאָס נישט באַשטרײטן.

פילאָנוס - משה דערצײלט אונדז װעגן אַ בריאה, — אַ בריאה פון װאָס? פון אומבאַװוּסטע עפּעסן, פון געלעגנהײטן אָדער אַ סובסטראַטום? זיכער נישט; בלויז פון זאַכן, װאָס זענען קלאָר פאַר די חושים. דו מוזט צוערשט שלום מאַכן צװישן דעם און דײַנע באַגריפן, אויב דו דערװאַרטסט, איך זאָל זײ אָננעמען.

הײלאַס – איך זע אײַן, אַז דו קאָנסט מיך אָנגרײַפֿן מיט מײַנע אײגענע װאָפֿן.

פֿילאָנוס – און איצט בנוגע **אַבסאָלוטער עקזיסטענץ**; צי קאָן דען געמאָלט זײַן אַ מער פּוסטער באַגריף, װי דער? עס איז עפּעס, װאָס איז אַזױ אַבסטראַקט און אומפֿאַרשטענדלעך, אַז דו האָסט אַלײן אָפֿנהאַרציק צוגעגעבן, אַז דו קאָנסט עס נישט באַגרײַפֿן, און נאָך װײניקער קאָנסטו עפּעס דערקלערן דערמיט. לאָמיר אָבער אָננעמען, אַז מאַטעריע עקזיסטירט, און אַז דער באַגריף פֿון אַבסאָלוטער עקזיסטענץ איז קלאָר װי דער טאָג, — פֿרעג איך, צי איז אונדז באַװוּסט אַ פֿאַל, װאָס דורך אים זאָל די בריאה װערן מער אָנגעמבאָר? אדרבה, דאָס האָט דאָך צוגעשטעלט די אַטעאיסטן און נישט־גלײביקע פֿון אַלע צײַטן דאָס, װאָס שײַנט צו זײַן די בעסטע אַרגומענטן קעגן דער בריאה. אַז אַ קערפּערלעכע סובסטאַנץ, — װאָס האָט אַן אַבסאָלוטע עקזיסטענץ, אומאָפּהענגיק פֿון געדאַנק פֿון גײַסטיקע װעזנס, — זאָל באַשאַפֿן װערן פֿון גאָרנישט, בלױז דורך דעם װילן פֿון אַ גאָט, איז באַטראַכט געװאָרן פֿאַר עפּעס, װאָס איז אַזױ להיפּוכדיק צום פֿאַרשטאַנד, אַזױ אוממעגלעך און אַבסורד, אַז נישט נאָר דער גרעסטער פֿון די פֿילאָזאָפֿן פֿון אַלטערטום, נאָר אױך פֿאַרשײדענע מאָדערנע און קריסטלעכע פֿילאָזאָפֿן האַלטן, אַז מאַטעריע האָט עקזיסטירט פֿון אײביק אָן צוזאַמען מיט גאָט. נעם אָט די אַלע זאַכן צוזאַמען און אורטײל דאָן אַלײן, צי דער מאַטעריאַליזם האָט באַאײַנפֿלוסט מענטשן זײ זאָלן גלײבן, אַז זאַכן זענען באַשאַפֿן געװאָרן.

הײלאַס — איך גיב צו, פילאָנוס, אַז איך גלויב נישט דערין. דאָס איז די לעצטע אײַנווענדונג, וואָס איך האָב געהאַט בנוגע דער בריאה; און איך מוז מודה זײַן, אַז זי איז צופרידנשטעלנדיק פאַרענטפערט געוואָרן, פונקט ווי די פריערדיקע אײַנווענדונגען. איצט בלײַבט בלויז בײַצוקומען עפּעס אַ מין מאָדנעם ווידערווילן, וואָס איך שפּיר קעגן דײַנע באַגריפן.

פילאָנוס — ווען אַ מענטש איז גענייגט צו איין לייזונג פון אַ שטרײַט־פראַגע, און ווייסט נישט פאַרוואָס, — צי דאַרף מען דאָס נישט באַטראַכטן פאַר אַ פּועל־יוצא פון פאַראורטיילן, וועלכע פאַרפעלן קיינמאָל נישט צו באַגלייטן אַלטע, אײַנגעוואָרצלטע באַגריפן? און איך קאָן באמת נישט לייקענען, אַז פאַר געבילדעטע מענטשן האָט דער גלויבן אין מאַטעריע אַן איבערגעוויכט איבער דער פאַרקערטער מיינונג.

הײלאַס — איך בין מודה, אַז וואָס דו זאָגסט ווײַזט אויס צו זײַן אמת.

פילאָנוס — לאָמיר־זשע אַנטקעגן דעם געוויכט פון פאַראורטייל אַרויפשטעלן אויף דער וואָגשאָל די גרויסע געווינסן, וואָס פליסן פון גלויבן אין אי־מאַטעריאַליזם סײַ פאַר דער רעליגיע און סײַ פאַר דער מענטשלעכער וויסנשאַפט. צי זענען דען די צוויי וויכטיקע עיקרים פון רעליגיע, די מציאות פון אַ גאָט און די אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה, נישט באַוויזן געוואָרן מיט די קלאָרסטע און אוממיטלבאַרסטע באַווײַזן? ווען איך זאָג די מציאות פון אַ גאָט, מיין איך נישט אַ טונקעלע, אַלגעמיי־

נע אורזאַך פון זאַכן, פון וועלכער מיר האָבן נישט קיין באַגריף, נאָר גאָט אין דעם שטרענגן, געהעריקן זין פון וואָרט. אַ וועזן, וועמענס גייסטיקייט, אַלגעגנוואַרטיקייט, השגחה, אַלוויסנהייט, אומענדלעכער כּוח און גוטסקייט זע־נען פונקט אַזוי דײַטלעך קלאָר, ווי די עקזיסטענץ פון חושימדיקע זאַכן, אין וועלכע (טראָץ די פעלערהאַפטע פּרעטענזיעס און אָנשטעלערישע ספקות פון די סקעפּטי־קער) מיר האָבן נישט קיין גרונט צו צווייפלען מער, ווי אין אונדזער אייגענער עקזיסטענץ. איצט בנוגע די מענטש־לעכע וויסנשאַפטן ; צו וואָס פאַר אַ פּלאָנטערנישן, נישט־קלאָרקייטן און ווידערשפּרוכן עס האָט פאַרפירט אין דער נאַטור־פילאָזאָפיע דער גלויבן אין מאַטעריע ! שוין אָפּגע־רעדט פון די אומצאָליקע ויכּוחים וועגן איר אויסגעשפּרייט־קייט, קאָנטינואיטעט, גלײַכאַרטיקייט, שווערקראַפט, צע־טיילבאַרקייט, אאַ״וו. צי פּרעטענדירן זיי נישט, אַז זיי דערקלערן אַלע זאַכן דורך דער ווירקונג פון קערפּערס אויף קערפּערס, לויט די געזעצן פון באַוועגונג, הגם זיי זענען נישט בכּוח צו באַגרייפן ווי אַזוי איין קערפּער קאָן באַוועגן אַ צווייטן ? לאָמיר אַפילו אָננעמען, אַז עס איז נישטאָ קיין שוועריקייט שלום צו מאַכן צווישן דעם באַ־גריף פון אַ נישט־טעטיק וועזן מיטן באַגריף פון אַ אורזאַך, אָדער צו באַגרייפן, ווי אַזוי דער צושטאַנד פון איין קער־פּער קאָן איבערגיין צום צווייטן ; צי זענען זיי, מיט אַלע זייערע אָנגעצויגענע געדאַנקען און איבערגעטריבענע השערות, געווען בכּוח צו פּראָדוצירן מעכאַניש אַ וועל־כע עס איז אייגצלנע חיה אָדער אַ פּלאַנצן־קערפּער ? צי

קאָנען זיי, לויט די געזעצן פון באַוועגונג, דערקלערן קלאַנגען, טעמים, ריחות און קאָלירן? אָדער דעם רעגלמעסיקן גאַנג פון זאַכן? צי האָבן זיי, לויט די פּרינציפּן פון פיזיק, דערקלערט די צוגעפּאַסטקייט און פּלאַנמעסיקע איינריכטונג אַפילו פון דעם אומבאַדייטנדסטן טייל פון קאָסמאָס? ווען מיר באַזייטיקן אָבער מאַטעריע און קערפּערלעכע אורזאַכן, און מיר אָנערקענען בלויז די ווירקזאַמקייט פון אַ אַל-פּערפעקטן געדאַנק, — צי ווערן דאַן נישט לייכט און פאַרשטענדלעך אַלע ווירקונגען פון דער נאַטור? אויב די פענאָמענען זענען נישט עפּעס אַנדערש ווי אידעען, דאַן איז גאָט גייסט; מאַטעריע אָבער איז אַ וועזן, וואָס האָט נישט קיין פאַרשטאַנד און קאָן נישט עמפּינדן. אויב די פענאָמענען זענען אַ באַווייז, אַז זיי זענען פאַראורזאַכט געוואָרן פון אַן אומענדלעכן כוח, — איז גאָט אַקטיוו און אַלמעכטיק, מאַטעריע אָבער איז אַ נישט-אַקטיווע מאַסע. אויב די אָרדנונג, רעגלמעסיקייט און נוצלעכקייט פון די פענאָמענען קאָנען קיינמאָל נישט גענוג באַוואונדערט ווערן, — איז גאָטס חכמה און השגחה אומענדלעך; מאַטעריע אָבער קאָן גאָרנישט פּלאַנירן אָדער פאָרויסזען. דאָס אַלץ איז, זיכער, פון גרויס וויכטיקייט אין דער פיזיק. שוין אָפּגערעדט פון דעם, אַז דער באַגריף פון אַ גאָט, וואָס איז ווייט פון מענטשן, ווירקט אויף די דאָזיקע לעצטע זיי זאָלן ווערן נאַכלעסיק אין זייערע מאָראַלישע האַנדלונגען, בעת זיי וואָלטן געווען מער פאָרזיכטיק, ווען זיי וואָלטן געגלייבט, אַז גאָט איז אָנוועזנד אוממיטלבאַר און ווירקט אויף זייערע געדאַנקען אָן דער פאַרמיטלונג פון

מאַטעריע אָדער נישט־דענקנדיקע אורזאַכן פון דער צווייַ־טער מדרגה. און איצט אין דער מעטאַפיזיק: וואָס פאַר אַ שוועריקייטן עס זענען פאַראַן בנוגע אַבסטראַקטן וועזן, סובסטאַנציעלע פאָרמען *), פּרינציפּן, וואָס באַהערשן מאַ־טעריע, פּלאַסטישע נאַטורן **), סובסטאַנצע און אַקצידענטן, פּרינציפּן פון אינדיווידואַליזירונג, מעגלעכקייט, אַז מאַטעריע דענקט, אורשפּרונג פון אידעען, און דער אופן ווי אַזוי צוויי אומאָפּהענגיקע סובסטאַנצן, ווי גײַסט און מאַטעריע, וועלכע זענען אַזוי פאַרשיידן איינע פון דער אַנדערער, זאָלן קעגנזייטיק ווירקן איינע אויף דער אַנדערער. פון וויפל שוועריקייטן און ענדלאָזע פאַרשונגען בנוגע די און אַנדערע צאָללאָזע פונקטן פון דעם מין ווערן מיר פּטור, ווען מיר נעמען אָן בלויז גײַסטיקע וועזנס און אי־דעען? אפילו די מאַטעמאַטיק גופא ווערט אַ סך קלאָ־רער און לײַכטער, ווען מיר באַזײַטיקן די סברה פון אַב־סאָלוטער עקזיסטענץ פון אויסגעשפּרייטע זאַכן; די שווי־דערלעכסטע פּאַראַדאָקסן און פאַרפּלאָנטערטסטע ספּעקו־לאַציעס אין די דאָזיקע וויסנשאַפטן, וועלכע שטיצן זיך

---

*) סובסטאַנציעלע פאָרמען: די פאָרם אָדער טבע, וועלכע גיט צו דער אינדיווידועלער סובסטאַנץ איר ספּעציפישן כאַראַקטער. (איבערזעצער).

**) פּלאַסטישע נאַטורן: אַ לערע, וואָס נעמט אָן די עקזיסטענץ פון אַ נישט־קערפּערלעכער באַשאַפענער סובסטאַנץ, וואָס איז אויסגעשפּרייט, פאַרמאָגט די לעבנסאייגנשאַפטן פון פלאַנצן, אָבער נישט די אייגנשאַפטן פון עמפינדן און דענקען. די דאָזיקע סובסטאַנץ דרינגט דורך דעם גאַנצן קאָסמאָס, און אונטער דער השפּעה פון גאָט באַוועגט עס די מאַטעריע צו פּראָדוצירן די פענאָמענאַלע וועלט. (איבערזעצער).

אויף דער אומענדלעכער צעטיילבאַרקייט פון ענדלעכער אויסגעשפּרייטקייט, זענען באַזירט אויף דער דאָזיקער השערה. אָבער צוליב וואָס זיך אָפּשטעלן אויף איינצלנע וויסנשאַפטן? צי איז נישט די קעגנערשאַפט צו יעדער וויסנשאַפט בכלל, — אָט די משוגעת פון די אַלטע און מאָדערנע סקעפּטיקער, - געבויט אויף דעם זעלביקן פונדאַמענט? אָדער צי קאָנסטו ווייניקסטנס ברענגען איין אַרגומענט קעגן דער ווירקלעכקייט פון קערפּערלעכע זאַכן, אָדער לטובת דער מיינונג, אַז מיר ווייסן לחלוטין גאָרנישט וועגן זייער נאַטור — וואָס זאָל נישט זיין געבויט אויף דער סברה, אַז זייער רעאַליטעט באַשטייט אין אַ אויסערלעכער אַבסאָלוטער עקזיסטענץ? און ווירקלעך, אויפן גרונט פון דער דאָזיקער השערה מוזן מיר צוגעבן, אַז עס איז פאַראַן געוויכט אין די איינוועדונגען, וואָס באַזירן אויף דער ענדערונג פון די קאָלירן אויף אַ טויבס האַלדז, אָדער אויף דער דערשיינונג פון אַ צעבראָכענעם רודער אין וואַסער. אָבער די און ענלעכע איינוועדונגען פאַרשווינדן, ווען מיר נעמען נישט אָן די עקזיסטענץ פון אַבסאָלוטע דרויסנדיקע אָריגינאַלן, נאָר מיר נעמען אָן, אַז די ווירקלעכקייט פון זאַכן איז אין אידעען. אמת, זיי זענען פליסנד און פאַרענדערלעך — דאָך פאַרענדערן זיי זיך נישט צופעליק, נאָר לויט דעם באַשטימטן סדר פון דער נאַטור. ווייל אין דעם באַשטייט די שטאַנדהאַפטיקייט און אמתדיקייט פון זאַכן, וואָס פאַרזיכערט די אינטערעסן פון לעבן, און אונטערשיידט דאָס **ווירקלעכע** פון די **נישט רעגל־מעסיקע וויזיעס** פון דער פאַנטאַזיע.

הײלאַס - איך בין מסכּים מיט אַלץ, וואָס דו האָסט געזאָגט, און איך מוז צוגעבן, אַז די מעלות, וואָס באַגלייטן דײַנע מיינונגען, ווירקן אויף מיר אַמשטאַרקסטן איך זאָל זיי אָננעמען. פון דער נאַטור בין איך פויל, און דײַנע אָנשווינגען וואָלטן געוואַלטיק פאַרקירצט דעם וועג פון דער דערקענטעניש. וויפל ספקות, וויפל היפּאָטעזן, וויפל פאַרפּלאָנטערטע פּלפּולים, וויפל אומצאָליקע ויכּוחים און וואָס פאַר אַ ים פון פאַלשע לומדות קאָן אויסגעמיטן ווערן דורך דעם איינציקן באַגריף פון אי־מאַטעריאַ־ליזם!

פילאָנוס — נאָך דעם אַלעם, צי בלײַבט דיר עפּעס אַנדערש צו טאָן? דו וועסט זיך אפשר דערמאָנען, אַז דו האָסט צוגעזאָגט אָנצונעמען די מיינונג, וואָס וועט זיך, נאָך אַ גענויער אונטערזוכונג, אַרויסווײַזן צום מערסטן אין הסכּם מיטן פּשוטן שׂכל און אַמווײַטסטנס פון סקעפּטיציזם. לויט ווי דו האָסט אַליין צוגעגעבן, איז דאָס די מיינונג, וועלכע לייקנט מאַטעריע אָדער אַבסאָלוטע עקזיסטענץ פון קערפּערלעכע זאַכן. און דאָס איז נאָך נישט אַלץ; דער זעלביקער באַגריף איז באַוויזן געוואָרן אויף פאַרשיידענע אופנים, ער איז באַטראַכט געוואָרן אין פאַרשיידענע באַלײַכ־טונגען, זײַנע קאָנסעקווענצן זענען נאָכגעפאָרשט געוואָרן און אַלע אײַנווענדונגען קעגן אים זענען באַזײַטיקט גע־וואָרן. צי קאָן דען זײַן אַ שטאַרקערער באַווײַז פאַר זײַן אמת? אָדער צי איז מעגלעך, ער זאָל האָבן אַלע סימנים פון אַן אמתער מיינונג און דאָך זײַן פאַלש?

הײלאַס — איך דערקלער, אַז אין איצטיקן מאָ־

מענט בײַן איך פֿולשטענדיק באַפֿרידיקט אין אַלע הינזיכטן. אָבער ווי אַזוי קאָן איך זײַן זיכער, אַז איך וועל אויך ווײַטער פֿאַרבלײַבן אין פֿולשטענדיקן הסכם מיט דײַנע מיינונגען, אַז עס וועט זיך שפּעטער נישט באַווײַזן קיין נישט־פֿאָרויסגעזעענע אײַנווענדונג אָדער שוועריקייט?

פֿילאָנוס — זאָג מיר, הילאַס, צי אויך אין אַנדערע פֿאַלן, ווען אַ זאַך ווערט קלאָר באַוויזן, האַלטסטו זיך אָפּ פֿון אָנערקענען די ריכטיקע טעזע בלויז צוליב דעם, טאָמער וועלן שפּעטער אויפֿקומען נײַע אײַנווענדונגען אָדער שוועריקייטן? צי וועסטו זיך אָפּזאָגן פֿון מאַטעמאַטישע באַווײַזן צוליב די שוועריקייטן, וואָס באַגלייטן די לערע פֿון אומבאַוווסטע קוואַנטיטעטן*) (Incommensurable Quantities), אַסימפּטאָטן**) און באַרירונגס־ווינקלען***) (Angles of Contact)? אָדער צי וועסטו לייקענען אין דער השגחה פֿון

*) צווי קוואַנטיטעטן פֿון זעלבן מין, וואָס ביידע קאָנען נישט אויסגעדריקט ווערן אין גאַנצע צאָלן, אין טערמינען פֿון אַ געמיינזאַמער איינהייט, ווערן אָנגערופֿן אוממעסטבאַרע קוואַנטיטעטן.

אין מאַטעמאַטישע באַווייזן באַנוצט מען זיך מיט קוואַנטיטעטן, וואָס קאָנען נישט אויסגעדריקט ווערן אין עקזאַקטע, נאָר אין ב ע ר ך פּינקטלעכע צאָלן, למשל, דער קוואַדראַט־וואָרצל פֿון 2. און דאָך זאָגט מען זיך נישט אָפּ פֿון די באַווייזן איבער דעם דאָזיקן טעם. (איבערזעצער).

**) אַסימפּטאָט: אין דער מאַטעמאַטיק אַ גראַדע ליניע, צו וועלכער עס האַלט זיך אין איין דערנענטערן אַ קרומע ליניע, אָבער דערגרייכט זי קיינמאָל נישט. (איבערזעצער).

***) מיר האָבן אָנגעפֿרעגט בײַ מאַטעמאַטיקער וועגן דעם טערמין „באַרירונגס־ווינקלען“ און ווי עס ווייזט אויס, איז דער טערמין נישט באַקאַנט אין דער איצטיקער מאַטעמאַטיק. (איבערזעצער).

גאָט בלויז דערפֿאַר, ווײַל דו ווייסט נישט ווי אַזוי שלום צו מאַכן צווישן געוויסע איינצלנע פּאַסירונגען מיט דעם געדאַנק פֿון השגחה? אויב עס זענען פֿאַראַן שוועריקייטן, וואָס באַגלייטן דעם אי־מאַטעריאַליזם, זענען אָבער דאָ אין דער זעלביקער צײַט דירעקטע און קלאָרע באַווײַזן דערפֿאַר. פֿאַר דער עקזיסטענץ אָבער פֿון מאַטעריע איז נישט פֿאַראַן קיין איין באַווײַז, בעת עס זענען פֿאַראַן קעגן דעם אַ סך אײַנווענדונגען, וועלכע מען קאָן נישט בײַקומען. אָבער ווו זענען די געוואַלטיקע שוועריקייטן, וועגן וועלכע דו האָסט גערעדט? לײדער! דו ווייסט נישט ווו און וואָס זיי זענען; אפשר וועט עפּעס וואָס פּאַסירן ווען עס איז אין דער צוקונפֿט. אויב דאָס זאָל זײַן אַ גענוגנדע סיבה אויף אָפּצוהאַלטן זיך פֿון אָנערקענען מײַנע טענה, דאַן דאַרפֿסטו קיינמאָל נישט צושטימען צו קיין שום באַהויפּטונג, ווי פֿרײַ דער כּלל זאָל נישט זײַן פֿון אויסנאַמען, און ווי קלאָר און גרונטיק ער זאָל נישט האָבן באַוויזן געוואָרן.

ה י י ל אַ ס – דו האָסט מיך איבערצײַגט, פֿילאָנוס.

פֿ י ל אָ נ ו ס – אָבער כּדי דיך צו באַוואָפֿענען קעגן אַלע צוקונפֿטיקע אײַנווענדונגען, נעם אין באַטראַכט בלויז פֿאָלגנדעס: דאָס, וואָס גרייפֿט אָן מיט גלײַכער שאַרפֿקייט צוויי סתּירהדיקע מיינונגען, קאָן נישט זײַן קיין באַווײַז קעגן קיינער פֿון זיי. דעריבער, ווי נאָר דו באַגעגנסט זיך מיט וועלכער עס איז שוועריקייט, פּרוביר צי דו קאָנסט זי לייזן לויט דער היפּאָטעזע פֿון די מ אַ ט ע ר י אַ ל י ס ט ן. לאָז זיך נישט אָפּנאַרן דורך ווערטער, דערגרונטעווע דײַנע

אייגענע געדאַנקען. און אויב דו קאָנסט עס נישט ליבטער באַגרייפן מיט דער הילף פון מ אַ ט ע ר י אַ ל י ז ם, איז דאָך קלאָר, אַז דאָס קאָן נישט זיין קיין איינווענדונג קעגן אי־מ אַ ט ע ר י אַ ל י ז ם. וואָלסטו זיך געהאַלטן די גאַנצע צייט אָן דאַזיקן כלל, וואָלסטו זיך אפשר געהאַט איינגעשפּאָרט אַ סך מי ביים מאַכן איינווענדונגען; מחמת פון אַלע דיינע שוועריקייטן פאָדער איך דיך אויף צו ווייזן כאָטש איינע, וואָס דערקלערט זיך דורך מאַטעריע; פאַרקערט, זי ווערט אומפאַרשטענדלעכער מיט ווי אָן דער דאַזיקער סברה, און במילא רעדט עס גיכער קעגן ווי פאַר דער סברה פון מאַ־טעריע. אין יעדן באַזונדערן פאַל דאַרפסטו באַטראַכטן, צי די שוועריקייט נעמט זיך פון דער נ י ש ט ־ ע ק ז י ס ט ע נ ץ פ ו ן מ אַ ט ע ר י ע. אויב עס נעמט זיך נישט פון דעם, קאָנסטו אויפן סמך פון דער אומענדלעכער צעטיילבאַרקייט פון אויסגעשפּרייטקייט פונקט אַזוי לייקענען אין געטלעכן פּאַרויסוויסן, ווי באַנוצן די דאַזיקע שוועריקייט אַלס אַרגו־מענט קעגן אי־מאַטעריאַליזם. און אויב דו וועסט זיך גוט דערמאָנען, וועסטו איינזען, גלויב איך, אַז אויב נישט תמיד, איז דאָס אָפט געווען דער פאַל אין אונדזער דיסקוסיע. פונקט אַזוי דאַרפסטו זיך היטן נישט צו באַזירן דיינע אַרגומענטן אויף אַ petitio principii *). איינער קאָן זיין גענייגט צו באַהויפּטן, אַז די אומבאַוווּסטע סובסטאַנצן דאַרפן גיכער באַטראַכט ווערן אַלס ווירקלעכע זאַכן איי־

*) petitio principii — אַ טערמין אין דער לאָגיק, וואָס באַדייט: זיך שטיצן אויף אַ באַהויפּטונג, וואָס דאַרף נאָך ערשט באַוויזן ווערן. (איבערזעצער).

דער די אידעען אין אונדזער געדאַנק; און ווער ווייסט, אפשר ווירקט מיט די דרויסנדיקע נישט־דענקנדיקע סובסטאַנץ, בײַם באַשאַפן אונדזערע אידעען, ווי אַן אורזאַך אָדער אינסטרומענט. אָבער, צי הייסט דאָס דען נישט, אַז אונדזער אויסגאַנגספּונקט באַזירט אויף דער סברה, אַז עס זענען פֿאַראַן אַזעלכע אויסערלעכע סובסטאַנצן? און צי איז דען נישט קלאָר, אַז אָננעמענדיק דאָס, שטיצט מען זיך אויף אַ באַהויפּטונג, וואָס דאַרף ערשט באַוויזן ווערן? מער ווי אַלץ דאַרפֿסטו זיך היטן, דו זאָלסט זיך אַליין נישט אָפּנאַרן מיט דעם געוויינטלעכן סאָפיזם, וואָס ווערט אָנגערופֿן: Ignoratio elenchi*). האָסט אָפּט גערעדט אַזוי ווי דו וואָלסט פֿאַרשטאַנען, אַז איך שטעל זיך אײַן פֿאַר דער נישט־עקזיסטענץ פֿון חושימדיקע זאַכן, בעת אין אמתן קאָן קיינער נישט זײַן מער איבערצײַגט אין זייער עקזיסטענץ, ווי איך בין עס. און דו ביסט דאָך דער, וואָס צווייפֿלט, — בעסער געזאָגט, דו לייקנסט באַשטימט זייער עקזיסטענץ. יעדע זאַך, וואָס ווערט געזען, באַרירט, געהערט, אָדער אויף וועלכן עס איז אופן עמפּונדן דורך די חושים, איז, — לויט די פּרינציפּן, וועלכע איך נעם אָן, — אַ ווירקלעך וועזן; אָבער נישט לויט דײַנע פּרינציפּן. געדענק, אַז די מאַטעריע, פֿאַר וועלכער דו שטעלסט זיך אײַן, איז אַן אומבאַוווסטער עפּעס (אויב מען קאָן דאָס באמת אָנרופֿן

*) ignoratio elenchi—אַ טערמין אין דער לאָגיק, וואָס באַדייט: אַ חסרון, וואָס באַשטייט אין איגנאָרירן, באַוווסטזיניק אָדער אומבאַוווסטזיניק, דעם עיקרדיקן שטרײַטפּונקט. (איבערזעצער).

אַן ע פּ ע ס), וואָס איז פולשטענדיק אויסגעטאָן פון אַלע חושימדיקע קוואַליטעטן, און קאָן נישט עמפּונדן ווערן דורך די חושים, אָדער אויפגענומען ווערן פון געדאַנק. געדענק, איך באַטאָן, אַז די מאַטעריע איז נישט אַ װעלכער עס איז אָביעקט, וואָס איז האַרט אָדער ווייך, הייס אָדער קאַלט, בלוי אָדער ווײַס, קײַלעכדיק אָדער פּירעקיק, אאַ"וו. ווײַל איך באַהויפּט, אַז אַט די אַלע זאַכן עקזיסטירן יאָ. הגם איך לייקן באמת, אַז זיי האָבן אַן עקזיסטענץ, וואָס איז אַנדערש פון עמפּונדן ווערן, אָדער, אַז זיי עקזיסטירן בכלל דרויסן פון יעדן געדאַנק. דענק נאָך וועגן די־אָ פּונקטן, באַטראַכט זיי אויפמערקזאַם, און האַלט אויף זיי בסדר אַן אויג. אויב נישט, וועסטו נישט פאַרשטיין דעם באַדײַט פון דער פראַגע, און דײַנע אײַנוועַנדונגען וועלן קיינמאָל נישט טרעפן אין ציל, און עס איז מעגלעך, אַז אַנשטאָט מײַנע, וועלן זיי טרעפן דײַנע אייגענע באַגריפן (ווי עס האָט שוין מער ווי איינמאָל פּאַסירט).

ה י ל אַ ס – איך מוז מודה זײַן, פילאָנוס, אַז קיין זאַך האָט מיך אַזוי שטאַרק נישט אָפּגעהאַלטן פון אײַנשטימען מיט דיר, ווי גראָד דאָס דאַזיקע מ י ס פ אַ ר ־ ש ט ײ ע נ י ש בנוגע דער פּראָבלעם גופא. אויפן ערשטן בליק האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז ווען דו לייקנסט מאַטעריע, לייקנסטו מיט דעם די עקזיסטענץ פון זאַכן, וואָס מיר זעען און באַרירן; אָבער נאָך דעם, ווי איך האָב נאָכגעטראַכט וועגן דעם, זע איך אײַן, אַז די דאַזיקע מיינונג האָט נישט קיין גרונט. דעריבער, וואָס דענקסטו וועגן דעם, מיר זאָלן אײַנהאַלטן דעם נאָמען מ אַ ט ע ר י ע און

אים אָנווענדן אויף ח ו ש י מ ד י ק ע ז אַ כ ן ? דאָס מעגסטו טאָן אָן וועלכער עס איז ענדערונג אין דײַנע מיינונגען; און גלויב מיר, אַז דאָס וואָלט געהאָלפֿן שלום צו מאַכן מיט דײַנע פּרינציפּן אַ טייל מענטשן, וועלכע עס שאַקירט מער די נײַקייט פֿון ווערטער, ווי די נײַקייט פֿון מיינונגען.

פֿ י ל אָ נ ו ס – איך בין מסכּים מיטן גאַנצן האַרצן: האַלט אײַן דאָס וואָרט מ אַ ט ע ר י ע און ווענד עס אָן אויף חושימדיקע אָביעקטן, אויב עס געפֿעלט דיר אַזוי; נאָר מיטן תּנאַי, דו זאָלסט זיי נישט צושרײַבן וועלכע עס איז עקזיסטענץ, וואָס איז אַנדערש פֿון זייער עמפּפֿונדן ווערן. איך וועל זיך קיינמאָל נישט אַמפּערן מיט דיר וועגן אַן אויסדרוק. מ אַ ט ע ר י ע אָדער מאַטעריעלע ס ו ב ס ט אַ נ ץ זענען טערמינען, וואָס פֿילאָזאָפֿן האָבן אײַנגעפֿירט; און אין דעם זין, ווי זיי באַנוצן זיי, באַדײַטן זיי אַ מין אומאָפּהענגיקייט אָדער אַן עקזיסטענץ, וואָס איז אַנדערש פֿון עמפּפֿונדן ווערן דורך אַ געדאַנק. אָבער פּשוטע מענטשן באַנוצן זיך קיינמאָל נישט מיט דעם טערמין; און אויב זיי באַנוצן זיך ווען עס איז יאָ מיט אים, איז דאָס נאָר צו באַצייכענען אוממיטלבאַרע אָביעקטן פֿון די חושים. דעריבער קאָן מען אָננעמען, אַז אַזוי לאַנג ווי מיר האַלטן אײַן די נעמען פֿון אַלע אייגנצלנע זאַכן, און דערצו די טערמינען ח ו ש י מ ד י ק ע, ס ו ב ס ט אַ נ ץ, ק ע ר פּ ע ר, ש ט אָ ף, א ד "ג, וועט דאָס וואָרט מ אַ ט ע ר י ע קיינמאָל נישט אויספֿעלן אין געוויינטלעכן געשפּרעך. אָבער אין פֿילאָזאָפֿישע אָפּהאַנדלונגען, ווײַזט אויס, איז בעסער,

מען זאָל דעם טערמין אין גאַנצן אויסלאָזן; מחמת עס איז אפשר נישטאָ קיין איין איינציקע זאַך, וואָס האָט אַזוי פיל באַגינסטיקט און פאַרשטאַרקט די פאַרדאַרבענע נייגונג פון געדאַנק צום אַטעאיזם, ווי דער דאָזיקער אַלגעמיינער, אומקלאָרער טערמין.

הײלאַס — אָבער, פילאָנוס, אַזוי ווי איך בין מסכּים אויפצוגעבן דעם באַגריף וועגן אַ נישט־דענקנדיקער סובסטאַנץ, וואָס איז מחוץ פון געדאַנק, דוכט זיך מיר, אַז דו דאַרפסט בײַ מיר נישט צונעמען די פּריווילעגיע צו באַנוצן זיך מיטן וואָרט מאַטעריע, ווי מיר געפעלט, און דאָס אָנצווענדן אויף אַ גרופּע חושימדיקע קוואַליטעטן, וואָס עקזיסטירן נאָר אין געדאַנק. איך גיב גערן צו, אַז אין שטרענגן זין איז נישטאָ קיין אַנדער סובסטאַנץ אויסער גײַסט. איך בין שוין אָבער אַזוי לאַנג צוגעוווינט צום טערמין מאַטעריע, אַז איך ווייס פשוט נישט ווי זיך מיט אים צו שיידן. די באַהויפּטונג, אַז עס איז נישטאָ קיין מאַטעריע אין דער וועלט, איז מיר נאָך אַלץ דערווידער. אָבער אין אמתן איז נישטאָ קיין מאַטעריע נאָר דאַן, ווען אונטער מאַטעריע ווערט פאַרשטאַנען אַ נישט־דענקנדיקע סובסטאַנץ, וואָס עקזיסטירט אומאָפּהענגיק פון געדאַנק; אויב אָבער אונטער מאַטעריע ווערט פאַרשטאַנען אַ וועלכע עס איז חושימדיקע זאַך, וואָס איר עקזיסטענץ באַשטייט אין עמפּונדן ווערן, דענסטמאָל איז יאָ פאַראַן מאַטעריע. די דאָזיקע נפקא־מינה גיט צו דער זאַך אַ גאַנץ אַנדער אויסזען; און מענטשן וועלן האָבן ווייניק שוועריקייטן אָנצונעמען דײַנע באַגריפן, ווען מען וועט זיי

פאַרשטעלן אויף דעם אופן. ווייל נאָך אַלעם עקזיסטירט דער שטרייט וועגן מאַטעריע, אין דער שטרענגער באַדייטונג פון דאָזיקן וואָרט, בלויז צווישן דיר און די פילאָזאָפן, וועמענס פרינציפּן, איך בין מודה, זענען ווייט נישט אַזוי נאַטירלעך, אָדער אין הסכּם מיטן פּשוטן שכל פון דער מענטשהייט און מיט די הייליקע שריפטן, ווי דאָס זענען דײַנע פרינציפּן. מיר פאַרלאַנגען אָדער מײַדן אויס זאַכן בלויז אויף אַזוי ווײַט, אויף וויפל זיי פאַרשאַפן,-אָדער מיר מיינען, אַז זיי קאָנען אונדז פאַרשאַפן,-גליק אָדער אומגליק. אָבער וואָס האָבן צו טאָן גליק אָדער אומגליק, פרייד אָדער צער, פאַרגעניגן אָדער לײַדן מיט אַבסאָלוטער עקזיסטענץ, אָדער מיט אומבאַוווסטע וועזנס, וועלכע האָבן מיט אונדז קיין שייכות נישט? עס איז קלאָר, אַז זאַכן זענען אונדז נוגע בלויז אויף וויפל זיי געפעלן אָדער געפעלן אונדז נישט; און זיי קאָנען אונדז געפעלן אָדער נישט געפעלן ווערן בלויז אויף אַזוי ווײַט, אויף וויפל זיי ווערן עמפּפונדן. מער זענען זיי אונדז נישט נוגע; און בּמילא לאָזן מיר זיי איבער אַזוי, ווי מיר האָבן זיי געפונען. פונדעסטוועגן איז דאָך פאָרט פאַראַן עפּעס נײַס אין דער דאָזיקער לערע. עס איז קלאָר, אַז איצט דענק איך נישט אין הסכּם מיט די פילאָזאָפן און אויך נישט מיט די פּשוטע מענטשן. איך וואָלט וועלן וויסן, ווי זעט אויס די זאַך אין פאַלגנדער הינזיכט: וואָס האָסטו צוגעגעבן, אָדער וואָס האָסטו פאַרענדערט אין מײַנע פריערדיקע באַגריפן?

פילאָנוס - איך פּרעטענדיר נישט צו זײַן אַן אויפֿבויער פון נײַע באַגריפן. אַלץ, וואָס איך שטרעב, איז צו

פאַרייניקן און אוועקצושטעלן אין אַ מער קלאָרער ליכט דעם אמת, מיט וועלכן די פּשוטע מענטשן און די פילאָ־זאָפן האָבן זיך נאָך פרוער בשותפות איינגעטיילט: די פּשוטע מענטשן האַלטן, אַז די זאַכן, וואָס זיי עמפינדן אוממיטלבאַר זענען דיווירקלעכע זאַכן; און די פילאָזאָפן—אַז די זאַכן, וואָס ווערן אוממיטלבאַר עמפונדן, זענען איי־דעען, וועלכע עקזיסטירן בלויז אין גע־דאַנק. אַט די צוויי באַגריפן, פאַרייניקט צוזאַמען, בילדן פאַקטיש דעם תּמצית פון דעם, וואָס איך שלאָג פאָר.

הילאַס – אַ לאַנגע צייט האָב איך נישט געטרויט מיינע חושים; מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז איך האָב גע־זען זאַכן אין אַ טונקל ליכט און דורך גלעזער, וואָס נאַרן אָפּ. איצט זענען די ברילן באַזייטיקט געוואָרן און אַ נייַ ליכט באַלייכט מיין פאַרשטאַנד. איך בין פעסט איבער־צייגט, אַז איך זע זאַכן אין זייערע אורשפּרינגלעכע פאַר־מען, און איך זאָרג זיך נישט מער וועגן זייערע אומבאַ־וווּסטע נאַטורן אָדער אַבסאָלוטער עקזיס־טענץ. דאָס איז דער צושטאַנד אין וועלכן איך געפין זיך איצט, הגם אין אמתן באַגרייף איך נאָך אַלץ נישט גרינטלעך דעם וועג, וואָס האָט מיך צו דעם געפירט. דו האָסט אָנגעהויבן פון די זעלביקע פּרינציפּן, פון וועלכע עס גייען געוויינטלעך אַרויס די אַקאַדעמיקער, קאַרטעזיאַנער און ענלעכע סעקטן; און אַ לאַנגע צייט האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז דו האָסט זיך איינגעשטעלט פאַר זייער פילאָזאָפישן סקעפּ־

טיציזם; אָבער צום סוף זענען דײַנע שלוסן פּונקט דער היפּוך פון זײערע.

פ י ל אָ נ ו ס — דו זעסט, הײלאַס, װי דאָס װאַסער פון יענעם פאָנטאַן װערט געטריבן צו אַ געװיסער הױך אין דער פאָרם פון אַ קײַלעכדיקן זײַל, און דאָרט צעברעכט ער זיך און פאַלט צוריק אין באַסײן פון װאַנען ער האָט זיך אױפגעהױבן; דער אַרױפשטײַג, אַזױ גוט װי דאָס אַרונטערפאַלן, נעמען זיך פון דעם זעלביקן אײנפאָרמיקן געזעץ אָדער פרינציפּ פון גראַװיטאַציע. פּונקט אַזױ איז מיט פרינציפּן; די זעלביקע פרינציפּן, װעלכע פירן אױפן ערשטן בליק צום סקעפּטיציזם, פירן צוריק דעם מענטשן צום פּשוטן פאַרשטאַנד, װען מען פאַרטיפט זיך אין זײ ביז אַ געװיסן פּונקט.

אינהאַלט:

זייט

פאָרוואָרט — — — — — — — — — — — — 3

באַמערקונגען וועגן בערקליס טערמינאָלאָגיע — — — — 17

ערשטער דיאַלאָג — — — — — — — — — — — 27

צווייטער דיאַלאָג — — — — — — — — — — — 113

דריטער דיאַלאָג — — — — — — — — — — — 159